NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02244

YIDN AMOL

Hyman B. Bass

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. בעז (בעזפּראָזוואַני)

אידן אַמאָל

ארבעטס־בוך און לייען־בוך פאַר אידישער געשיכטע
פון גלות בבל ביז נאָך בר כוכבא׳ס אויפשטאַנד

פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל

424 גרענד סטריט   ניו יאָרק

200

Copyright
By H. Besprosvany
New York, 1933

צו די לערער

דאָס בוך „אידן אַמאָל" איז באַשטימט פאַר קינדער, וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען אידישע געשיכטע ביז אַן ערך גלות בבל. עס איז אַ המשך פון מיין „אַרבעטס־בוך פאַר אידישער געשיכטע", וואָס איז דערשינען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

דאָס איצטיקע בוך איז אַביסל אַנדערש פון'ם ערשטן („דאָס אַרבעטס־בוך"), עס פאַרמאָגט ניט בלויז אַרבעטן, פראַגן, אויפגאַבן, מאַפּעס, נאָר אויך אַ טעקסט צום לייענען, וואָס גיט איבער דעם סיפור־המעשה, גיט צומאָל אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון דער תקופה א. ד. גל.

כאָטש דאָס איצטיקע בוך איז מעטאָדיש אַ המשך פון'ם „אַרבעטס־בוך", דאָך וועלן זיך אפילו יענע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אידישע געשיכטע פון אַן אַנדער טעקסט־בוך, אָדער גאָר אָן אַ טעקסט, מיט מיין נייער אַרבעט קאָנען באַנוצן.

כ'האָב בכיון אָנגעהויבן מיט אַן אַריינפיר פון אַן ערך 30 זייטן, וואָס גיט איבער די אידישע געשיכטע ביזן גלות בבל גאַנץ קורץ און מיט נאָר ווייניק דעטאַלן. כ'האָב דאָס געטאָן טאַקע דערפאַר, ווייל איך האָב געוואָלט, אַז די קינדער, וואָס הייבן אָן דאָס נייע בוך „אידן אַמאָל" און האָבן „דאָס אַרבעטס־בוך" ניט באַנוצט, זאָלן זיך באַקענען מיט דער באַלייכטונג פון פאַקטן און פּאַסירונגען, וואָס איך האָב אין'ם „אַרבעטס־בוך" געגעבן, ווי אויך מיטן נייעם סאָרט אַרבעטן, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן.

פאַר קינדער, וואָס זיינען שוין מיטן „אַרבעטס־בוך באַקאַנט, וועט דער קורצער אַריינפיר דינען, ווי אַן איבער'חזר'ונג, וואָס נעמט צונויף די באַזונדערע פּאַסירונגען און ווייזט זייער צוזאַמענהאַנג, זייער שייכות און אָפּהענגיקייט... עס הייסט פשוט, אַן איבערזיכט, וואָס קימערט זיך ניט פיל וועגן פּרטים, נאָר זוכט הויפּטזעכלאַך אונטערצושטרייכן דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען.

דער עיקר טייל פון בוך איז פיל מאָל אויספירלאַכער ווי דער אַריינפיר.

כאָטש איך האָב זיך ניט פאַרמאָסטן צו געבן אין מיין קליינער אַרבעט קיין עפּיק פון די פאַרלאָפענע צייטן, דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז געשיכטע פאַר קינדער דאַרף ניט בלויז לערנען, נאָר אויך רירן.

גרויסע געשעענישן אין דעם אידישן אַמאָל דאַרפן אונז דערהויבן, דאַרפן דערוועקן אין אונז טיפע איבערלעבונגען; ס'איז באמת פאַרפעלט אָפּט דעם עיקר, ווען געשיכטע זאָל דורכלאָזן די גרויסע מענשלאַכע שטרייטן און נסיונות און זיך אָפּגעבן נאָר מיט פּרטים, מיט שטויב.

גערירט ווערן, באַגייסטערט ווערן, דורכגעדרונגען ווערן מיט סימפּאַטיע אָדער צאָרן, ליבע אָדער האַס, איז גאָר ניט קיין סתירה, נאָר אדרבה אַ הילף, צו פאַרשטיין דעם שטראָם פון די געשיכטלאַכע פּאַסירונגען, דעם געראַנגל פון דורות, דעם ווירוואַר פון'ם לעבן אַמאָל און במילא אויך אונזער אייגן לעבן, אויך אונזערע אייגענע שטרייטן און נסיונות און ראַנגלענישן...

געשיכטע, וואָס לאָזט אונז איבער קאַלט, גלייכגילטיק, וואָס וועקט ניט צו מעשים, האָט פאַרפעלט אַ גרויסע מעגלאַכקייט פאַרן יונגן מענשן.

געשיכטע דאַרף אָבער צוליב דעם בשום אופן ניט ווערן דוקא אַ זאַמלונג געשיכטלאַכע אַנעקדאָטן, רכילות'ן און סתם מעשהלאַך.

מעשהלאַך האָבן אַ גרויסן ווערט פאַר דער דערציאונג פון קינדער, (איך קען דאָס אייגענע ניט זאָגן וועגן היסטאָרישע רכילות'ן), אָבער נאָר דעמאָלט, ווען די קינדער זיינען נאָך גאָר יונג, אָדער, וואָס שייך עלטערע קינדער, ווען די מעשות ווערן געגעבן אַלס שיינע ליטעראַטור, אַלס פאָלקס־שאַפונג — ניט אַלס געשיכטע.

וואָס שייך געשיכטע דאַרף זי אַליין אפשר פאַרמאָגן עטוואָס פון דער שפּאַנונג און אָנציִענדיקייט פון אַ מעשה, פאַרשטייט זיך דערציילנדיק אמת'ע פאַקטן און ניט קיין פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען. מעשהלאַך און געשיכטע זיינען ניט קיין פּאָר. פון מעשהלאַך האָט מען נאָר הנאה, מען פרעגט אָבער אויף זיי קיין קשיה ניט ; דאָס איז דאָך אָבער גראָד איינער פון די עיקרים פון געשיכטע, — קאָנטראָלירן, פרעגן, פאַרשטיין, זען שייכות'ן...

די שייכות'ן זיינען דער עיקר, ווער עס זעט זיי ניט איז געגליכן צו אַ בלינדן וואָס טאַפּט אין דער פינצטער.

די פאַרשטעלונג, אַז פאַר קינדער קען מען ניט דערציילן דעם אמת פון לעבן נאָר מען מוז כּסדר אָנקומען צו די אַלטע טראַדיציעס, אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען שוין לאַנג אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דער היסטאָרישער פאָרשונג, איז נאָר אַ תירוץ פון די, וואָס ווילן אפנים ניט דערציילן דעם א מ ת. ווער ווייס ?

לערער וואָס זיינען אָבער אויסן צו געבן די קינדער דורך אידישער געשיכטע אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער אידישער געגנוואַרט קענען קיין אַנדערע אויסער אמת'ע פאַקטן ניט דערציילן.

ש פּ אַ נ ו נ ג, ה ע ר אָ א י ז ם, ג ע ר אַ נ ג ל . . . פאַרמאָגט אויך דאָס ו ו י ר ק ל אַ כ ע ל ע ב ן. און איז דען ניט צומאָל דאָס לעבן אפילו וואונדערלאַכער פון אַ מעשה ?...

דער וועג־ווייזער במשך פון דער גאַנצער אַרבעט זיינען דערעיקרשט געווען מיינע אייגענע לערערישע דערפאַרונגען. איך האָב געפאָרשט די מעטאָדישע ליטעראַטור, אָבער ערשט מיין אייגענע דערפאַרונג אין שול האָט מיר געוויזן, וואָס עס איז מעגלאַך און וואָס עס איז ניט מעגלאַך. איך האָב די מעגלאַכקייטן געזוכט אויסצונוצן, פאַרמערן, כ'האָב זיך אָבער כּסדר דערווייטערט פון ניט מעגלאַכן, פון דעם, וואָס קען מער ווי אַנטוישונגען ניט ברענגען...

די אידישע שול אין אַמעריקע האָט דערוויל ווייניק צייט (שוין צו ווייניק !) און זייער באַגרעניצטע מעגלאַכקייטן פאַר אַרבעט. ווען געשיכטע, למשל, ווערט געלערנט אויפן אַלטן, ניט איבערקלייבערישן שטייגער, ניט האַבנדיק קיין פאַרשטענדעניש גלייך ביים אָנהייב, פאַר די אַלע שוועריקייטן און ניט האַבנדיק פאַר זיך גלייכצייטיק קיין פּלאַן, ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן, בלייבט דער לערער אָפּט, ריכטיקער, אַלעמאָל, אין סאַמע מיטן, ביי אַ ח ו ר ב ן, אַ שטייגער, און קינדער ווייסן שפּעטער גאָרניט פון די וויכטיקסטע תקופות אידיש לעבן. דאָס איז אַ טעות, וואָס מוז פאַרריכט ווערן. ס'איז נויטיק אַ נייער סינטעז פון פאַקטן, אַן אויסוואַל פון מאָמענטן. געוויסע פּרטים מוזן אויסגעשטראָכן ווערן, פאַרקערט, נייע פראַגן, וואָס זיינען אַמאָל אפשר גאָרניט געווען אַקטועל, דאַרפן ערשט אויפגעהויבן ווערן.

די גאַר אַלטע געשיכטע דאַרף (ווי שווער אונז זאָל דאָס ניט אָנקומען) געקירצט ווערן, כדי עס זאָל, ווען עס איז, מעגלאַך זיין צו לערנען די געשיכטע פון מיטלאַלטער און אפילו די געשיכטע פון דער נייער צייט. קירצן די אַלטע געשיכטע, מיינט אָבער לגמרי ניט לערנען זי אויבערפלעכלאַכער, נאָר פאַרקערט, לערנען אפשר מיטן זעלבן פאַרנעם, נאָר וועגן אַ קלענערער צאָל היסטאָרישע פּאַסירונגען און געשעענישן.

מעטאָדאָלאָגיש איז דאָס מעגלאַך, ווייל סיי ווי איז יעדע געשיכטע ניט מער ווי אַ סינטעז, אַן אויסוואַל פון פאַקטן און זייער צוזאַמענהאַנג, און ניט קיין פולע זאַמלונג פון זייע אַלע. אַ קירצערע געשיכטע איז דעריבער אויך געשיכטע, הגם מיט ווייניקער פּרטים.

דער פּרינציפּ פון אויסוואַל, גלויב איך, דאַרף זיין:

א) ניט אויסצושטרייכן יענע פאַקטן און פּאַסירונגען, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר ניט געקאָנט אויסמאָלן דאָס בילד פון אַנטוויקלונג אין דער אידישער געשיכטע.

ב) ניט דורכלאָזן יענע מאָמענטן, וואָס גיבן די אינטערפּרעטאַציע און די פּערספּעקטיוו פון דער תקופה.
עס מעגן אָבער אויסגעשטראָכן ווערן יענע פּרטים:

א) וואָס זיינען ניט מער ווי אַן איבערחזרונג, אָדער וואַריאַציע פון ענלאַכע פּאַסירונגען אין דער זעלבער תקופה.

ב) וואָס האָבן מיטן אַלגעמיינעם היסטאָרישן שטראָם קיין שייכות ניט און האָבן אויפן ווייטערדיקן היסטאָרישן גאַנג קיין ווירקונג ניט געהאַט.

ג) וואָס זיינען שייך ניט מער ווי צו דער געשיכטע פון היסטאָרישע יחידים, זייער וואַנדערלאַכן לעבנס-וועג א. ד. גל. הגם היסטאָרישע מעשות באַלעבן שטאַרק דעם לימוד פון געשיכטע און מען קאָן זיי פון אַ געשיכטע-קרוס פאַר קינדער ניט אויסשליסן, פונדעסטוועגן מעגן זיי אין אַ נויטפאַל געקירצט ווערן.
עס דאַרף אָבער ווי ווייט מעגלאַך אַרויסגעהויבן ווערן:

א) דער וועג פון אידישע וואַנדערונגען.

ב) די היסטאָרישע סיבות און קאַטאַסטראָפעס וואָס האָבן געצוואונגען די אידן צו עמיגרירן (סיי פּאָליטישע, סיי עקאָנאָמישע, סיי קולטורעלע).

ג) די אַנטוויקלונג און דעגענעראַציע פון אידישע פּרנסות.

ד) די אידישע אויטאָנאָמיע און זעלבסט-פאַרוואַלטונג.

ה) די געזעלשאַפטלאַכע און קולטורעלע אַנטוויקלונג.

ו) די ווירקונג פון דער וועלט אויף די אידן און די ווירקונג פון די אידן אויף דער ציוויליזאַציע און קולטור פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט.

דאָס בוך האָב איך געשריבן לויט די היסטאָרישע מקורים און לויט די פאָרשונגען פון די מאָדערנע ביבליסטן און געשיכטע פאָרשער. אין מיין אַרבעט האָב איך אויך אינקאָרפּאָרירט עטלאַכע ווערטפולע קאַפּיטלען פון צוויי חשוב'ע שריפטשטעלער: לואיס בראַון (ענגליש) און רפאל גוטמאַן (אידיש). פון

בראונען („סטריינדזשער טהען פיקשן”) האָב איך באַארבעט די קאַפּיטלען „דער לעצטער שטרייט” און „נאָך אַלעמען”; ביי רפאל גוטמאַן האָב איך גע־נומען זיין איבערדערציילונג פון די תלמודישע לעגענדעס וועגן הלל׳ן און וועגן רבי עקיבא׳ן.

ל. בראונס דראַמאַטישע שילדערונג און גוטמאַנס געמיטלאַכע איבערדער־ציילונגען וועלן, גלויב איך, שטאַרק אויסנעמען ביי די קינדער.

די סטאַטיסטישע טאַבעלן אויף די זייטן 8 און 10 זיינען אַרויסגענומען פון דער פּראָבע־העפט פון דער אידישער ענציקלאָפּעדיע, בערלין.

איך וויל לסוף באַדאַנקען אַלע די יעניקע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן ביים צונויפשטעלן און אַרויסגעבן דאָס בוך.

מיין הארציקער דאַנק דעם בילדונגס־דירעקטאָר פון ארבייטער־רינג, פר. פ. געליבטער, און דעם דירעקטאָר פון דער ניו־יאָרקער א. ר. מיטל־שול, ז. יעפרויקין. ביידע האָבן געלייענט דאָס בוך אין מאַנוסקריפט און מיט זייערע ווערטפולע עצות האָב איך זיך תמיד גערעכנט.

טיילן פון מאַנוסקריפּט האָבן אויך געלייענט די חברים לערער: ת. בערנ־שטיין, ד. בערעזער, ב. געבינער, מ. וולאַדקאָווסקי און י. לאַזאַרסאָן. איך דאַנק זיי פאַר זייער טרחה און פאַר זייער הילף.

דאָס בוך, הגם אַביסל פאַרשפּעטיקט, דערשיינט מיט דער הילף פונ׳ם בילדונגס־קאָמיטעט פון ארבייטער־רינג, וואָס האָט זיך אָבאָנירט אויף אַ גע־וויסער צאָל עקזעמפּלאַרן.

איך גלויב, אַז די לערער וועלן ניט נעמען פאַר אומגוט, אויב איך וועל זיי בעטן אָפּרופן זיך און אָנווייזן אויף מעגלאַכע אויסבעסערונגען א. ד. גל.

אַלע בריוו דאַרפן געשיקט ווערן אויף פאָלגנדיקן אַדרעס:

H. BESPROSVANY, c/o MEISEL'S BOOK STORE

424 Grand Street, New York, N. Y.

אידן אַמאָל

צעזייט און צעשפּרייט



ישוב	ישובים . . . . . .
חרוב (כאָרעוו)	פרנסות (פּאַרנאָסעס) . . . .

1. צעזייט און צעשפּרייט

שוין הונדערטער און הונדערטער יאָרן, ווי אידן זיינען אַ פֿאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

ניטאָ באַלד קיין לאַנד, וואו אידן זאָלן אַצינד ניט וואוינען. אין אַמעריקע, סאָוועט־רוסלאַנד, פּוילן, דייטשלאַנד, אַפילו אין כינע און טערקיי — אומעטום לעבן אידן... די זון גייט קיינמאָל ניט אונטער אויף דער אידישער וועלט.

ניט אומעטום זיינען אָבער אידן אויפגעזאַמלט אין גרויסע מאַסן, אין מיליאָנען. פֿאַראַן לענדער, וואו עס לעבן נאָר הונדערט טויזנט אידן, אָפּטמאָל אַפילו ווייניקער. די גרויסע אידישע מ אַ ס ן זיינען קאָנצענטרירט נאָר אין עטלאַכע לענדער.

אַ גרויסע אידישע באַפעלקערונג פֿאַרמאָגן די פֿאַראייניקטע שטאַטן (ארום 4½ מיליאָן), פּוילן (אַרום 3 מיליאָן) און סאָוועט־רוסלאַנד (מער ווי 2½ מיליאָן).

קלענערע אידישע ישובים, פֿון הונדערט טויזנט, און צען טויזנט, זיינען צעוואָרפֿן איבער אַלע ווינקעלאַך פֿון דער ערד. ארום און ארום זיינען היינט צו טאָג אויף דער וועלט פֿאַראַן צווישן 15 און 16 מיליאָן אידן.

שוין זייער לאַנג ווי אידן זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט. די צעשפּרייטונג שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ.

די אויסשפּרייטונג פֿון די אידן איבער דער וועלט איז ניט געשען מיט אַמאָל, פּלוצלונג. פֿאַרקערט, זי איז פֿאָרגעקומען אין לויף פֿון הונדערטער און הונדערטער יאָרן און איז אָפֿט געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע פֿאָלקס־אומגליקן אין אידישן לעבן.

ניט זעלטן האָט מען פּשוט מיט גוואַלד טויזנטער אידן פֿאַרטריבן אין דער פֿרעמד, צוגענומען זייער האָב און גוטס, חרוב געמאַכט זייערע היימען... אַן אַנדערש מאָל זיינען די אידן אַליין אַנטלאָפֿן, ראַטעווענדיק זיך פֿון טויט, פֿון הונגער, פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען. אָבער אַפילו אין שטילערע יאָרן פֿלעגן אָפֿט מאַסן אידן אַליין אויסוואַנדערן פֿון איין לאַנד אין אַ צווייט לאַנד. מערסטנס, צוליב נויט, אָרימקייט, ווייל ס'האָט זיך ניט געלעבט גוט אין דער פֿריערדיקער היים.

אַ וועלט־פֿאָלק

די הונדערטער יאָרן וואַנדערונג זיינען ניט געבליבן אָן אַ ווירקונג אויפֿן אידישן לעבן. אידן זיינען געוואָרן אַ וועלט־פֿאָלק. לעבנדיק צעזייט און צעשפּרייט האָבן אידן געווירקט אויף די פֿעלקער מיט וועלכע זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן, אָבער די אַרומיקע פֿעלקער האָבן אויך געווירקט אויף די אידן.

אידן האָבן עטלאכע מאָל געביטן זייער פֿאָלקס־שפּראַך, די פּרנסות. ס׳האָט זיך אַפֿילו געביטן דער ק ו ק א ו י פֿ ן ל ע ב ן, אויף דעם וואָס עס איז ג ו ט, וואָס עס איז שלעכט, וואָס עס איז מיאוס און שיין. די אידן ה י י נ ט זיינען אַנדערש ווי די אידן אַ מ אָ ל.

אידן היינט און מיט הונדערט יאָר צוריק



די צאָל אידן, לויט די וועלט־טיילן, אין אונזער צייט און מיט הונדערט יאָר צוריק.

ריכטיק, פאַלש

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק, און דעם צייכן 0 לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו דענקסט אַז זיי זיינען פאַלש).

——— אידן זיינען זייער אַן אַלט פאָלק.

——— ס'איז שוין זייער לאַנג, ווי אידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט.

——— א ו מ ע ט ו ם לעבן גרויסע מ אַ ס ן אידן.

———אידן ה י י נ ט זיינען מיט גאָרניט אַנדערש, ווי די אידן אַ מ אָ ל.

——— די אַרומיקע פעלקער האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די אידן, און די אידן האָבן אויך באַווירקט די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט.

——— עס האָט ניט איינמאָל פּאַסירט אַז טויזנטער אידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע אַלטע היימען.

——— אין רואיקע יאָרן פלעגן אידן קיינמאָל ניט אויסוואַנדערן פון איין לאַנד אין אַן אַנדער לאַנד.

——— אידן היינטצוטאָג זיינען אַ וועלט-פאָלק.

——— פּוילן האָט די גרעסטע צאָל אידן אויף דער וועלט.

——— אַמעריקע איז זייער אַ גרויסער אידישער ישוב.

2. אַמאָל און היינט

אידן היינט זיינען אַנדערש ווי די אידן אַמאָל

איין וויכטיקער אונטערשייד:

פון די 16 מיליאָן אידן, וואָס לעבן היינטצוטאָג אויף דער וועלט, איז נאָר אַ האַלבער מיליאָן באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט; די איבעריקע 15½ מיליאָן זיינען שטאָט־מענשן און לעבן פון האַנדל, מלאכה און פרייע פּראָפעסיעס (מעדיצין, לערעריי, שרייבעריי א. ד. גל.).

אַמאָל זיינען אידן ניט געווען קיין שטאָט־מענטשן, ווי מיר היינט, נאָר פּויערים, ווייַנפּלאַנצער און פּאַסטוכער אין די דערפער. — מיט אַרום דריי טויזנט יאָר צוריק זיינען אידן געווען אַ פּאָלק פון ערד־אַרבעטער, וויינפּלאַנצער און פּאַסטוכער. דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן באַוואוינט, ארץ־ישראל (פּאַלעסטינע), איז געווען אַ קליין, אָרים לאַנד, פול מיט בערג און מיט טאָלן.

די בערג האָבן צעטיילט און אָפּגעפרעמדט די צעוואָרפענע דערפלאַך און די פּאַרצייטיקע שטעט. די אידישע פּויערים האָבן געלעבט אין אָרימע ליימענע שטיבלאַך, געאַקערט די ערד, געפּלאַנצט וויינגערטנער און בכלל (ביכלאַל) געפירט אַ פשוט (פּאָשעט) לעבן. זעלטן ווען פלעגן די אידישע פּויערים אַרויספאָרן פון דער היים. צו וואָס האָבן זיי זיך גע־דאַרפט לאָזן אין דער פרעמד? די קו האָט געגעבן מילך, פון די אייגענע פעלדער האָבן אידן געהאַט ברויט, די שעפסן פלעגט מען אַ פּאָר מאָל אין יאָר אָפּשערן און פון די אויסגעאַרבעטע וואָל אַליין אויסוועבן און שפּע־טער אויפנייען פאַר זיך פּראָסטע קליידער.

מיט האַנדל האָבן זיך די אידן אָפּגעגעבן זייער ווייניק. — אין ארץ־ישראל זיינען אידן קיינמאָל קיין האַנדלס־פאָלק ניט געווען. זיי האָבן געלעבט אָפּגעריסן פון ים און דאָס אַליין איז שוין געווען די גרעסטע שטערונג אַנצופירן אַ גרויסן האַנדל.

ארץ־ישראל איז אַ באַרגיק לאַנד, קיין גרויסע האַנדלס־קאַראַוואַנען האָבן זיך דעריבער דורך ארץ־ישראל ניט געצויגן. די גרויסע קאַראַ־וואַנען־וועגן זיינען געלעגן אויסער די גרעניצן פון יהודה, וואָרים פאַר די שווער־אָנגעלאָדענע קעמלען וואָלט געווען כמעט אוממעגלאַך צו שלעפּן זיך באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ. די קאַראַוואַנען פלעגן זיך דעריבער אַלעמאָל פאַרנעמען אָדער דורכן עבר־הירדן (אייוועער־האַיאַרדן) אָדער פאַרביי דעם ברעג פון ים, דורך די לענדער פון די פעניקיער און פלשתים (פּלישטים).

בילדער פון ארץ־ישראל

אָליוון־ביימער



דער פּאַסטוך און זיינע שאָף

דער וואַסער־טרעגער



אַליין אין דער וויסטעניש



דער ירדן

אַביסל צו טראַכטן און צו קלערן!

אידן אַמאָל און היינט.

1. די אידן אַמאָל האָבן געלעבט אין איין לאַנד. מיר היינט לעבן אין ....

2. די אידן אַמאָל זיינען מערסטנס געווען ערד־אַרבעטער. מיר היינט זיינען מערסטנס........................

3. די אידן אַמאָל האָבן מערסטנס געלעבט אין דערפער. די אידן היינט לעבן מערסטנס אין.................

4. די אידן האָבן אַמאָל געהאַט אַן אייגענע מלוכה. מיר היינט האָבן ....

5. די אידן האָבן אמאָל גערעדט העברעאיש. מיר היינט רעדן ....

מיט וואָס נאָך זיינען מיר היינט אַנדערש פון די אַמאָליקע אידן?

3. די ערשטע דריי הונדערט יאָר אין נייעם לאַנד

(אין יעדן זאַץ פעלט דאָס לעצטע וואָרט. זוך אויס דאָס נויטיקע וואָרט אין קאָלום, וואָס געפינט זיך לינקס. שרייב צו דאָס וואָרט און פאַרענדיק דעם זאַץ.)

מיט מער ווי דריי טויזנט יאָר צוריק זיינען אידן געוועזן פאַסטוכער פון ציגן און שעפסן און האָבן אומגעוואַנדערט אין — — — — — — — — —	ים
מיט יאָרן שפּעטער זיינען די אידישע פאַסטוכער אַריינגעקומען קיין כנען (פּאַלעסטינע), פאַרכאַפּט דערפער און שטעט און ביסלאכווייז געווארן אַ פאָלק פון — — — — — — — — — —	שעפסן
די אידישע פויערים האָבן די ערשטע יאָרן שטאַרק געליטן פון די מדבר-פעלקער, וואָס פלעגן אָנפאַלן, אומברענגען די תבואה (טוואוע) און אַוועקנעמען די — — — — — — —	ערד-אַרבעטער
שפּעטער האָבן אויף די אידן גענומען אָנפאַלן די פלשתים פון ברעג — — — — — — — — — — —	מדבר
די אידישע פויערים זיינען ניט געווען פאַראייניקט, די בערג און טאָלן האָבן זיי אָפּגעפרעמדט און — — — — — — — — — —	פאַראייניקט צעשיידט
אין די מלחמות מיט די פלשתים האָבן די אידן די ערשטע צייט כסדר (קעסיידער) — — — —	געוואונען
די ביטערע נויט, די גרויסע געפאַר האָט די אידן געצוואונגען צו פאַראייניקן זיך און גרינדן די — — — — — — — —	הויז

שאול, דוד און שלמה זיינען געווען די ערשטע דריי — — — — — — — — — — — — — —	שיפן
שאול האָט געפירט זייער א פשוט (פּאָשעט) לעבן, באַארבעט אַליין זיין פעלד און געלעבט אין אַ פראַסטע — — — — — — — — — — —	מלוכה
דוד האָט אָרגאַניזירט אַ שטענדיקע אַרמיי און האָט זיין גאַנץ לעבן געפירט מלחמות. אין זיין צייט איז די אידישע מלוכה געוואָרן זייער גרויס. די מערסטע מלחמות האָט דוד —	פאַרלאָרן
שלמה האָט געבויט שיינע פאַלאַצן, דעם בית-המקדש (ביים-האַמיקדעש), אַנטוויקלט דעם האַנדל אין לאַנד, ער האָט אַפילו געשיקט אין די ווייטע לענדער ———— אַראָפּצוברענגען גאָלד און נאָך אַנדערע טייערע אַרטיקלען.	קעניגן
שלמהס הערשאַפט איז אָבער געווען אַן אומגליקלאַכע פאַרן פאָלק. ער האָט איינגעפירט — — — — — — —	צינזן
און געריסן גרויסע — — — — — — — — — — — — — —	צוואַנג-אַרבעט
אַ סך אָרימע פויערים האָבן פאַרלאָרן זייער מאָגער ———— זיינען אַריינגעפאַלן אין קנעכטשאַפט.	ישראל
נאָך שלמהס טויט איז זיך זיין גרויסע מלוכה צעפאַלן אין צוויי טיילן: אין מלכות-יהודה און מלכות — — — — — — — — — — — — —	שטיקל ערד

געענטפערט ריכטיק ————   געענטפערט פאַלש ————

טיפּן פון דער אַלטער וועלט

אַ פּאַרצייטיקער איד

כנען׳ישע (קנאַאַנישע) פרויען

וואַנדערער פון מדבר



אַן אַלטער אידישער קאַלענדאַר



אַ קאַראַוואַן ביים ברעג ים

4. דאָס לאַנד און די מענטשן

ארץ-ישראל — אַ בריק צווישן לענדער און פעלקער פון דער אַלטער וועלט

ארץ-ישראל איז ניט געווען קיין רייך לאַנד. עס האָט ניט פאַר-מאָגט קיין קופּער, קיין גאָלד, קיין אָנגעגרייטע שפּייכלערס תבואה. די אידישע פּויערים האָבן געלעבט אין אָרימע, ענגע שטיבלאַך און האָבן אָפט געליטן הונגער ווייל דער הימל האָט ניט גערעגנט און די פעל-דער זיינען געלעגן פאַרשטויבט. דאָס קליינע באַרגיקע לאַנד איז אָבער גע-ווען אויפן וועג צווישן די גרויסע לענדער און די שטאַרקע מלוכות פון דער אַלטער וועלט.

דאָס איז געווען אַ מ ע ל ה (מיילע) — ארץ-ישראל איז כסדר (קע-סיידער) געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע וועלט-קולטורן, אָבער אויך אַ ח ס ר ו ן (כיסאָרן) — ארץ-ישראל האָט תמיד (טאָמיד) געליטן פון כמעט אַלע מלחמות.

פון איין זייט (צו דרום-מערב) איז געלעגן אויסגעשפּרייט דאָס לאַנד פון די פּיראַמידן — עגיפּטן, אַ לאַנד רייך מיט גאָלד, קופּער, ווייץ, גערשטן און שמעקעדיקע אוילן. פון דער אַנדער זייט (צו צפון-מזרח) — אשור, בבל (באָוועל), ביידע לענדער ביי די שטראָמען פון די צווילינג-טייכן טיגרים און יעפראַטוס. אשור — דער רויב-פויגל פון דער אַלטער וועלט, און בבל — אַ לאַנד, וואָס האָט אָנגעפירט אַ גרויסן האַנדל.

דאָס קליינע באַרגיקע ארץ-ישראל איז באמת געווען אַ בריק צווישן די לענדער און פעלקער פון דער אַלטער וועלט.

וואָס פאַר אַ פאָלק ס'האָט זיך נאָר געלאָזן אין וועג אריין באַ-הערשן די וועלט האָט געמוזט פריער, שפּעטער דורכגיין דעם בריק און ברענגען פאַרוויסטונג און נויט צו די אידישע דערפלאַך און שטעט.

ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַדייטן?

גערפין אוים און פאַרשרייב:

תבואה (טוואוע) . . .	בבל . . . .
צפון (צאָפן)	מזרח (מיזראַך) . . .
דרום (דאָרעם)	צפון-מזרח . . . . .
מערב (מייריעוו) . . .	אויספלינדערן . . . .
דרום-מערב	שפּייכלערס . . . . .

ארץ־ישראל — אַ בריק צווישן לענדער



זוך אויס און שפּעטער באַצייכן, וואו עס געפינט זיך: א) ארץ־ישראל, ב) עגיפּטן, ג) אַשור (אַסיריע), ד) בבל (באַבילאָניע), ה) דער אַראַבישער מדבר, ו) דער מיטללענדישער ים.

פאַרצייטיקע טעפּעריי־קונסט אין ארץ־ישראל







אין די באַצירונגען אויף די טעפּ שפּיגלט זיך אָפּ דער לעבנס־שטייגער פון אַמאָליקן ארץ־ישראל.



5. אשור — דער רויב־פויגל פון דער אַלטער וועלט

פון די ערשטע אָנצופאַלן אויף די אידן זיינען געווען די אַסיריער, אַ פאָלק פון קריגער און זעלנער; זיי האָבן געלעבט פון אויספּלינדערן און באַרויבן די פעלקער אַרום.

די געפאַנגענע פון די אַרומיקע לענדער פלעגן די אַסיריער פאַרשקלאַפן און שטעלן צו שווערער אַרבעט.

מיט שקלאַפן־אַרבעט האָבן זיי אין דער היים אויסגעבויט שטעט, פּאַלאַצן, אָבער קאָרן און ווייץ — ברויט, האָבן זיי אָפט געמוזט אַריבערברענגען פון די ל ע נ ד ע ר אַ ר ו ם, וואו ס'האָבן געלעבט אַרבעטזאַמע פּוערים און וואו אויך די ערד איז געווען מער פרוכטבאַר.

די אַסיריער האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף עגיפּטן. אין דער אַלטער צייט איז עגיפּטן געווען די קאָרן־קאַמער פון דער גאַנצער אַלטער וועלט. פון אַלצדינג איז דאָרט געווען. אין די שפּייכלערס איז געלעגן אָנגעגרייט ברויט אויף יאָרן; שיפן זיינען געגאַנגען אויפן נילוס אַרויף און אַראָפּ; עגיפּטישע ים־פאָרער האָבן אָנגעפירט אַ האַנדל מיט די איינוואוינער פון די אינזלען אויפן מיטללענדישן ים.

דורך עגיפּטן, פאָרנדיק מיטן רויטן ים, וואָלטן זיך די אַסירישע הענדלער אויך דערשלאָגן קיין אינדיע; דער קורצער וועג דורך בבל איז אַצינד געווען פארשטעלט צוליב די אָפטע בונטן פון דער בבל'שער באַפעלקערונג.



קיין עגיפּטן

ווער ס׳האָט געמאַכט עגיפּטן פאַר אַ רייך לאַנד







קוק זיך צו און דערצייל, וואָס דו זעסט אויף די בילדער.

6. טויזנטער אידן ווערן פאַרטריבן אין דער פרעמד

אין אַכטן יאָרהונדערט פ. ק. האָט זיך אַשור געלאָזן אין וועג. ס'האָט גענומען אַ שפּאָר ביסל צייט ביז אַשור איז דערגאַנגען קיין ישראל. אויפן וועג איז געלעגן די האַנדלס-שטאָט דמשק (דאַמעסעק).

די אידן פון ישראל האָט זיך פון אָנפאַנג אויסגעדוכט, אַז די אַסיריער זיינען דער שטעקן, וואָס וועט שטראָפן דמשק, פאַר אירע אַמאָליקע אָנפאַלן אויף די אידן. (אידן האָבן פריער שטאַרק געליטן פון דמשק.) אָבער די צייט האָט פון די צוויי אַמאָליקע שונאים, די אידן און די אַראַמייער, געמאַכט גוטע פריינט, וואָרום דער שטעקן האָט זיך געקליבן צו דערלאַנגעןביידן גלייך. אַשור איז געווען גרייט צו פאַרניכטן סיי דמשק, סיי ישראל. די אַראַמייער האָבן געשלאָסן מיט די אידן אַ בונד און פאַראייניקטערהייט זיינען די אַראַמייער און די אידן אַוועק אין מלחמה קעגן אַשור.

דער שטרייט איז געווען אַ פאַרצווייפלטער, ניט קיין גלייכער. די אַשורים זיינען געווען שטאַרקער פון די פאַראייניקטע פעלקערלאַך. דמשק איז אויסגערויבט און צעשטערט געוואָרן. די אַסיריער זיינען געקומען קיין ארץ-ישראל, פאַרכאַפּט די דערפער, ארומגערינגלט די הויפּט-שטאָט פון ישראל, שומרון (שוימרוין).

אַ שטיק צייט האָט געדויערט די באַלאַגערונג — די אידן, פאַר־שפּאַרט ווי אין אַ שטייג, האָבן זיך ניט געקענט העלפן — הונגער האָט געבראָכן זייער איינגעשפּאַרטקייט און זייער ווידערשטאַנד.

די אַסיריער האָבן זיך אריינגעריסן אין שטאָט, צעבראָכן, צע־שטערט, געטויט, טויזנטער אידן אַוועקגעפירט אין געפאַנגענשאַפט, אין די לענדער פון אַשור.

נאָר די גאָר אָרימע אידן האָט מען איבערגעלאָזט אין דער היים, דאָס לאַנד זאָל ניט אינגאַנצן חרוב ווערן. שפּעטער האָבן די אַסיריער געשיקט מענטשן פון אַ פרעמד פאָלק צו באַזעצן זיך אויף דער אידישער ערד און בלייבן דאָרט.

אַסירישער לעבנס־שטייגער

לויט די בילדער, וואָס אַסירישע קינסטלער האָבן געמאָלן.
די בילדער זיינען אַלט אַרום דריי טויזנט יאָר.



דער קעניג און די קעניגין

אַ רייטער און פוסגייער



אַן אַסירישער טעמפּל

געפֿאַנגענע אין אשור



די אַסיריער פּלעגן די געפֿאַנגענע פֿאַרשקלאַפֿן און שטעלן צו שווערער אַרבעט.
מיט שקלאַפֿן־אַרבעט האָבן די אַסיריער געבויט שטעט און פּאַלאַצן, געגראָבן
קאַנאַלן און אויסגעלייגט וועגן



אַן אַסירישע הויז אויף אַ באַרג.

מלחמה



די אסיריער באלאגערן א אידישע שטאָט



די אַסיריער מאַכן חרוב (כאָרעוו) דאָס לאַנד. זיי האַקן אוים די פרוכט-ביימער.

פֿאַרלאָרן אויף אייביק. — דער אָנפֿאַל פֿון אשור איז געווען אַ גרויסער אומגליק אין אידישן לעבן. טויזנטער אידן זיינען פֿאַרטריבן געוואָרן אין דער פרעמד. זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן די פֿעלקערלאַך פֿון די אונטערדריקטע לענדער. די, וואָס זיינען געווען אין דער פרעמד, האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער שקלאַפֿן־באַפֿעלקערונג פֿון די לענדער, וואו זיי זיינען פֿאַרטריבן געוואָרן. בלויז אַ הייפֿל האָט זיך אומגעקערט אַהיים אָדער האָט זיך פֿאַראייניקט מיט די אידן פֿון יהודה, וואָס זיינען אין יאָרן ארום פֿאַרטריבן געוואָרן קיין בבל. די, ווידער, וואָס די אַסיריער האָבן איבערגעלאָזט אויף זייער ערד, האָבן זיך, אין לויף פֿון יאָרן, אויסגעמישט מיט די אַריבערגעבראַכטע אַסירישע קאָלאָניסטן און זיינען געוואָרן אויס אידן.

די מלוכה פֿון אַשור

געפֿין אויס און שפּעטער באַצייכן: א) וואו איז ארץ־ישראל, ב) אַשור, ג) עגיפּטן, ד) דער מיטעללענדישער ים, ה) דער אַראַבישער מדבר.

די דיקע שטריכן באַצייכענען די גרעניצן פֿון דער אַסירישער אימפּעריע. קאָליר די מאַפּע.

7. אַ הייפל אידן צווישן בערג

די אידן פון מלכות ישראל זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין דער פרעמד. געבליבן אויף זייער אייגן לאַנד זיינען אַצינד נאָר די אידן פון מ ל כ ו ת - י ה ו ד ה.

די שוואַכקייט, די אָרימקייט האָט די קליינע מלוכה באַשיצט. די אידן פון יהודה האָבן זיך אונטערגעגעבן, געצאָלט צינז. זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער הערשאַפט פון אַשור און שפּעטער פון בבל. דער פּויער האָט אָפּגעריסן פון זיין ברויט און זאַלץ. דער באַלמעלאָכע האָט שווערער געהאָרעוועט. מלכות-יהודה האָט זיך אויף אַרום 150 יאָר געראַ-טעוועט פון אונטערגאַנג.

שרעק. — דער אומגליק מיט די אידן פון ישראל האָט שטאַרק אָנ-געשראָקן די פאַרבליבענע אידן אין דער קליינער מלוכה פון יהודה.

די סכנה איז געווען גרויס. וואָרום ווער וויים? אשור קען קומען און צעשטערן יהודה, ווי זי האָט אַמאָל חרוב געמאַכט ישראל. פריער, ווען ישראל האָט נאָך עקזיסטירט איז זי געווען ווי אַ וואַנט, וואָס האָט, ניט ווילנדיק, פאַרשטעלט יהודה קעגן די פרעמדע פעלקער. ישראל האָט אַלעמאָל געליטן פריער. יהודה איז אַ סך מאָל אויסגעהיט גע-וואָרן פון אָנפאַלן. איצט אָבער איז תמיד געווען די געפאַר, אַז קוים וועלן זיך אין דער וועלט אָנהייבן אומרוען און מלחמות, וועט דאָס קליינע, באַרגיקע לאַנד זיין פון די ערשטע צוליידן.

מלכות ישראל	מלכות יהודה . . . .
חרוב (כאָרעוו)	סכנה (סאַקאָנע) . . . . .
תמיד (טאָמיד)	מלחמות (מילכאָמעס) . . . . .
שלום (שאָלעם)	שונא (סוינע) . . . . .
ישעיהו	ירמיה . . . .
נביא (נאָווי)	נביאים (נעוויאים) . . .

די נביאים — קעמפער פאַר שלום און גערעכטיקייט

די אומרואיקע צייט אין דער וועלט, אויך די פאַרגרעסערטע אָרימ־קייט אין די שטעט און אין די דערפער האָט ארויסגערופן צום לעבן נייע פירער פון פאָלק — די נביאים. דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די געשעענישן פון דער גרויסער וועלט און מיט אָפענע אויגן געקוקט אויפן לעבן.

די ערשטע גרויסע נביאים זיינען אויפגעטראָטן אין מלכות־ישראל — ווען די מלוכה האָט נאָך עקזיסטירט; אָבער די אמת'ע היים פון דער נבואה (נעוואוע) איז שפּעטער געוואָרן מלכות יהודה.

די נביאים האָבן געזען, אַז אידן קענען קיינמאָל ניט געווינען פון קיין מלחמה — זיי מוזן אַלעמאָל פאַרלירן. מלחמות, אומרוען אויף דער וועלט, באַדייטן אונטערגאַנג, פאַרוויסטונג, אָרימקייט און טויט. די איינציקע רו און זיכערקייט קענען אידן געפינען נאָר אין שלום. אַפילו ווען צוליב שלום איז נויטיק צייטווייליק אונטערצוואַרפן זיך אונטער די פרעמדע פעלקער, מוזן זיך אידן אונטערוואַרפן. אידן טאָרן זיך ניט אריינמישן אין די בונטן פון די אונטערדריקטע פעלקער. אידן זיינען צו קליין, צו נישטיק צו שטעלן זיך אַנטקעגן. אייביק וועלן די רויבערישע פעלקער סיי ווי ניט הערשן; זיי וועלן אונטערגיין, פאַר־שווינדן. יאָרן וועלן אַוועקגיין. ניט אייביק וועט באַלעבאַטעווען דער שטאַרקער. ס'וועט אויך קומען אַ צייט, ווען אייביקער שלום וועט הערשן אויף דער וועלט. ס'וועלן מער ניט זיין קיין מלחמות און קיין בלוט־פאַרגיסונגען, מענטשן וועלן זייערע שווערדן איבערשמידן אין אַקער־אייזנס, און זייערע שפּיזן — אין גאָרטן־מעסערס. אַ נייע וועלט און אַ ניי לעבן וועט אויפגעריכט ווערן. אַפילו די חיות אין פעלד וועלן ווערן אַנדערש. דער וואָלף און דער לייב (די רויבער פון דער ווילדער־ניש) וועלן זיך פיטערן צוזאַמען מיט אַ שעפּס און אַ קליין קינד וועט זיי פירן.

דער נביא ישעיהו, דער גרעסטער טרוימער און קעמפער פאַר שלום אין דער אַלטער וועלט, האָט דעם חלום פון אייביקן שלום פאַרשפּרייט אין די גאַסן פון ירושלים.

אָבער די וועלט, אין וועלכער ישעיהו האָט געלעבט איז געווען אַ וועלט פון בלוט־פאַרגיסונג און מאַכט, פון רויב און אונטערדריקונג. סיי ישעיהו און סיי ירמיהו, וואָס האָט גערופן צו שלום ווען דער שונא איז געשטאַנען ביי די טויערן פון ירושלים, האָבן קנאַפּ־וואָס אויסגעפירט. זיי זיינען געקומען צו פרי.

גערעכטיגקייט. — האַנט אין האַנט מיטן קאַמף פאַר שלום איז ביי די נביאים געגאַנגען דער שטרייט פאַר גערעכטיגקייט, דער קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג פון אָרימען, פון יתום און פון דער אלמנה.

דער ריס צווישן רייך און אָרים איז שוין אין יהודה געווען גרויס. די שטעט זיינען געווען פול מיט פאַראָרימטע פויערים און באַלמעלאָכעס.

ניט ווייניק אידן האָבן פאַרלאָרן זייער אָרימע שטיקל ערד, דאָס איינגעפאַלענע שטיבל און זיינען געבליבן עלנט, אָרים, ווי אויפן ווינט.

עלטערן האָבן אַפילו געמוזט פאַרקויפן זייערע קינדער פאַר שקלאַפן. אָפטער פלעגט זיי גאָר דער רייכער איד אַליין מיט גוואַלד צונעמען.

דער פויער האָט געליען תבואה און ניט געקענט באַצאָלן אין צייט זיין חוב, פלעגט דער רייכער איד קומען, אַראָפּטרייבן דעם פויער פון דער ערד, צונעמען די אָרימע נחלה, אַוועקנעמען אַ קינד און צומאָל דעם פאָטער אַליין אויך, אין קנעכטשאַפט.

אַ איד ביים אַקער.

8. דער אונטערגאַנג פון יהודה

בבל צעשלאָגט אשור און לאָזט זיך פאַרכאַפּן דעם ברעג ים

אינם לאַנד פון די צווילינג-טייכן איז ניט געווען רואיק. אַ נייע מלוכה איז אויפגעקומען — בבל. די באַבילאָניער זיינען שוין איינמאָל געווען די הערשער אין דעם צוויי טייכן לאַנד, אָבער די אַסיריער האָבן זיי פאַר אַ שטיק צייט באַזיגט, באַצוואונגען.

הונדערטער יאָרן זיינען פאַרביי און די באַבילאָניער זיינען צוריק געוואָרן שטאַרק, אונטערטעניק געמאַכט אשור און אַוועקגעלאָזט זיך אין וועג.

בבל איז געווען אַ לאַנד מיט אַ גרויסן האַנדל און די באַבילאָניער האָבן גרויס חשק געהאַט צו פאַרכאַפּן דעם ברעג ים. ארץ-ישראל וואָלט די בבלים געגעבן אַ געלעגנהייט צו פאַרבינדן אַ גרויסן האַנדל מיט די פעלקער אויפן מיטללענדישן ים. בבל האָט זיך שטאַרק גע־נויטיקט אין אַ צוטריט צום ים.

צעשלאָגן די שטעט, וואָס זיינען געלעגן אויף די קאַראַוואַנען-וועגן, איז די בבלים אָנגעקומען ניט שווער. ווער ס׳האָט זיך ניט אונטער־געגעבן מיט גוטן, אוים שרעק, האָט זיך שפּעטער געמוזט אונטערגעבן איבערגוואַלד און אַוועקגיין אין געפאַנגענשאַפט.

אידן גיבן זיך צוערשט אונטער, שפּעטער רעוואָלטירן זיי. — די אידן האָבן זיך פון אָנפאַנג אונטערגעגעבן. דער אונטערגאַנג פון ישראל האָט זיי געשראָקן. אָבער יאָרן זיינען פאַרלאָפן. די מענטשן, וואָס האָבן אַליין געזען פון די בערג ווי דער מעכטיקער שונא האָט פאַרטריבן די געפאַנגענע אידן אין דער פרעמד, זיינען אָפּגעשטאָרבן. זייערע קינ־דער און קינדס-קינדער האָבן פאַרגעסן דעם שוידערלאַכן אומגליק. איבערהויפט, ווען די שטייערן זיינען געוואָרן גרויס און עס איז שווער געווען די לאַסט צו טראָגן, האָבן די אידן רעוואָלטירט. ניט אַליין — דאָס האָבן זיי זיך נישט דערוועגט. אין דער שטיל האָט יהודה צו־געקראָגן אַ מעכטיקן פריינט — דאָס פּיראַמידן-לאַנד עגיפּטן האָט צו־געזאָגט הילף קעגן בבל.

די אידן האָבן געגלויבט און האָבן זיך פאַרלאָזן, אז יהודה צוזאַמען מיט עגיפּטן וועלן האָבן גענוג כח זיך צו שטעלן אַנטקעגן.

דער שונא ביי די טויערן. — די נייעס וועגן דעם אויפשטאַנד אין יהודה איז גיך דערגאַנגען קיין בבל. ס'האָט לאַנג ניט גענומען און די באַבילאָניער זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל. עגיפּטן האָט ארויסגעשיקט אַן אַרמיי אַנטקעגן, אָבער זי איז צעשלאָגן געוואָרן. שטאַרק זיך איינשטעלן און קעמפן ווייטער האָט עגיפּטן ניט געוואָלט. די אידן זיינען געבליבן פאַרראַטן און אַליין — אַ הייפל אידן קעגן טויזנטער בבלים, גוט באַוואָפנטע מיט רייטוועגענער און שפּיזן.

ירושלים איז געווען איבערגעפּאַקט. פון אַלע ארומיקע דערפלאַך און שטעט האָבן זיך אידן אויפגעקליבן, צונויפגענומען אין ירושלים. די שטאָט איז געשטאַנען אויף אַ באַרג און איז געווען גוט באַפעסטיקט, אָבער אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ הונגער. ס'איז אויך קיין וואַסער ניט געווען. די אידן זיינען פון הונגער אויסגעמאַטערט און אויסגעצערט געוואָרן. דער הונגער האָט אַלץ געבראָכן.

די באַבילאָנער האָבן זיך אריינגעריסן אין שטאָט, געברענט, געצונדן, געטויט.

טויזנטער אידן צוזאַמענגעטריבן ווי שעפּסן, און די געפאַנגענע אַוועקגעפירט אין דער פרעמד, אין גלות.

אין לאַנד האָבן די בבלים איבערגעלאָזט נאָר די אָרימע פּויערים און ווייַנפלאַנצער. די פירער פון פאָלק, די כהנים, די פאַרמעגלאַכע אידן האָבן די באַבילאָניער אַוועקגעפירט קיין בבל.



אידישע געפאַנגענע



אידישע געפאַנגענע זיינען
מתפלל (מיספּאַלעל)

אין געפאַנגענשאַפט



די טויערן ביים אַריינגאַנג אין דער שטאָט בבל. רעשטן פון זיי שטייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג. די געפאַנגענע אידן האָבן געמוזט דורכגיין דורך די טויערן.



פאַרטריבן אין דער פרעמד

קוקנדיק פאָראויס

ווען די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות

איז געווען גרויס די געפאַר, אַז

1. די אידן וועלן אין דער פרעמד אונטערגיין. זיי וועלן זיך אויס-מישן מיט די אַרומיקע פעלקער.
2. די פאַרטריבענע אידן וועלן זיך ניט קענען איינלעבן אין נייעם לאַנד און וועלן אויסשטאַרבן פון בענקשאַפט און טרויער.
3. די באַביליאָנער וועלן שטעלן די אידן צו שווערער אַרבעט, פאַרקויפן אַלע פאַרטריבענע פאַר שקלאַפן.
4. ארץ-ישראל וועט בלייבן אויף אַלעמאָל וויסט און חרוב (כאָרעוו).
5. די אידן וועלן פאַרלירן אַלע האָפענונגען, ווען עס איז אומצוקערן זיך צוריק אַהיים.

צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט . . . וואָס?

(לייען דורך די זייטן —— און געפין אויס וואָס איז באמת געשען. מאַך שפעטער אַ טאַבעלע, וואָס זאָל קלאָר ארויס-ברענגען, וואָס האָט מען געקענט ד ע ר װ אַ ר ט ן, עס זאָל געשען ווען די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, און וואָס עס איז באמת געשען.)

שווערע ווערטער זיינען גאָרניט שווער, אויב מען וויים, וואָס זיי באַדייטן.

1. גלות . . . . . .
2. מלוכה . . . . .
3. כהנים . . . . . .
4. ימים-טובים . . . .
5. מלאכה . . . . .
6. מלחמות . . . . .
7. ישוב . . . . . .
8. ישובים . . . . . .
9. סכנה . . . . .
10. תמיד . . . . . .
11. חיות . . . . .
12. חורבן . . . . .
13. פרנסה . . . . .
14. פרנסות . . . . .
15. שונא . . . . . .
16. שונאים . . . . .
17. שלום . . . . . .
18. בבל . . . . .
19. בבלים . . . . .
20. חרוב . . . . .

9. פאַרטריבן אין דער פרעמד

ווען די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין דער פרעמד, אין גלות, האָבן זיי פאַרלאָרן זייער לאַנד, זיי זיינען אָבער ניט געוואָרן אויס פאָלק.

אויך אין וויטן פרעמדן לאַנד, זיינען זיי פאַרבליבן אידן, געהאַלטן זיך צוזאַמען, געלעבט צוזאַמען, פאַרבליבן אַ פאָלק צווישן פעלקער, ניט אונטערגעגאַנגען. אין דער פרעמד האָבן די פאַרטריבענע מיט־גענומען ניט בלויז די בענקשאַפט נאָך זייער אַלטער היים, נאָר אויך זייער אַלטן שטייגער לעבן, זייערע פירונגען, ימים־טובים און די האָפע־נונג אומצוקערן זיך צוריק אַהיים.

אין גלות זיינען די אידן ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. זיי האָבן זיך ניט אויסגעמישט מיט די פעלקער ארום. פאַרקערט, אין גלות איז נאָך שטאַרקער געוואָרן זייער צוגעבונדנקייט צווישנאַנאַנד.

אַמאָל האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן דאָס לאַנד, די דערפער וואו זיי האָבן געוואוינט, די שטעט, די מלוכה. אַצינד איז דאָס אַלץ געווען פאַרלאָרן.

פרעמדע אין אַ פרעמדן לאַנד. — דער ווייטיק און די בענקשאַפט אַהיים איז פון אָנהייב געווען זייער גרוים. אַ פרעמד לאַנד, פרעמדע מענטשן. אָבער די צייט איז געלאָפן, יאָרן זיינען אַוועק און ביי די טייכן פון בבל האָט געוואָקסן די געלעכטער פון יונגע קינ־דער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער פרעמד, אויף דער פרעמדער ערד און אונטער אַ נייעם הימל.

מענטשן קענען ניט אייביק טרויערן און וויינען.

אידן האָבן אין בבל אָנגעהויבן צו לעבן אַ ניי לעבן. אידן האָבן געבויט הייזער, געפלאַנצט וויינגערטנער און זיינען ביסלאַכוויז אריינ־געצויגן געוואָרן אויך אין האַנדל.

בבל, אַ לאַנד צווישן צוויי טייכן, איז געווען אַ גרוים האַנדלס־לאַנד. אַפילו קנעכט האָבן אין בבל געהאַנדלט. אַ היבש ביסל אידן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין האַנדל און זיינען רייך געוואָרן.

די אידישע באַלמעלאָכעס האָבן, ווי אַמאָל, אין זייער אייגן לאַנד, געלעבט פון זייער מלאָכה; אַנדערע אידן האָבן זיך אַפילו דערוואָרבן שטיקער לאַנד.

וואָס האָט די אידן צוזאַמענגעהאַלטן אַלס פאָלק?

(צו דיסקוטירן אין קלאַס)

אין ארץ ישראל	אין בבל
1.	1. די בענקשאַפט אַהיים.
2.	2.
3. אלע אידן האָבן גערעדט איין שפּראַך.	3.
4.	4. דער גלויבן אז זיי וועלן זיך אומקערן צוריק אין זייער אייגן לאַנד.
5.	5.
6.	6.
7.	7.

אַרבעט צו טאָן.

נאָכדעם ווי איר זייט פאַרטיק געוואָרן מיט דער פריערדיקער טאַבעלע, מאָלט אויס אין העפט אַ האַנט. אויף דער דלאָניע שרייבט אַריין: „וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די פּאַרטריבענע אידן אין דער פרעמד". אין די פינגער — די באַזונדערע מאָמענטן וואָס האָבן געווירקט, אַז אידן זאָלן זיך אפילו אין דער פרעמד, פילן ווי אַן אייגנאַרטיק פאָלק און זאָלן ניט אונטערגיין; צום סוף וואָלט אפשר כדאי (קעדאַי) געווען צו דיסקוטירן: „וואָס האָלט אידן היינטצוטאָג צונויף אַלס אַ באַזונדער פאָלק?"

ווי האָבן זיך די באַבילאָניער באַנומען מיט די אידן?

די בבלים האָבן די פאַרטריבענע אידן גאָרניט אונטערדריקט און בכלל ווייניק באַגרעניצט. די אידן האָבן געקענט לעבן לויט זייער אייגענעם שטייגער, פירן זייער אייגן לעבן.

די אידן זיינען געווען צונויפגעזאַמלט אָדער אין גרויסע שטעט אָדער אין אייגענע קליינע אידישע ישובים. די בבלים האָבן זיי ניט געשטערט צו באַזעצן זיך צוזאַמען. די נייע וועלט-הערשער זיינען ניט געווען אַזוי שלעכט און גרויזאַם ווי די אשורים אמאָל. די אַשורים האָבן דאָך פאַרשקלאַפט די פאַרטריבענע אידן און צעוואָרפן זיי איבער פיל לענדער ווייט, ווייט אַוועק. די פאַרטריבענע אידן פון ישראל האָבן זיך צוליב דעם ביסלאַכוויַיז אויסגעמישט מיט דער שקלאַפן-באַפעלקערונג פון אַרום.

בעסער איז שוין געווען דער מזל פון די אידן וואָס די בבלים האָבן פאַרטריבן אין גלות. אַפילו ווייט אַוועק פון דער היים, זיינען די פאַר-טריבענע אידן פון יהודה פאַרבליבן אַ פאָלק צווישן פעלקער.

די בבלים האָבן ביי די אידן צוגענומען זייער לאַנד און טויזנטער אידן פאַרטריבן אין דער פרעמד, אין גלות. אָבער די פאַרטריבענע פון דער היים האָבן שוין די בבלים מער ניט אונטערדריקט און ניט געפייניקט.

די לענדער וואו אידן זיינען געווען צעשפּרייט

מיטן אָנהייב פון גלות איז פאַלעסטינע מער שוין ניט געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואו אידן האָבן געלעבט, מעגלאַך אַפילו ניט דאָס לאַנד, וואו דאָס רוב אידן זיינען געווען אויפגעזאַמלט.

אידן זיינען שוין אין יענער צייט געווען צעזייט און צעשפּרייט אין פיל לענדער. די דריי לענדער וואו די מערסטע אידן האָבן געלעבט זיינען אַצינד געווען ארץ-ישראל, בבל און עגיפּטן.

די אידן אין בבל און אין עגיפּטן

אין בבל האָט זיך די אידן מיט דער צייט גענומען לעבן גאָרניט שלעכט, וועדליק גוט לעבן האָט געהייסן אין די אמאָליקע צייטן. ניט קיין סך ערגער האָט זיך די אידן אויך געלעבט אין עגיפּטן (מצרים).

אידן זיינען דאָרט געווען באַלמעלאָכעס, הענדלער. אויפן טייך נילוס, אויפן אינזל עלעפאַנטין, איז אַפילו געווען אַ קאָלאָניע פון אידישע סאָלדאַטן. זיי זיינען געווען באַלמעלאָכעס, ערד-אייגנטימער, קאָלאָניסטן. זיי האָבן אָבער אויך באַדאַרפט באַשיצן דאָס לאַנד פון די מדבר-פעלקער, וואָס פלעגן אָנפאַלן אויף די עגיפּטישע דערפער און שטעט.

צוליב דעם אייגנטלאך האָט די עגיפּטישע רעגירונג באַזעצט די אידן אויפ׳ן אינזל עלעפאַנטין, באַזאָרגט זיי מיט ערד און קאָלאָניזירט אין דער „העלפאַנד-שטאָט", (עלעפאַנטין) — דעם גרעסטן צענטער פון העלפאַנד-ביין אין דער אַלטער צייט.

די מערסטע אידן אין עגיפּטן האָבן זיך אָבער ניט פאַרקליבן אַזוי ווייט. זיי האָבן געלעבט ביי די גרעניצן פון לאַנד, האָפנדיק אַז גאָר אינגיכן וועלן זיי זיך קענען אומקערן צוריק אין זייער היימלאַנד, קיין ארץ-ישראל.

אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים — די אידן אין ארץ-ישראל

ערגער איז שוין געווען די אידן אין ארץ-ישראל. דאָס לאַנד איז געווען פאַרוויסט. די פעלדער און וויינגערטנער — ווילד, פאַרוואַקסן, צעטראָטן. שטעט און דערפער — אָפּגעברענט און חרוב. די פויערישע שטיבלאך זיינען געשטאַנען האַלב-איינגעפאַלן, פאַראַרימט, צומאָל פּוסט. טויזנטער אידן: באַלמעלאָכעס, קריגסלייט זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד. די בבלים האָבן פאַרטריבן אין גלות אלע באַלמעלאָכעס, אַלע פירער, אַלע געלערנטע מענטשן פון לאַנד.

געבליבן זיינען נאָר די אָרימע פון די אָרימסטע, די אָרימע פויערים, וועמען די בבלים האָבן איבערגעלאָזט, דאָס לאַנד זאָל ניט אינגאַנצן פאַרווילדעוועט ווערן, די חיות פון פעלד זאָלן זיך ניט ארייַנקלייבן אין די פאַרבליבענע דערפער און שטעט.

די פאַרבליבענע אידישע פויערים האָט זיך געלעבט שלעכט; זיי זיינען געווען אָנגעשראָקן און האָבן זיך ניט געקענט העלפן קעגן זייערע פיינט. די ארומיקע קליינע פעלקערלאך, אויך מדבר-וואַנדערער, האָבן גענומען אריינקומען אין לאַנד, אָנפאַלן אויף די אידן, רויבן, פאַרכאַפּן אידישע דערפער, צונעמען שטיקער ערד...

די נייע איינוואַנדערער פלעגן ביטער מאַכן דאָס לעבן, אויסלאַכן און אָפּשפּאָטן פון די אידן. די אידישע פּויערים זיינען געווען דערשלאָגן און ווער עס זאָל זיי באַשיצן איז ניט געווען. אַפילו ווער עס זאָל זיי טרייסטן אין דער שווערער צייט האָט אָפּט אויסגעפעלט.

סאיז געווען אַ שווער, געמאַטערט און אָרים לעבן.

ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין ארץ-ישראל?

(שטעלט אריין די ווערטער, וואָס פעלן)

1. אין ארץ-ישראל האָט זיך די אידן געלעבט..............ווי אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג.

2. דאָס לאַנד איז געווען...........................

3. די בבלים האָבן פאַרטריבן אין דער פרעמד די...................

.... זיי האָבן איבערגעלאָזט אין לאַנד נאָר די

....

4. די אידן אין ארץ-ישראל האָבן שטאַרק..................פון די

............................און פון די......................

זיי פלעגן פאַרכאַפּן שטיקער...........................

5. די אידישע...............זיינען געווען שטאַרק.............

ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין די דריי צענטרען?

די מערסטע אידישע פּויערים זיינען געבליבן אויף זייער לאַנד, אָבער זיי זיינען געווען אָרים און שוואַך. די אַרומיקע פעלקער האָבן אויסגעלאַכט די צעשלאָגענע אידן און פלעגן זיי אונטערדריקן. קיין גייסטיקן פירער וואָס זאָל זיי טרייסטן און געבן מוט האָבן די אידן ניט געהאַט.

אַזוי האָבן די אידן געלעבט אין.................

די אידישע ישובים האָבן זיך געפונען אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. אַפילו אַזוי ווייט ווי אויפן אינזל עלעפאַנטין האָט עקזיסטירט אַ אידישע קאָלאָניע. די קאָלאָניסטען זיינען געווען אידישע סאָלדאַטן, וואָס די רעגירונג האָט געדונגען כדי צו באַשיצן דאָס לאַנד קעגן די אָנפאַלן פון די מדבר-פעלקער.

די מערסטע אידן זיינען אָבער ניט אריינגעדרונגען אַזוי טיף אין לאַנד. זיי האָבן געלעבט ביי די גרעניצן, נאָענט פון ארץ-ישראל, ווייל זיי האָבן אַלץ געהאָפט אויף בעסערע צייטן, ווען זיי וועלן זיך קענען אומקערן צוריק אַהיים. די אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט מלאָכה און האַנדל.

אַזוי האָבן די אידן געלעבט אין.................

דאָס לאַנד איז געווען פרוכטבאַר, רייך און האָט אָנגעפירט אַ גרויסן האַנדל. די אידן האָבן זיך דאָרט גוט איינגעלעבט. זיי האָבן געבויט הייזער, געפלאַנצט וויינגערטנער און ביסלאַכוויז אריינגעצויגן געוואָרן אין האַנדל.

גייסטיק זיינען די אידן אין יענעם לאַנד געשטאַנען העכער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט, ווייל די בעסטע און געלערנטסטע אידן פון גאַנצן פאָלק זיינען דאָרט געווען צוזאַמענגעקליבן.

דאָס לאַנד איז געווען.....................

די אידישע האָפענונגען אין דער פרעמד

אין דעם ווייטן בבל איז אידן געווען ניט שלעכט, אָבער פונדעסט־וועגן האָט ביי זיי שטאַרק געלעבט די האָפענונג און דער פאַרלאַנג אומצוקערן זיך צוריק אַהיים.

די ערשטע צייט איז די בענקשאַפט פון די פאַרטריבענע געווען זייער גרויס.

אַ פרעמד לאַנד, פרעמדע מענטשן. דעם פרעמדן איז אַלעמאָל שווער.

פון דער ווייטנס איז דאָס אָרימע, באַרגיקע לאַנד, „דאָס לאַנד פון מילך און האָניק”, געוואָרן נאָך מער ליב און טייער, ווי ווען עס איז אַמאָל.

בבל איז געווען רייך, פול מיט שטעט, פול מיט האַנדל, אָבער די אידן זיינען אין נייעם לאַנד געווען פאַרטריבענע, עלנטע; אויב מען האָט זיי אַפילו ניט שטאַרק פאַרפאָלגט, זיינען זיי דאָך אָבער אַלץ געווען פרעמדע. ניט אַלע אידן האָבן שוין שלום געמאַכט מיטן גלות. אַ סך פון די פאַרטריבענע האָבן אַלץ געהאָפט, אַז זיי וועלען נאָך דער־לעבן די צייט ווען זיי וועלן זיך קענען צוריק אומקערן אינם לאַנד פון זייערע עלטערן.

פון וואַנען האָבן זיך גענומען די אידישע האָפענונגען אויף אַ גליקלאַכער צוקונפט?

עס איז דעמאָלט געווען אַן אומרואיקע צייט אין דער וועלט. גרויסע מלוכות זיינען געפאַלן, פעלקער זיינען פריי געוואָרן, פעלקער זיינען אומגעקומען, עס זיינען פאַרגעקומען איבערקערענישן, אויפ־שטאַנדן, מלחמות.

די אַלע איבערקערענישן האָבן ביי די פאַרטריבענע אידן געוועקט גרויסע האָפענונגען. די שטאָט ירושלים, וואָס איז צעשטערט, וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. די פאַרטריבענע וועלן זיך צוריק אומקערן אינם לאַנד פון זייערע עלטערן...

אידן, ווי אַ סך אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט, האָבן געגלויבט אַז די וועלט אין וועלכער מענטשן לעבן איז נאָך אַלעמען ניט קיין הפקר. עס הייסט — פריער אָדער שפּעטער זיגט גע־רעכטיגקייט אויף דער וועלט. ווען אַ מענטש טוט שלעכטס, ווערט ער באַשטראָפט. ווען אַ פאָלק טוט שלעכטס, ווערט עס אויך באַשטראָפט. אָבער אייביק דאַרף ניט ליידן קיין שולדיקער פאַר זיינע זינד.

איידער זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, זיינען אידן געווען פאַרדאָרבן, שלעכט, אָבער זיי האָבן שוין אין דער פרעמד גענוג זיך אָנגעליטן. דערפאַר וועט זיי נאָך אַמאָל גוט זיין. די האַנט וואָס שטראָפט באַלוינט אויך.

אידן האָבן זיך געטרייסט.

געווען אַ צייט ווען אשור האָט געהערשט איבער דער גאַנצער וועלט. געווען אַ צייט ווען בבל האָט געהערשט. ס'וועט אויך קומען אַ צייט ווען א י ד ן וועלן זיין די הערשער איבער פעלקער און לענדער. אָבער די אידן וועלן קיינעם ניט פאַרטרייבן פון זייערע לענדער. זיי וועלן קיינעם ניט בארויבן, קיינעם ניט אונטערדריקן און פייניקן. זיי וועלן נאָר זען, אַז גערעכטיקייט און קלוגשאַפט זאָל „אָנפילן די גאַנצע וועלט, ווי וואַסער באדעקט דעם ים".

פאַרטריבן אין דער פרעמד, איז דער גלויבן אין אַ גליקלאַכער צוקונפט געווען די גרויסע אידישע טרייסט און האָפענונג. די האָפענונג האָט זיי געשטאַרקט, געגעבן מוט און ווילן צו לעבן, אַפילו ווען דאָס לעבן איז געווען שווער און פול מיט ביטערניש.

געאַרבעט און געטאָן!

ריכטיק? פאַלש?

(שטרייך אוים די ווערטער „ניט" און „קיין"
דאָרט וואו זיי זיינען ניט נויטיק)

די פאַרטריבענע אידן האָבן געגלויבט אַז זיי וועלן אין גלות אייביק ניט פאַרבלייבן.
די אידן אין בבל האָבן ניט געבענקט אַהיים.
די פרומע אידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין דער פרעמד, האָבן ניט געגלויבט אַז דער גלות איז אַ שטראָף פאַר זייערע זינד.
אין יענער צייט זיינען אין דער וועלט ניט פאַרגעקומען קיין גרויסע אומרוען.
די אידן האָבן געגלויבט אַז ס'וועט קומען אַ צייט און דאָס פאָלק וועט מער ניט זיין צעזייט און צעשפּריים.
די אידן וועלן ווערן די געוועלטיקער איבער פעלקער און לענדער, אָבער אידן וועלן קיינעם ניט אונטערדריקן און ניט פייניקן.

ר ע ו ו י ו

פאַרטריבן אין דער פרעמד

וואָס זיינען געווען די דריי גרעסטע צענטערס פון אידישן לעבן נאָכן ערשטן חורבן?
ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין פאַלעסטינע?
ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין עגיפּטן?
ווי האָט זיך געלעבט די אידן אין בבל?
ווי האָט דער חורבן געווירקט אויף די פאַרטריבענע אידן?
ווער זיינען געווען די סופרים?
וואָס פאַר אַ אידישע האָפענונגען זיינען אויסגעדריקט אין יחזקאלס נבואה וועגן די ביינער אין טאָל?

פערסיע און די פערסיער

גאָלדענע סטאַטועס פון פערסישע קעניגן

א בריוו פון די אידן אויפן אינזל עלעפאנטין אין עגיפטן

10. צוריק אַהיים

לאַנג האָבן די אידן אין בבל ניט פאַרבראַכט, אַרום פופציק יאָר. ניט מער. די גרויסע מלוכה פון בבל איז געפאַלן און די פּערסיער, אַ פאָלק פון פלינקע בויגן-שיסער און רייטער, זיינען געוואָרן די הערשער פון דער אַלטער וועלט.

כורש (קוירעש), דער פּערסישער קעניג, האָט דערלויבט די אידן אומקערן זיך צוריק קיין ארץ-ישראל. ער האָט אַפילו אָפּגעגעבן די איבערגעבליבענע כלים פון בית-המקדש, וואָס די בבלים האָבן פאַר־שלעפּט קיין בבל.

ווער ס׳איז אַוועק און ווער ס׳איז געבליבן

די אידן אין בבל האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט דער גוטער בשורה, אָבער ניט אַלע אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. אין בבל איז געבליבן אַ גרויסער אידישער ישוב.

דער וועג צום היימלאַנד איז געלעגן דורכן מדבר — אַ ווייטער, שווערער וועג. נאָר מוטיקע מענטשן האָבן זיך דעריבער געלאָזן אין וועג אַריין, און מוטיקע זיינען געווען אַ קליין הייפל.

אין בבל, פאַרקערט, האָט די רייכערע אידן גאָרניט געפעלט, און די אָרימערע אידן, די באַלמעלאָכעס, האָט זיך געלעבט ניט ערגער ווי אין דער אַלטער היים.

אין בבל האָבן אידן פּונקט ווי אַמאָל אין זייער אייגן לאַנד, געבויט הייזער, געפלאַנצט וויינגערטנער, באַאַרבעט די ערד.

אין בבל איז אויך אויפגעקומען אַ נייע אידישע פרנסה (פּאַרנאָסע) — האַנדל. בבל איז אַלעמאָל געווען אַ האַנדלס-לאַנד. אַצינד, נאָכדעם ווי די פּערסיער זיינען געוואָרן די הערשער אין דער וועלט, האָט זיך דער האַנדלס-וועג געצויגן פון בבל, דורך פּערסיע קיין א י נ ד י ע — דאָס לאַנד פון וואונדער.

אידן האָבן אין דער פרעמד פאַרפירט גרויסע געשעפטן. ס׳איז שווער געווען איבערצולאָזן דאָס אַלץ און אַוועקלאָזן זיך אין דעם חרוב׳ן היימלאַנד, וואו מער ווי נויט און אָרימקייט, און אפשר טויט אויפן וועג, האָט זיי ניט געקענט דערוואַרטן. די מערסטע אידן זיינען דעריבער פאַרבליבן ביי זייערע הייזער און וויינגערטנער אין בבל. נאָר אַ קליין הייפל האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין ארץ-ישראל.

גערבעט און געטאָן!

דער קלוגער טראַכט און דער נאַר טרעפט. ווי מיינסטו ?

פאַרוואָס האָט כורש דערלויבט די אידן צוריק אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל ?

(שטעל אַוועק דעם צייכן × לעבן די ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

—ער איז געווען אַ גוטער מענטש און ער האָט ניט געקענט צוזען ווי די אידן ליידן אין דער פרעמד.

—ער האָט מורא געהאַט פאַר די אידן, זיי זאָלן ניט מאַכן קיין רעוואָלוציע אין לאַנד, האָט ער זיי „אָפּגעשיקט" אַהיים.

—ער האָט זיך געקליבן אָנצוהייבן א מלחמה קעגן עגיפּטן (פּאַלעסטינע געפינט זיך נאָענט פון עגיפּטן), האָט כורש געוואָלט האָבן גוטע פריינט צווישן דער באפעלקערונג אין פּאַלעסטינע.

—די פּערסיער האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן זייער גרויסע מלוכה דורך פריינטשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר די אונטערדריקטע פעלקער, ניט דורך שטראָף־מיטלען.

ווי האָבן די אידן אויפגענומען כורש'עס באפעל ?

(שטעל אריין וואו עס פּאַסט זיך די ווערטער „די מערסטע", „אַלע", „אַ קליינע צאָל")

—אידן האָבן פאַרלאָזן בבל און האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין פּאַלעסטינע.

—אידן האָבן געהאָלפן די מוטיקע וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוריק אין דער אַלטער היים.

—אידן האָבן זיך געפרייט מיט כורש'ס באפעל.

—אידן זיינען פאַרבליבן אין בבל.

פאַרוואָס און פאַרוועןן?

פאַרוואָס זיינען (אַ טייל, די גרעסטע צאָל, אַבּיסל) אידן געבליבן אין בבל און ניט אומגעקערט זיך קיין ארץ־ישראל?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

——דער וועג צו דעם היים־לאַנד איז געלעגן דורכן ווייסטן מדבר, וואָס איז געוועזן פול מיט געפאַרן און שרעק. ניט אַלע האָבן געהאַט מוט זיך אַוועקצולאָזן אויף אַזאַ געפערלאכער נסיעה.

——ווייל זיי זיינען געוועזן שלעכטע אידן, זיי האָבן נאָר געטראַכט וועגן זייער רייכקייט און ניט וועגן גאַנצן פאָלק.

——ווייל די אידן האָבן אין בבל געהאַט אַלע פרייהייטן. אויב עס זיינען נאָך געוועזן וועלכע ניט איז באַגרעניצונגען פון פריער האָט זיי כורש (קוירעש) אודאי אָפּגעשאַפט.

——די אידן האָבן אין בבל פאַרמאָגט הייזער און געשעפטן. ס'איז זיי שווער געוועזן מיט דעם אַלעמען זיך צו שיידן.

——ווייל זיי האָבן ניט געגלויבט כורש'ן און געמיינט אַז ער וויל נאָר אויספּרובירן ווער פון די אידן זיינען אים ניט געטריי און ווילן פאַרלאָזן זיין לאַנד. און דאַן, ווען ער וועט דאָס אויסגעפינען, וועט ער יענע אידן הייסן טויטן אויפן וועג.

——פּאַלעסטינע איז געוועזן ווייסט און ארומגערינגלט מיט אידישע שונאים. די שונאים זיינען געוועזן די מדבר־פעלקער, וואָס פלעגן נאָך מיט הונדערטער יאָרן פריער באַפאַלן די אידישע פּויערים, רויבן, אַנטלויפן, צוריק אָנפאַלן. ווער וויל דאָס קריכן דעם לייב אין מויל אַריין?

פּערסישע קונסט־אַרטיקלען.





11. די אַלטע היים

פון די גרויסע האָפנונגען, מיט וועלכע די פאַרטריבענע אידן האָבן זיך געלאָזט אין וועג, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ רויך. די אידן האָבן געפונען זייער אַלטע היים וויסט און חרוב. שטיקער פון אַמאָליק אידיש לאַנד זיינען געלעגן אין פרעמדע הענט. וואַנדערער פון מדבר האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אויף אידישע פעלדער. פלשתים פון ברעג ים האָבן זיך פאַרקליבן אין די דערפער, פאַרנומען אידישע וויינגערטנער, האָב און גאָב. די ערד, וואָס איז פאַרבליבן פריי, איז געווען ווילד און פאַרוואַקסן מיט דערנער, שטיינערדיק.

פונדעסטוועגן זיינען די צוריקגעקומענע אידן נישט אַריינגעפאַלן אין קיין יאוש. אידן האָבן געלעבט מיט גרויסע האָפנונגען, אין דערוואַר־טונג אויף גליקלאַכע צייטן, און די האָפנונגען האָבן זיי געגעבן כוחות אַריבערצוטראָגן די שווערע ליידן.

קיין סך נייע אידן זיינען פון בבל מער נישט צוגעקומען. קיין בבל איז דערגאַנגען די טרויעריקע נייעס, ווי שווער די אַריבערגעקומענע לעבט זיך. עס האָבן זיך דעריבער געפונען זייער ווייניק בעלנים וואָס זאָלן זיך וועלן לאָזן אין וועג.

די גרויסע אַנטוישונג.

אַ סך יאָרן זיינען אַוועק און ס'איז בעסער נישט געוואָרן. אידן האָבן געהאָפט אויף אַ גרויסער וועלט־איבערקערעניש. אַלע הער־שער וועלן אַראָפּגעוואָרפן ווערן, משיח דער באַפרייער וועט קומען און דערלייזן די וועלט. די איבערקערעניש איז נישט פאַרגעקומען. פערסיע האָט אונטערדריקט די אויפשטאַנדן פון אומצופרידענע פעלקער. אידן האָבן זיך געבונטעוועט אין דער שטיל און געלעבט אין ביטערער נויט.

אין די פופציק יאָר, וואָס אידן זיינען געווען פאַרטריבן אין דער פרעמד, איז דאָס לאַנד געוואָרן אַ ווילדערניש — און אַצינד זיינען נאָך צוגעקומען ביטערע יאָרן פון נישט־גערעטעניש. דער הימל האָט געקאַרגט און קיין רעגן איז נישט געגאַנגען. פעלדער זיינען געלעגן פאַרשטויבטע, אָן אַ גרין גרעזל, און אין די שטיבלאַך פון די פויערים איז נישט געווען קיין טרוקן שטיקל ברויט.

שונאים האָבן געלויערט פון אומעטום. וואַנדערער פון מדבר, פלשתים פון ברעג־ים און ערגער פון אַלעמען זיינען געווען די האַלבע אידן און האַלבע גוים, די פויערים פון שומרון, וואָס פלעגן אָנפאַלן, רויבן און אַנטלויפן.

ווייניק גליק האָט אויך געבראַכט דער בית־המקדש, וואָס איז אין

ירושלים צוריק אויפגעריכט געווארן. די האפנונגען וואס מען האט אויף אים געלייגט זיינען פון אנהייב געווען זייער גרויסע, אבער אויסגעלאזט האט זיך בלויז א גרעסערע משא (מאסע) אויפן פאלק.
יהודה איז געווען ניט מער ווי א הויפן ארימע, צעווארפענע דערפלאך.
די אנטוישונג פון די אידן אין ארץ ישראל איז געווען זייער גרויס.

געטראַכט און געטאָן!

צוריק אהיים

ווען די אידן פון בבל האבן זיך אומגעקערט צוריק קיין ארץ-ישראל האבן זיי געפונען

(שטעל אוועק דעם צייכן × לעבן די ענטפערס וואס זיינען ריכטיק)

——די פעלדער און גערטנער פארוואקסן מיט דערנער, דאס לאנד ארים און וויסט.

——כמעט גאר קיין אידן ניט אין לאנד.

——א סך ארימע אידישע פויערים.

——די שטאט ירושלים ניט באוואוינט.

——נייע שטעט און הייזער, וואס די פערסיער האבן פאר די אידן אויפגעבויט.

——א סך שטיקער ערד, פעלדער און ווייגערטנער וואס האבן אמאל געהערט צו אידן פארנומען דורך די איינגעוואנדערטע פרעמדע פעלקערלאך.

ווי האבן די אידן געפונען זייער אלטע היים?

זיי האבן געפונען דאס לאנד וויסט און	לעבן
די ניי-אנגעקומענע האבן געליטן נויט און	הונגער
ניט אלע מאל זיינען זיי אפילו געווען זיכער מיטן	שומרונים
עם פלעגן אנפאלן . . . . פון מדבר.	וואנדער-פעלקער
די אידן האבן אויך געהאט גענוג צרות אויסצו-שטיין פון די האלבע אידן און האלבע גוים, די	חרוב
צו דעם אלעמען איז צוגעקומען א	טריקעניש

די ענדערונגען אין אידישן לעבן וואָס זיינען פאָרגעקומען מיטן גלות בבל:

גרויסע מאַסן אידן האָבן גענומען לעבן אין דער פרעמד (אידן הויבן ביסלאַכווייז אָן צו ווערן אַ פאָלק צעזייט און צע־שפּרייט).

ביי די אידן אין דער צעשפּרייטונג איז האַנדל געוואָרן אַ זייער פאַרשפּרייטע פּרנסה (פּאַרנאָסע).

אידן האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אַ פאָלק פון שטאָט־מענטשן.

וואָס נאָך פאַר אַן ענדערונגען האָבן זיך גענומען באַ־ווייזן אין אידישן פאָלקס־לעבן?

רעוויו

דער אונטערגאַנג פון בבל און די הערשאַפט פון די פּערסיער.

ווער זיינען געווען די פּערסיער? ווי זיינען זיי געוואָרן אַ וועלט־מאַכט?

פאַר וואָס האָט כורש געגעבן די אידן אַ דערלויבעניש צוריק אומצוקערן זיך קיין ארץ־ישראל?

פאַר וואָס האָט זיך בלויז אַ קליינע גרופּע אידן אָפּגערופן אומ־צוקערן זיך צוריק אין זייער אַלטער היים?

ווי האָבן די צוריקגעקומענע זייער אַלטע היים געפונען?

12. די אידן אין גלות פאַרגעסן ניט אָן זייערע ברידער אין ארץ ישראל

די נייעס וועגן דעם שווערן לעבן פון די אידן אין ארץ ישראל האָט ביסלאַכווייז געמומען דערגיין אויך קיין בבל און פערסיע. אין פערסיע האָבן אין יענער צייט געלעבט אַ היבש ביסל רייכע אידישע הענדלער און ערד־אייגנטימער, זיי האָבן געפירט גרויסע געשעפטן און זיינען צו־ליב דעם געווען שטאַרק אָנגעלייגט ביים פערסישן קעניג.

איינער פון די אידן וואָס איז געווען אַ נאָענטער מענש ביים קעניג, איז געווען נחמיה — אין הויף פון פערסישן הערשער איז ער געווען א שר המשקים. איטלאַכס מאָל ווען דעם קעניג האָט זיך פאַר־גלוסט טרינקען אַ „קאַפּעלע" וויין, פלעגט נחמיה אָנשעפן אַ בעכער, פאַר־זוכן צי דער וויין איז ניט געמישט מיט סם, און ערשט נאָכדעם דער־לאַנגען דעם בעכער צום קעניג.

נחמיה — אַ געטרייער איד.

נחמיה איז געווען אַ געטרייער איד. ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווי שווער און ביטער די אידן לעבט זיך אין זייער אייגענער היים, איז ער שטאַרק באַטריבט געוואָרן. ער האָט געוויינט און געקלאָגט, ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ זאַק מיט אַש אויף די לענדן און געטרויערט.

דער קעניג האָט באַמערקט אַז זיין שר המשקים איז ניט מיט אַלעמען, אַז ער איז פאַראומערט און גאָר ניט ווי געווען.

— וואָס ביסטו אַזוי באַזאָרגט און באַטריבט, — האָט ער זיך אָפּגע־רופן צו נחמיה'ן.

— ווי קען איך זיין מונטער ווען דאָס לאַנד פון מיינע עלטערן איז וויסט און עלנט און שונאים פייניקן מיינע ברידער.

דער קעניג איז גערירט געוואָרן פון נחמיה'ס ווערטער. ער האָט איינגעוויליקט צו שיקן נחמיה'ן אויף א קורצער צייט קיין ארץ ישראל און טאָן וואָס מען קען צוריק אויפצולעבן דאָס לאַנד. ער האָט נחמיהן מיטגעגעבן באַגלייטער, וואָס זאָלן שוין זען, אַז ער זאָל אָנקומען בשלום אין וויטן לאַנד.

אַ גאַסט אויף אַ ווייל זעט אויף אַ מייל.

נחמיה איז געקומען קיין ארץ-ישראל און איז דעם זעלבן אָוונט אַרום אַרומקוקן דאָס לאַנד. די שטאָט ירושלים איז געווען וויסט און ניט באַפעלקערט. די אידן אין די אַרומיקע דערפלעך האָבן געלעבט אין איינע שרעק, וואָרום קיינער איז ניט געווען זיכער מיטן מאָרגן.

אין געהיים, מיט אַ קליין הייפל פאַרטרויטע מענשן, האָט נחמיה באַקוקט די שטאָט און די געגנט אַרום. דריי טעג זיינען אַריבער.

די טרויעריקע בשורות (בסורעס) וואָס נחמיה האָט באַקומען נאָך זייענדיק ווייט פונם היימלאַנד, זיינען ניט געווען איבערטריבן; ער האָט געפונען חורבות (כורוועס) און הויפנס שטיינער, וואו אַמאָל זיינען גע-ווען בליענדיקע גערטנער און באַוואוינטע הייזער; וויסטעניש, וואו קוואַלן וואַסער האָבן געשפרודלט.

די יאָרן, וואָס זיינען אַוועק פון זינט ירושלים איז צעשטערט גע-וואָרן, האָבן דעם חורבן נאָך גרעסער געמאַכט. דער ווינט און דער רעגן, די היץ און די קעלט האָבן פאַרענדיקט דאָס, וואָס די האַנט און די שווערד און די שפיז פון די בבלים האָט אָנגעהויבן.

נחמיה האָט זיך ניט מיאש (מעיאָעש) געווען.

די שטאָט ירושלים מוז אויפגעבויט ווערן! מענשן באַזעצן זיך ניט אין דער אַלטער שטאָט, ווייל זי איז אַ הויפן שטיינער, זי איז ניט באַשיצט. מען דאַרף אויפבויען אַ וואַנט אַרום דער שטאָט ירושלים, מאַכן זי צוריק שטאַרק, זיכער, אָנפילן זי צוריק מיט אידן.

נחמיה איז געקומען צום פאָלק, פאַרטרויט זיין שליחות (שליכעס). אידן האָבן זיך אָפגערופן, גרייט געווען צו העלפן; אידן באַלמעלאָכעס און קליינע פויערים, גרויסע ערד-אייגנטימער און כהנים (קויהאַנים).

מען האָט געבויט, געאַרבעט אין גרויס איילעניש, אָבער די שטע-רונגען זיינען אויך געווען גרויס.

פון אָנהייב האָבן די אידישע שונאים (סאָנים) געשפּאָט און געלאַכט: „וואָס טוען די אידן? צי דען וועט זיי געלינגען אויפצולעבן די פאַר-ברענטע שטיינער און מיסט-הויפנס?... זאָלן זיי בויען! ווען אַ פוקס וועט נאָר דורכלויפן, וועט ער איינוואַרפן זייער שטיינערנע מויער".

שפּעטער האָבן די שונאים אויפגעהערט שפּאָטן און גענומען פ אַ ר-מ ס ר ן די א י ד ן פ אַ ר די פ ע ר ס י ע ר. אידן, האָבן זיי גע-טענה׳ט (געטיינעט), גרייטן זיך צו מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן פּערסיע, דערפאַר ווילן זיי באַפעסטיקן די שטאָט.

די אידישע שונאים האָבן ניט פאַרגונען די אידן, זיי האָבן גוט פאַר-שטאַנען, וואָס אַ באַפעסטיקטע און אַ באַוואָפנטע ירושלים מיינט פאַרן אידישן לעבן און לאַנד. ווען אידן פלעגן איבערלאָזן די אַרבעט, פלעגן די

אידישע שונאים באפאלן, צעשטערן, צעוואָרפן אַלץ, וואָס אידן האָבן פאַרן טאָג אויפגעטאָן.

דאָס האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט ניט איינמאָל, ניט צוויי מאָל, נאָר אַ סך, אַ סך מאָל כסדר.

אידן האָבן אָבער די אַרבעט ניט געוואָרפן. געבויט דאָס לאַנד און פאַרטיידיקט זיך. אין איין האַנט געהאַלטן דעם גראַב-אייזן, אין דער צווייטער דעם שווערד.

אין 56 טעג איז די וואַנט אַרום ירושלים פאַרטיק געוואָרן. די פרייד איז געווען גרויס. פונדעסטוועגן איז די שמחה שיר ניט פאַרשטערט געוואָרן.

ווער זאָל זיך אַריינקלייבן אין דער חרובער שטאָט? ווייניק מענשן האָט זיך געגלוסט פאַרלאָזן די קליינע שטעטלאַך, די אַלטע היימען און באַזעצן זיך אין אַ וויסטער שטאָט.

נחמיה האָט באַשטימט, אַז די פירער פון פאָלק, די עלטסטע פון די דערפער און קליינע שטעטלאַך, זיי און זייערע הויזגעזינטן מוזן זיין די ערשטע צוריק צו באַזעצן זיך אין ירושלים. שפעטער וועלן אויך קומען די איבעריקע אידן.

מען האָט געוואָרפן גורל און אויף וועמען עס איז אויסגעפאַלן, יענער איז געקומען אין דער אַלטער שטאָט, האָט גענומען בויען אַ נייע היים און אַ ניי לעבן. דער שרעק האָט ביסלאַכווייז גענומען פאַרשווינדן.

דער נייער און דער אַלטער שבת.

אין גלות בבל איז ביי די אידן אויפגעקומען אַ נייע פרומקייט, נייע מנהגים, אַ נייער שטייגער לעבן.

דער טאָג שבת איז געוואָרן זייער הייליק, אום שבת איז פאַרווערט געוואָרן צו טאָן אַלערליי אַרבעטן, שבת איז געוואָרן אַ שטרענגער רו טאָג.

אין ארץ ישראל איז געווען אַנדערש.

שבת איז געווען אַ רו טאָג, מען האָט ניט געאַרבעט, אָבער מען איז ניט געווען שטאַרק אָפּגעהיט, מען פלעגט פאָרן צוגאַסט, מען פלעגט איינ-האַנדלען וואָס מען האָט באַדאַרפט, אויפן מאַרק...

ס׳איז דאָך געווען אַ פרייער טאָג!

דער פויער פלעגט אַפילו ברענגען אין שטאָט אַריין זיין געוויקסן און זיין ווייץ אום שבת. ווען דען? ער האָט דען אַ סך פרייע צייט ווען ער קען אָוועקלייגן די אַרבעט אויפן פעלד און פאָרן אין שטאָט אַריין?

די אידן פון בבל איז דער פרייער שטייגער פון „אָפּהיטן" שבת געווען שטאַרק דערווידער. אין בבל זיינען די אידן געוואוינט גע-וואָרן צו אַ מער שטרענגן רו-טאָג. אַמאָל אין ארץ ישראל, איז שבת

געווען אַ טאָג פון פריילאַכקייט. אין בבל האָט זיך אָבער אין דער פריי־לאַכקייט פון שבת אַריינגעקליבן אַ טרויער און אַ שרעק. ס'איז געווען דער איינפלוס פון נייעם לאַנד.

די באַביליאָנער האָבן אויך געהאַט אַ „שאַבאַטו", אַ טאָג, ווען מענטשן איז פאַרווערט געווען צו טאָן אַלערליי אַרבעטן, ווען עס איז ניט מזלדיק אָנצופאַנגען עפּעס אַ נײַ געשעפט, ווען דער דאָקטאָר טאָר אַפילו קיין קראַנקן ניט היילן...

דער באַביליאָנישער „שאַבאַטו" האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן אידישן שבת. ער איז פון אַ פרייען טאָג, פון אַ פריילאַכן רו־טאָג, געוואָרן אַ טאָג פון „מען טאָר נישטן" און פון ערנסט.

דער נייער שבת האָט אָבער דעם אידן באַפרייט פון די טאָג־טעגלאַכע זאָרג. אַ שטרענגער רו־טאָג איז שבת געוואָרן, אָבער אויך אַ טאָג פון פאַרטיפונג; דער מענש הערט אויף זאָרגן וועגן די קליינע וואָכעדיקע דאגות, וואָרום „ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענש".

ביי די באַביליאָניער — ש ר ע ק, ביי די פאַרוואָגלטע אידן — ע ר נ ס ט און פאַרטיפונג, אַ צייכן אונטערצושטרייכן דאָס אייגנאַרטיקע לעבן פון פאָלק.

נחמיה האָט געהאַט אַ שפּאָר ביסל צו קעמפן מיט די אידישע פויערים איינצוגעוואוינען זיי צום מער שטרענגן שבת.

נחמיה האָט געלאָזט ביז איבער שבת פאַרשפּאַרן די טויערן פון דער שטאָט ירושלים און ניט אַריינגעלאָזן די פעניקישע הענדלער, וואָס פלעגן קומען האַנדלען מיט פיש און די פויערים וואָס פלעגן ברענגען תבואה אויפן מאַרק.

ביסלאַכווייז האָט ער אויסגעפירט, וואָס ער האָט געוואָלט אָבער אָנ־געקומען איז דאָס אים זייער שווער.

אָרים און רייך זיינען קיינמאָל ניט גלייך.

די פופציק יאָר אין דער פרעמד, די פופציק יאָר גלות האָבן אריינ־געבראַכט א סך נייעסן אין אידישן לעבן — אָבער אָרים און רייך האָט דער גלות ניט אָפּגעשאַפט. דער רייכער איד האָט פונקט ווי מיט הונ־דערטער יאָרן צוריק געזאָרגט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי נאָך מער רייך צו ווערן און דעם אָרימען פויער, דעם באַלמעלאָכע האָט זיך קיינמאָל גוט ניט געלעבט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אין דער אָרימער יהודה האָט ווידער אויפגעפלאַקערט אַ קריג צווישן אָרים און רייך, ווי אין די גאָר אַמאָליקע צייטן.

דער מאַנגל אין רעגן.

דער אידישער פּויער איז אַלע מאָל געווען אָפּהענגיק אָן רעגן. קאַרגט ניט דער הימל, פאַלט גענוג רעגן אויף די פעלדער, האָט דער אידישער פּויער גענוג ברויט אויפן יאָר. פאַרקערט, פאַלט ווייניק רעגן, איז זיין מי און זאָרג אַרויסגעוואָרפן — די פעלדער ליגן פאַרטריקנט, וויסט, און אין די פּויערשע שטיבלאַך איז נישטאָ קיין ברויט.

ווען די שלעכטע הונגער־יאָרן פלעגן אָנקומען, איז נאָר דעם אָרימען פּויער געווען שלעכט. דער רייכער ערד־אייגנטימער האָט אַלע מאָל געהאַט אָנגעגרייט איבערגענוג ברויט פון פריער.

וואָס קען טאָן דער הונגעריקער פּויער? אויסציען די פיס און שטאַרבן? ער גייט אַוועק און נעמט תבואה ביי זיין רייכערן ברודער, ביי אַ רייכן אידישן ערד־אייגנטימער, אָדער ביי אַ הענדלער פון תבואה. דער אָרימער פּויער זאָגט צו אָפּצוגעבן, ניט נאָר דאָס ביסל, וואָס ער האָט געליען, נאָר אַ היבש ביסל מערער. אַנדערש וויל דער רייכער תבואה־הענדלער, דער רייכער ערד־אייגנטימער גאָרניט טאָן. וואָס בלייבט דעם פאַראָרימטן פּויער איבער? ער לייט ווייץ, באַקט ברויט. ווען ס׳קומט פרילינג, אַקערט ער אויף און פאַרזייט זיין פעלד, אָבער וואָס קען טאָן דער פּויער, אַז די ערד גיט, ווידעראַמאָל, ניט אַרויס גענוג? עס וואָלט אפשר געווען גענוג פאַרן פּויער אַליין, פאַר זיין ווייב און קינדערלאַך, אָבער אָפּצוגעבן דערצו תבואה דעם רייכן אידן און אויך דאָס, וואָס ער קומט אים פאַרן אַנטלייען — דאָס קען ער ניט!

די צייט לויפט פאַרביי. דער רייכער איד קומט צום אָרימען פּויער. — גיב אָפּ די מעל, דאָס ווייץ, וואָס איך האָב דיר געליען. דער פּויער קען ניט אומקערן. ער איז ניט געווען פויל, ער האָט געאַקערט, גע־זייט. דער הימל האָט ווייניק רעגן געשיקט. די ערד איז געווען מאָגער...

דער רייכער איד וויל פון גאָרניט וויסן. ער נעמט צו דאָס שטיקל ערד, וואָס דער פּויער האָט געקראָגן פון זיין טאַטן, און דער טאַטע פון זיידן, און דער זיידע פונם עלטער־זיידן. ער נעמט צו ס׳אָרימע שטיבל, די אָרימע באַלעבאַטישקייט און, אויב ער גלויבט, אַז דאָס אַלץ איז נאָך ניט גענוג, נעמט ער אויך אַוועק אַ קינד פאַר אַ שקלאַף, אָדער ער פאַרשקלאַפט דעם פּויער אַליין.

נחמיה און די פאַראָרימטע פויערים.

צו נחמיהן זיינען געקומען אידישע פויערים און האָבן זיך פאַר אים געגומען ביטער באַקלאָגן אויף די רייכע אידן.

די אָרימע פויערים האָבן זיך אין יאָרן פון ניט-גערעטעניש פאַר-שולדיקט. זיי האָבן געליען געלט אָדער זריעה און ניט געקענט באַצאָלן אין צייט די חובות, זיינען געקומען די רייכע אידן, פונקט ווי דאָס פלעגט פאַסירן אַמאָל אין די אַלטע גוטע צייטן, פאַרנומען די פעלדער, אַרויס-געוואָרפן די אָרימעלייט פון די שטיבלאַך און צומאָל פאַרנומען אויך אַ קינד אין שקלאַפעריי פאַרן חוב.

נחמיה איז געוואָרן שטאַרק גערירט פונ׳ם עלנט און פון דער נויט.

ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַרן כעס פון די רייכע לייט, ער האָט געהאַט די מאַכט און ער האָט זיין מאַכט געברויכט.

ניט צוליב דעם איז נויטיק געווען דער לאַנגער וועג דורכן מדבר... דאָס איז געוואָרן פון אַלע האָפנונגען?... אַז די שטאַרקע, די רייכע און די מעכטיקע זאָלן ווידער אונטערדריקן די פאַראָרימטע אידישע פויערים און באַלמעלאַכעס? נחמיה האָט באַרואיקט די אומגליקלאַכע, געטרייסט זיי און גלייך זיך גענומען העלפן די פאַראָרימטע. ער האָט באַפרייט די שולדיקע פון אַלע חובות, וואָס זיי האָבן וועמען עס איז געקומט, ער האָט צוריקגעגעבן די פויערים זייער ערד, זייערע וויינגערט-נער, וואָס די רייכע האָבן פון זיי אָפּגענומען, ער האָט אויך באַפרייט די פאַרשקלאַפטע קינדער, געמאַכט זיי צוריק פאַר פרייע מענשן.

דער קאַמף צווישן אָרים און רייך איז ווידער אויף אַ לאַנגער צייט איינגעשטילט געוואָרן, אָבער וואָס זיינען געווען די לעצטע טעג פון נחמיהן? דאָס ווייסן מיר ניט. אפשר איז ער געשטאָרבן אַלט און גרוי, באַליבט ביים פאָלק אינ׳ם לאַנד וואָס ער האָט צוריק געבויט און באַפעסטיקט... אָדער אפשר איז ער צוריקגערופן געוואָרן קיין פּערסיע און אין דער פרעמד איז ער געשטאָרבן אַ בענקענדיקער אָדער אַ פאַר-ביטערטער. אָדער האָט אים די האַנט פון אַ שונא פריצייטיק דער-שלאָגן -- ווער קען וויסן?

וואָס האָט נחמיה אויפגעטאָן?

(שטעל אַוועק דעם צייכן + לעבן יענע ענטפֿערס, וואָס זו האַלטסט פֿאַר ריכטיק.)

——— אויפגעבויט אַ וואַנט אַרום ירושלים.

——— באַפֿרייט די אידן פֿון פּערסישן יאָך.

——— צוריקגעבראַכט טויזנטער אידן פֿון בבל קיין ארץ־ישראל.

——— פֿרובירט איינפֿירן אין לאַנד אַ מער שטרענגן שבת.

——— האָט אָפּגעשאַפֿט רייך און אָרים אין לאַנד.

——— איז שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן געמישטע הייראַטן.

——— באַפֿרייט די אידן, וואָס האָבן זיך צוליב נויט געמוזט פֿאַר־קויפֿן אין קנעכטשאַפֿט.

וואָס פֿאַר אַ מענטש איז געווען נחמיה?
נחמיה איז געווען:

(לעבן יענע אייגנשאַפֿטן, וואָס כאַראַקטעריזירן אים, שטעל אַוועק אַ +).

— קלוג
— היציק
— פֿאַרזיכטיק
— אַנטוישט
— רואיק
— פֿרום
— אומגערעכט
— רעוואָלוציאָנער

— ענערגיש
— שטאָלץ
— ערלאַך
— שרעקעוודיק
— אויסגערעכנט
— סימפּאַטיש
— קאָנסערוואַטיוו

ווערטער. ווערטער, ווערטער...

אייגנאַרטיק	פֿאַרמעגן
געלויערט	פֿאַרזיכטיק
האַרב	רעפֿאָרמען

ווייסטו וואָס די אַלע ווערטער באַדייטן?

װעלכע פון די פאַקטן דערקלערן פאַרוואָס אין ארץ־ישׂראל איז צוריק אויפגעקומען אַ גרויסער אידישער ישוב?

(שטעל אַוועק אַ + לעבן די פאַקטן, מיינונגען א. ד. גל. וואָס קלערן אויף די פראגע און אַ 0 לעבן יענע פאַקטן און מיינונגען, וואָס האָבן מיטן ענין גאָרניט צו טאָן.)

— עס זיינען אַריבער נ י ט מ ע ר װ י פ ו פ צ י ק י אָ ר פון זינט די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל ביז כורש, דער פּערסישער קעניג, האָט די פאַרטריבענע אידן דערלויבט צוריק אומצוקערן זיך קיין ארץ־ישׂראל.

— ארץ־ישׂראל איז אַ לאַנד פול מיט בערג און טאָלן.

— די אידישע פּויערים פלעגן ליידן ווען קיין רעגן פלעגט ניט גיין.

— די פּערסיער זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו לעבן אין גוט־פריינטשאַפט מיט די אידן. פּערסיע האָט זיך געקליבן פירן מלחמה מיט עגיפּטן און האָט דעריבער שטאַרק געוואָלט, אַז אין ארץ־ישׂראל זאָל לעבן אַ פריינטלאַך פאָלק.

— אידן אין בבל זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין האַנדל.

— די בבלים האָבן די אידן ניט צעשפּרייט איבער׳ן לאַנד, די אידן האָבן זיך דעריבער ניט אויסגעמישט מיט די פּעלקער אַרום.

— ניט אַלע אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין ארץ־ישׂראל.

— די בבלים האָבן די פאַרטריבענע אידן ניט פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. אידן זיינען אין בבל ניט שטאַרק אונטערדריקט געוואָרן.

— מלכות יהודה האָט עקזיסטירט 150 יאָר נאָכדעם, ווי ישׂראל איז אונטערגעגאַנגען. פאַר דער צייט האָבן אין יהודה געווירקט די גרויסע נביאים ישעיה און ירמיה.. עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן רעפאָרמען אין אידישן לעבן.

— ניט אַלע אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרען פון לאַנד, די בבלים האָבן איבערגעלאָזט אַ סך אידישע פּויערים אין ארץ־ישׂראל.

װ ו אָ ס ק ע נ ס ט ו אַ ל י י ן צ ו ג ע ב ן צ ו ד ע ם אַ ל ע מ ע ן?

ווערטער, ווערטער...

סופר	תמיד . . . .
תורה	אימה . . . . .
מתודה	ישוב . . . .
גלות	ענין . . . .

13. דער גלות און דאָס היימלאַנד

דער סופר עזרא ברענגט אַ נייע תורה קיין ארץ ישראל

נחמיה האָט אויפגעבויט אַ מויער פון שטיין און ערד אַרום ירושלים, אָבער די שטיינערנע וואַנט איז ניט געווען גענוג שטאַרק אָפצופּרעמדן און אָפּצושיידן די אידן פון דער וועלט אַרום.

קליין, פאַראַרימט און צעשלאָגן, ווי אידן זיינען אין יענער צייט געווען, האָט תמיד (טאָמיד) געלויערט אויף זיי די געפאַר אונטערצוגיין, פאַרשלונגען צו ווערן אין דעם געמיש פון פעלקער.

נחמיהס נייע איינפירונגען זיינען דער עיקר (דעראיקער) אויסן געווען איינצוהאַלטן די אידן אַלס א באַזונדער און אייגנאַרטיק פאָלק.

די באַמיאונגען פון נחמיהן זיינען געווען ניט מער ווי אַ פּרואוו, אַן אָנהייב. אַ קורצע צייט נאָך נחמיהן איז פון פערסיע געקומען דער פרומער סופר עזרא. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ נייע תורה (טוירע), וואָס האָט נאָך מער אָוועקגעריסן די אידן פון דער גרויסער וועלט.

מיט עזראָן זיינען געקומען אַרום זעכצן הונדערט איבערוואַנדערער, פרומע, באַגייסטערטע און פאַרעקשנטע (פאַראַקשנטע) מענשן. די צוריקגעקומענע האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די פּשוטע אידישע פּויערים פון די היימישע דערפער.

ס'איז שווער געווען צו זיין אַ איד אין דער פרעמד, דערפאַר איז דער איד אין גלות (גאָלעס) געווען איבערגעגעבענער, געטרייער ווי דער איד אויף דער אייגענער ערד.

עזראָ'ס מאַכט.

עזראָ אַליין איז געווען א געלערנטער סופר, אַ שרייבער און אַ דערקלערער פון דער תורה, פונדעסטוועגן איז ער ניט געקומען קיין ארץ-ישראל נאָר מיט פרומע תורה-ווערטער.

עזראָ איז געקומען קיין ארץ-ישראל מיט אַ גרויסער מאכט. פון'ם פערסישן קעניג האָט עזראָ געקראָגן דאָס רעכט שווער צו באַשטראָפן אַלע די, וואָס וועלן אים ניט אויספאָלגן; ער האָט אַפילו געמעגט אָוועקנעמען דאָס פאַרמעגן פון די, וואָס וואָלטן זיך אים גע-שטעלט אַנטקעגן.

די האַרבע שטראָפן זיינען געווען אַ גוטער שטעקן אָנצושרעקן די אומצופרידענע און די צווייפלער.

וואָס עזראַ האָט געטאָן.

אָנגעקומען קיין ירושלים האָט עזראַ לאַנג ניט געוואַרט. ער האָט באַלד צונויפגערופן אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג ביי איינעם פון די שטאָט־טויערן.

פון אַ הויכער הילצערנער פּלאַטפאָרמע האָט עזרא פאָרגעלייענט די נייע תורה און די כהנים האָבן זי פאַרטייטשט פאַרן עולם.

דאָס פאָלק איז געשטאַנען אין ציטערניש און גלויביק געהאָרכט. מענשן האָבן געוויינט אויפן קול. די נייע תורה איז געווען אַ שווערע תורה און האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה (איימע), אַ שרעק אויפן פאָלק.

אידן האָבן געפאַסט, אָנגעטאָן זעק מיט אַש אויף די לענדן, מתודה (מיסוואַדע) געווען זיך אויף זייערע זינד (און אויף די זינד פון זייערע עלטערן), געוויינט, געקלאָגט. די נייע תורה פון עזראַ׳ן איז געווען פול מיט שווערע געבאָטן. יעדער פּשוטער איד האָט צומאָל זיין גאַנץ לעבן געמוזט איבערברעכן.

שוין נחמיה האָט אַמאָל פּרובירט ווירקן, אַז אידן זאָלן ניט נעמען קיין פרויען פון די אַרומיקע פעלקער, אָבער עזראַ האָט געפאָדערט מער — די אידן, וואָס האָבן געהייראַט מיט ניט־אידישע פרויען, מוזן זיך אינגאַנצן שיידן מיט זיי; צוריקשיקן די פרויען צו זייערע טאַטע־מאַמע, אינגאַנצן אָפּפרעמדן זיך פון די שכנים.

דער טאָג שבת איז געוואָרן אַ שטרענגער טאָג, ווען דער איד האָט זיך ניט געטאָרט לאָזן וואויל־גיין. ס׳איז געוואָרן באַלד אַ טרויער טאָג, ווען דער פרומער מוז זיך אָפּזאָגן פון אַ סך פאַרגעניגנס און באַדערפעניש.

די נייע תורה האָט פאַראומערט דאָס לעבן פון די אידישע פּויערים און באַלמעלאָכעס, עס האָט אָבער דערהאַלטן ביים לעבן דעם קליינעם ישוב (אישעוו) אידן, וואָס וואָלט אפשר אַנדערש פאַרשלונגען געוואָרן צווישן די פיינטלאַכע פעלקער.

פאַרוואָס האָט די פערסישע מלוכה געהאָלפן נחמיה׳ן און עזראַ׳ן?

עזראַ און נחמיה האָבן פיל אויפגעטאָן צו דערהאַלטן אידן ווי אַן אָפּגעזונדערט פאָלק און אויפהיטן אידן פון אונטערגאַנג, אָבער זייער אַרבעט איז מעגלאך געווען נאָר דערפאַר, ווייל אין אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן, האָבן זיי געהאַט די הילף און די אונטערשטיצונג פון פערסיע.

פאַרוואָס איז אָבער די פערסישע מלוכה געווען פאַראינטערעסירט, אַז אידן זאָלן דוקא לעבן אָפּגעשיידט פון אַלע אַרומיקע פעלקער? פאַר־וואָס האָבן זיי געוואָלט, אַז אידן זאָלן זיין פרום?

עס איז דעמאָלט געווען אַן אומרואיקע צייט פון אויפשטאַנדן אין דער גאַנצער אַלטער וועלט. די פעלקער האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער הערשאַפט פון פּערסיע. ס'איז געווען גרויס די געפאַר, אַז אויך ע ג י פּ ט ן זאָל זיך אָפּרייסן פון פּערסיע. ווען דאָס זאָל געשען, וואָלט עס געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער גרויסער וועלט אימפּעריע. איינהאַלטן פּאַלעסטינע, באַשיצן די בריק צווישן לענדער, איז געווען זייער וויכטיק; דאָס פאָלק, וואָס לעבט, אויף דער בריק צווישן לענדער דאַרף זיין געטריי, אָפּגעזונדערט, טאָר זיך ניט מישן מיט די פעלקער אַרום; ס'איז דעמאָלט פאַראַן ווייניקער געפאַר, אַז עס זאָל זיך באַטיי־ליקן אין א בונט, אין אַן אויפשטאַנד קעגן דעם באַלעבאָס, פּערסיע.

דאָס הייפל אידן, זייענדיק פאַרטאָן כסדר נאָר אין זייער קליינעם אָרימען לעבן, זיינען געווען געטרייער זייערע האַרן, די פּערסיער, ווי דעמאָלט, ווען זיי וואָלטן זיך געפריינדלט מיט די אַרומיקע פעלקער.

די תורה פון עזרא'ן האָט שטרענג פאַרזאָגט

(שטרייך אונטער די ווערטער ניט און קיין דאָרט וואו זיי זיינען ניט נויטיק.)

אַז אידן זאָל זיך ניט אָפּשיידן פון די פעלקער אַרום.

אַז די אידן זאָלן ניט הייראַטן מיט פרויען פון די ארומיקע פעלקער.

דער טאָג שבת זאָל ניט זייער שטרענג אָפּגעהיט ווערן.

אידן זאָלן ניט אונטערדריקן זייערע אָרימע ברידער.

ווען מען לייט איינעם געלט זאָל מען ביי יענעם שפּעטער ניט נעמען קיין ציגזן.

אַ קנעכט זאָל ניט באַפרייט ווערן אין יובל־יאָר.

דער האַר זאָל ניט באַהאַנדלען שלעכט זיין קנעכט.

אַלץ וואָס די ערד וועט אַרויסברענגען אויפן שבת־יאָר זאָל ניט זיין פריי פאַר אַלעמען.

די אידן זאָלן ניט אונטערדריקן קיין פרעמדן. זיי זאָלן אים ליב האָבן און באַנעמען זיך צו אים ווי צו אַן אייגענעם.

ווען די אידן פון יהודה זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות

האָט מען געקענט דערוואַרטן, אַז	אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז	דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל
1. די אידן וועלן אין דער פרעמד אונטערגיין. זיי וועלן זיך אויסמישן מיט די פעלקער אַרום.	די אידן אין בבל זיינען פאַרבליבן אַ פאָלק צווישן פעלקער, פאַרקערט, זייער גייסטיקע אייגנאַרטיקייט איז נאָך שטאַרקער געוואָרן.	
2. די פאַרטריבענע אידן וועלן זיך מער ניט אומקערן צוריק אין זייער אייגן לאַנד.	מאַסן אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין דעם היימלאַנד.	
3. ארץ ישראל וועט בלייבן אויף אַלע מאָל וויסט און חרוב.	ס'איז צוריק אויפגעקומען אַ גרויסער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל.	א) ניט אַלע אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. אין לאַנד זיינען געבליבן גרויסע מאַסן אידישע פויערים. ב) דער גלות האָט געדויערט ניט מער ווי פופציק יאָר.

פּרובירט פאַרענדיקן די טאַבעלע נאָכקוקנדיק די פריערדיקע זייטן.

נחמיה און עזרא – זייערע אויפטואונגען

ווער איז געווען נחמיה און וואָס האָט אים באַוואויגן אַוועקצולאָזן זיך קיין ארץ ישראל ?

מיט וואָס פאַר אַ פולמאַכט איז נחמיה צו די אידן גע־קומען ?

צוליב וואָס האָט נחמיה גענומען בויען אַ וואַנט אַרום ירושלים ?

וואָס פאַר אַ שטערונגען האָבן די אידן געהאַט אויסצו־שטיין ביי דער אַרבעט ?

וואָס האָט נחמיה געטאָן צו באַפעלקערן די שטאָט ירושלים ?

פון וואַנען האָבן זיך גענומען אָרימע און רייכע אין נחמיה׳ס צייטן ?

וואָס זיינען געווען די טענות פון די פאַראָרימטע ?

וואָס האָט נחמיה געטאָן פאַר די אָרימע און אונטער־דריקטע ?

וואָס פאַר אַ רעפאָרמען אין אידישן לעבן האָבן עזרא און נחמיה איינגעפירט ?

14. אַפּגעזונדערט און אָפּגעשיידט

די הונדערט יאָר נאָך עזרא און נחמיה.

די הונדערט יאָר נאָך עזרא און נחמיה זיינען ניט געווען קיין הונדערט שטילע יאָר. זיי זיינען געווען אומעטיקע, שווערע יאָרן, אָבער דאָך פול מיט ראַנגלענישן און ענדערונגען אין אידישן לעבן.

די איינוואַנדערונג פון דער פרעמד איז געוואָרן גרעסער. יאָר־איין, יאָר־אויס פלעגן זיך מאַסן אידן אומקערן פון בבל צוריק קיין ארץ־ישראל. די אידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל האָט זיך פאַרמערט, אידן האָבן זיך אויך מער צעשפרייט איבערן לאַנד.

די ניי־געקומענע פון דער פרעמד האָבן געבראַכט נייע גלויבונגען, שטימונגען און געוואוינהייטן.

דאָס שווערע, ביטערע לעבן האָט אָבער דערשטיקט אַ סך שיינע שטרעבונגען און האָפנונגען, וואָס האָבן אַמאָל באַשיינט די ליידן פון פאָלק.

די אַלטע בענקשאַפט נאָך אַ גליקלאַכער צייט פון שלום און ברידער־לאַכקייט פאַר אַלע מענטשן איז פאַרגעסן און פאַרשפּאַרט געוואָרן. די נייע נביאים האָבן מער ניט געפּריידיקט וועגן אַ צייט, ווען מען וועט די שווערדן און שפּיזן איבערשמידן אין אַקער־אייזנס, נאָר פאַרקערט, ווען מען וועט די אַקער־אייזנס איבערשמידן אין שפּיזן און שווערדן.

דער אַלטער טרוים פון אַ משיח (מאָשיאַך), וואָס זאָל ברענגען גערעכטיקייט און פרייהייט פאַר אַלע מענטשן, איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ בענקשאַפט נאָך אַ מלחמה, וואָס זאָל אין בלוט פאַרגיסונג אומברענגען אַלע ניט גלויביקע, וואָס ווילן ניט ברענגען קיין קרבנות דריי מאָל אַ יאָר אין ירושלים.

די אידן אַליין זיינען געבענטשט, די אַלע אַנדערע פעלקער זיינען פאַר־שאָלטן.—אַ פאַלשער און שעדלאַכער גלויבן האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פאָלק.

דאָך זיינען אַפילו אין יענער שווערער און אומגליקלאַכער צייט ניט אַלע אידן פאַרביטערט געוואָרן. עס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. פריידיקן אָפן איז פאַר זיי ניט געווען מעגלאַך, האָבן זיי שטילערהייט און פאַרשטעלט פּראָטעסטירט.

זייער פּראָטעסט האָבן די אומצופרידענע אויסגעדריקט אין שיינע געשיכטעס און מעשיות. איינער האָט פאַרפאַסט די געשיכטע פון ר ו ת, אַן אַנדערער האָט אָנגעשריבן דאָס בוך י ו נ ה.

שטימען פון פּראָטעסט.

דאָס בוך פון רות איז אַ פאַרשטעלטער פּראָטעסט קעגן די שטרענגע גע־זעצן פון עזרא און נחמיה, וואָס פאַרבאָטן געמישטע הייראַטן. עס זוכט צו באַווייזן, אַז אפילו דוד המלך, וואָס איז אין יענער צייט באַטראַכט געוואָרן פאַרן גרעסטן הערשער, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט, האָט אַליין אָפּגעשטאַמט ניט פון קיין אידישקע, נאָר פון אַ מדבר טאָכטער. זיין מאַמע איז געווען די טאָכטער פון מדבר־וואַנדערער (מואָבים) און האָט געהייסן רות.

דאָס בוך פון יונה׳ן איז אַ פּראָטעסט קעגן דעם ענגן נאַציאָנאַליזם פון די נייע נביאים. דער העלד יונה איז באמת איינער פון די נייע נביאים, אַ מענטש וואָס דענקט אַז דער באַשעפער זאָרגט זיך נאָר וועגן די אידן.

ווען יונה דערהערט דעם רוף, אַז ער זאָל גיין פּריידיקן אין דער גויאישער שטאָט נינווע, דעם אייביקן פיינט פון ירושלים, ווערט ער גוואַלדיק אומצופרידן. פאַרוואָס זאָל ער, אַ אידישער נביא, אָפּגעבן זיך מיט זינדיקע גענצנדינער? זאָלן זיי אומקומען אין זינד!

אָנשטאָט אויסצופאָלגן דעם הייליקן רוף, נעמט גאָר יונה און אַנטלויפט אין אַ פרעמד לאַנד.

זייער שנעל געפינט אָבער יונה אויס, אַז גאָט גרייכט ווייטער, ווי די גרעניצן פונ׳ם קליינעם ארץ ישראל. די שיף, אין וועלכער יונה באַהאַלט זיך אויס, ווערט פאַרכאַפּט פון אַ גרויסן שטורעם, יונה ווערט אַריינגעשליידערט אין ים און ראַטעוועט זיך נאָר דורכדעם, וואָס גאָט שיקט אַ וואַלפיש, און דער וואַלפיש שלינגט יונה׳ן איין.

ערשט דעמאָלט ווען יונה איז צוריק אויף דער טריקעניש, און דער באַפעל צו גיין קיין נינווע ווערט איבערגעחזרט, דערשרעקט זיך דער נביא און פאָלגט אויס גאָטס רוף. יונה לאָזט זיך אין דער פרעמדער שטאָט, וואָרנט אירע איינוואוינער, אַז אין פאַרלויף פון פערציג טעג וועלן זיי אַלע אומקומען און דאַן זעצט ער זיך פרום אַנידער וואַרטן זיין נבואה (נע־וואוע) זאָל מקוים (מעקויעם) ווערן.

צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג גייט די שטאָט נינווע ניט אונ־טער. די גוים ווייזן זיך אַרוים צו זיין גאָרניט אַזוי שלעכט און פאַר־דאָרבן, ווי ער האָט פריער געטראַכט פון זיי. זיי נעמען זייַנע רייד צום האַרצן און טוען תשובה. און ווען יונה ווערט פול מיט צאָרן למאַי די שטאָט איז געראַטעוועט געוואָרן, פּרובירט גאָט מילד און רואיק צו דערקלערן פאַרוואָס ער האָט אַזוי געטאָן.

דאָס בילד פון גאָט, ווי ער ווערט געשילדערט, איז פון אַן אַלטן,

קלוגן מאַן, וואָס באַרואיקט דעם ברוגזן יונה, צערטלט אים און מורמלט שטיל: „גענוג, גענוג, זיי ניט קיין קינד, אויב די גוים זיינען שלעכט, איז דאָס ניט זייער שולד. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אומוויסנד און ווי די חיות אין פעלד. איך מוז זיין געדולדיק און ניט איבערגע־איילט. איך דאַרף זיי פאַרגעבן, וואָרום זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען". גאָטס וואָרנונג צו יונה'ן איז באמת געמיינט פאַר אַלע אידן פון יהודה.

דאָס איז געווען דער זעלביקער געשריי מיט וועלכן ס'איז נאָך מיט יאָרן צוריק געקומען צו די אידן דער נביא מלאכי. ער איז אַרויס־געטראָטן קעגן דעם, וואָס אידן באַטראַכטן זיך פאַר די איינציקע אויס־דערוויילטע פון גאָט.

„האָבן מיר דען ניט אַלע איין פאָטער, און האָט דען ניט איין גאָט באַשאַפן אונז אַלעמען?" — האָט דער נביא אויסגערופן.

אָבער עס זיינען שוין אַריבער די טעג ווען אַ נביא האָט געוואָגט אַרויסצוברענגען פון מויל אַזעלכע רייד. ער האָט זיי פאַרשטעלטערהייט אַריינגעגעבן אין אַ געשיכטע.

די טעג פון די נביאים זיינען שוין פאַרביי.

ס'איז אָנגעקומען די הערשאַפט פון די כהנים.

די כהנים קריגן די גאַנצע מאַכט

די כהנים זיינען אַצינד געווען ניט בלויז די רעליגיעזע פירער, — אין זייערע הענט איז אויך געלעגן די ר ע ג י ר ו נ ג פ ו ן ל א נ ד.

פון יאָר צו יאָר איז די מאַכט פון די כהנים געוואַקסן, געוואָרן גרעסער, שטאַרקער. ביי די כהנים האָט זיך אָנגעקליבן אַ גוואַלדיקער פאַרמעגן, אַ גוואַלדיקע רייכקייט. צו די גרויסע ימים־טובים פלעגן די אידישע פויערים, באַלמעלאָכעס און פאַסטוכער ברענגען די בעסטע פרוכט פון די גערטנער, די שענסטע תבואה פון די פעלדער און די געראָטנסטע שעפסן און ציגן פון דער טשערעדע. די כהנים גדולים זיינען באמת געוואָרן אַקוראַט ווי קעניגן און די קלענערע כהנים אַזוי ווי פרינצן. זיי זיינען מיט גאָרניט געווען בעסער פון די וועלטלאַכע קעניגן און פרינצן. אָבער ניט געקוקט אויף דער פאַלשקייט, אונטער־דריקונג און נאַרעריי, איז זיי דאָך געלונגען איין זאַך — ז י י ה אָ ב ן ד ע ר ה אַ ל ט ן ד י א י ד ן אַ ל ס אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר פ אָ ל ק. זיי האָבן דאָס אידישע לעבן אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון מנהגים און פאַרוועררונגען. אפילו די שומרונים, די האַלבע אידן, זיינען אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן פון אידישן פאָלק.

ווער איז ווער?

כהנים גדולים, חכמים, סופרים.

_____ האָבן פאַרמאָגט אַ סך רייכקייט און האָבן געקענט לעבן אין וואוילטאָג און פאַרגעניגן, זיי פלעגן צונויפקלייבן די צינזן וואָס אידן האָבן באַדאַרפט צאָלן צו די פרעמדע הערשער און עם איבערשיקן צום קעניג. מערסטנס פלעגן זיי ווייניק וואָס זאָרגן וועגן פאָלק. זייער מאַכט פלעגט איבערגיין פון פאָטער צום זון.

_____ זיינען געוועזן די לערער און די גייסטיקע פירער פון פאָלק, זיי האָבן געלערנט מיטן פאָלק די תורה.

_____ פלעגן זיצן ביים טויער פון שטאָט און געבן עצות, דורך שפּרוכן און קלוגע ווערטלאַך פלעגן זיי לערנען דאָס פאָלק דעם ריכטיקן וועג, ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

די ווירקונג פון דער וועלט אויף די אידן.

מער ווי הונדערט יאָר האָבן זיך די אידן געזוכט אָפּצוזונדערן פון די פעלקער אַרום. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס די אידן געלונגען, אָבער דאָך ניט אינגאַנצן... פרעמדע פעלקער האָבן אויף אידן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג, סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן.

העברייאיש, די שפּראַך אויף וועלכער אידן האָבן הונדערטער יאָרן גערעדט, איז אָנגעפילט געוואָרן מיט נייע ווערטער פון אַראַמיש און איז בּיסלאַכווייז געוואָרן אַ מיש־שפּראַך.

דעם אַמאָליקן העברייאיש האָבן אידן מער ניט פאַרשטאַנען. דער תנ״ך האָט געמוזט איבערזעצט ווערן אין אַראַמיש.

אויך זיינען אַריינגעדרונגען אין אידישן לעבן אַ סך נייע גלויבונגען. פון די פּערסיער האָבן די אידן איבערגענומען דעם גלויבן אין מלאכים און שדים און אויך אין יענער וועלט.

אידן האָבן גענומען גלויבן אין שטן (שאָטן), אַ שרעקלאַכן גייסט, וואָס זוכט צו ברענגען שלעכטס און אומגליק אויף מענשן, אין אַ גיהנום, וואו אלע זינדיקע און ניט פרומע וועלן געפּייניקט ווערן נאָכן טויט.

אַמאָל האָבן אידן געגלויבט, אַז שטאַרבט אַ מענש איז שוין אַלץ פאַרפאַלן, אָבער אַצינד, ווען אויף דער וועלט איז פאַרן אָרימען מענשן געוועזן אַזוי ווייניק פרייד און גליק, האָבן אידן גענומען גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט, וואו אַלע צדיקים וועלן געניסן פרייד און גליק.

אויסערלאַך איז אפשר גאָר קיין גרויסע ענדערונג ניט פאָרגעקומען אין אידישן לעבן, וואָרום אַלץ איז געשען פּאַמעלאַך, ביסלאַכווייז.

עס זיינען אַריבער אַרום 200 יאָר. דער פייער האָט, ווי אַלע יאָרן, געאַקערט און געזייט און אויב ס׳איז געגאַנגען אַ רעגן און קיין הייסער ווינט פון מדבר האָט ניט געבלאָזן, האָט ער געהאַט זיין אָרים שטיקל ברויט.

די כהנים (קויהאַנים) האָבן געבראַכט קרבנות (קאָרבאָנעס) אין בית המקדש. ס׳איז געוועזן אָרימלאַך און אומעטיק און שטיל ביז עס זיינען געקומען די גריכן און אין אידישן לעבן האָט זיך גענומען רודערן.

ענדערונגען אין אידישן לעבן.

עס קומט אויף ביי די אידן די שטרעבונג אָפּצוזונדערן זיך פון די פעלקער ארום (איבערהויפּט ווערט שטאַרק דער פאַרבאָט פון געמישטע הייראַטן).

די אידישע ימים-טובים וואָס זיינען אין די אמאָליקע צייטן געווען פאַרבונדן מיט ערד-אַרבעט אָדער מיט פיטערן שעפּסן און ציגן, הייבט מען אָן צו דערקלערן מיט פאַרשיידענע גרויסע פּאַסירונגען אין דער פ אַ ר ג אַ נ ג ע נ ה י י ט.

דער טאָג שבת נעמט שטרענג אָפּגעהיט ווערן. עס ווערט אַ צייכן אָפּצושיידן אידן פון ניט-אידן.

די אַלטע שריפטן ווערן שטאַרק פאַרהייליקט און אָפּגעהיט. ס'קומט אויף (נאָך אין בבל) אַ קלאַס פון איבערשרייבער און דערקלערער פון דער תורה — די סופרים (סויפרים). זיי נעמען שפּילן זייער אַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן.

די כהנים קריגן אַ גוואַלדיקע מאַכט. עס ווערט כמעט ווי אָפּגע-שטאָרבן דער אינטערעס פאַר אַן אייגענער מלוכה, ד. ה. פאַר פּאָליטישער פרייהייט פון פאָלק.

אויסער פיל אַנדערע פעדים, וואָס בינדן צוזאַמען די אידן (זע זייט 39) זיינען די אידן פאַראייניקט אויך דורכדעם וואָס זיי זיינען אונטער-וואָרפן איין הערשער-פאָלק — די פּערסיער — און זיינען אונטערטאַנען פון איין אימפּעריע.

גריכן און פערסיער.





גריכישע שיפן און ים־פּאָרער







15. די גריכן

ווער זיינען זיי געווען? פון וואַנען זיינען זיי געקומען? ווי האָבן זיך די אידן מיט זיי באַגעגנט?

גריכנלאַנד איז אַ קליין לאַנד מיט אַ סך בערג און טאָלן אָבער ווייניק גוטע ערד, וואָס זאָל זיך אויסטויגן פאַר ערד-אַרבעט.

דערפאַר איז דאָס לאַנד אַרומגערינגלט מיט וואַסער און דער ברעג האָט גוטע האַפנס און איז צוליב דעם גוט צוגעפּאַסט אָנצופירן אַ ים-האַנדל.

די ערשטע צייט זיינען די גריכן געווען פּאַסטוכער און האָבן געפּי-טערט שאָף און ציגן. ווען די באַפעלקערונג איז אָבער געוואָרן גרעסער האָבן די גריכן גענומען אויסוואַנדערן אין דער פרעמד.

די וואַסערן ארום גריכנלאַנד זיינען פול פאַרזייט מיט צענדליקער אינזלען און אינזעלאַך, גאָר נאָענט איינע פון די אַנדערע. עס איז דערי-בער ניט געווען אַזאַ געפאַר און אַזאַ איינשטעלעניש ארויסצופאָרן אויפן ים. אַ שיף האָט זיך קיינמאָל ניט געפונען וויט אַוועק פון אַ ברעג אָדער וויט אַוועק פון אַ מענטשלאַכן ישוב.

די שיפן וואָס די גריכן פלעגן בויען זיינען אָנגעטריבן געוואָרן מיט רודערס אָדער מיט זעגלען. די שיפן זיינען געווען געבויט פון האָלץ. אויף אָט די שיפן האָבן די גריכן גענומען ארויספאָרן אויף דער וועלט, צוערשט נאָר צו די נ אָ ע נ ט ע אינזלען, אָבער ביסלאַכוויז האָבן זיי זיך אויך אויסגעלערנט צו מאַכן גאַנץ לאַנגע רייזעס, אין די גאָר וויטע לענדער.

מיט די איינוואוינער פון די אינזלען פלעגן די גריכן אָנפירן אַ האַנדל, בייטן זיך, קויפן, פאַרקויפן; אָבער מערסטנס פלעגן גאָר די גריכן ב אַ-פ אַ ל ן די באַוואוינער פון די אינזלען, באַרויבן זיי, צונעמען זייער פאַר-מעגן און אומקערן זיך צוריק אַהיים מיט פרעמדן האָב און גוטס.

יאָרן זיינען אַוועק און די גריכן האָבן זיך ביסלאַכוויז אויך גענומען ב אַ ז עצ ן אין דער פרעמד. עס זיינען אויפגעקומען נייע גריכישע שטעט און ה אַ נ ד ל ס - ק אָ ל אָ נ י ע ס אין פאַרשיידענע לענדער פון דער אַלטער וועלט.

ביסלאַכוויז, ביסלאַכוויז זיינען גריכן געוואָרן אַ גרויס האַנדלס-פאָלק און גענומען פירן געשעפטן מיט נאָענט און מיט וויט. זייער האנדל האָט מיט דער צייט אריבערגעשטיגן דעם האנדל פון די פעניציער און פון די אַמאָליקע עגיפּטער.

גריכנלאַנד, מאַקעדאָניע און קליין־אַזיע



גריכנלאַנד — אַ לאַנד פון שטעט

גריכנלאַנד איז געווען אַ לאַנד פון פרייע זעלבסטשטענדיקע שטעט. די שטעט זיינען אָפטמאָל גאָרניט געווען פאַרבונדן צווישן זיך. יעדע שטאָט האָט זיך געלעבט באַזונדער.

אין אייניקע שטעט האָט געהערשט דאָס פאָלק, למשל, אין אַטען. ס'איז דאָרט געווען אַ פאָלקס-רעגירונג. אָבער נאָר די פרייע גריכן האָבן פאַרמאָגט די מאַכט. די שקלאַפן האָבן גאָר קיין דעה (דייע) ניט געהאַט אין געזעלשאַפטלאכן לעבן. ווייניק רעכט האָבן אויך פאַרמאָגט די אַריבערגעקומענע, די פרעמדע; אַפילו יענע פרעמדע וואָס האָבן יאָרן לאַנג אָפּגעלעבט אין דער נייער היים האָבן קיין בירגער ניט געקענט ווערן.

אָנפירן מיט דער פאַרוואַלטונג פון שטאָט, אַרויסגעבן געזעצן, משפּטן (מישפּעטן), דערקלערן מלחמה א. ד. גל. האָבן געקענט נאָר די אמתע גריכן, די פרייע בירגער פון לאַנד — אַ קליין הייפל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אַשור און בבל קענען גריכנלאַנד ניט באַצווינגען

הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָט די גריכן שטאַרק געגליקט אין זייערע אָנפאַלן אויף די אינזלען פון ים און אויפן ים-ברעג. גרויסע קאָלאָניעס און שטעט זיינען אויפגעקומען אין אַ סך ערטער. צווישן די נייע קאָלאָניעס און זייערע מוטער-שטעט איז אָנגעגאַנגען דער לעבעדיקסטער פאַרקער.

גריכנלאַנד איז געוואָרן רייך און מעכטיק. די שטעט זיינען אויסגעוואַקסן. די קליינע אָרימע שטיבלאך פון אַמאָל זיינען פאַרשוואונדן. ס'זיינען אויפגעקומען געמויערטע הייזער, פּאַלאַצן, טעמפּלען, מערק.

אין לאַנד פון די צווילינג-טייכן האָבן געהערשט די אַסיריער, שפּעטער די באַבילאָניער. ביידע גרויסע פעלקער האָבן אומגעבראַכט און אונטערדריקט אָן אַ שיר לענדער און פעלקער, אָבער אַזוי ווייט ווי גריכנלאַנד זיינען די אַסיריער און באַבילאָניער קיינמאָל ניט דערגאַנגען.

גריכנלאַנד איז געווען אַ האַלב-אינזל אויפן ים און ניט די אַסיריער און ניט די באַבילאָניער זיינען געווען ים-פעלקער: זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין שיפן און אָן שיפן איז געווען כמעט (קימאַט) אוממעגלאך די גריכן צו באַזיגן.

גריכנלאַנד האָט דעריבער געהאַט גענוג צייט זעלבסטשטענדיק זיך צו אַנטוויקלען.



די גריכן אַן אַנטוויקלט פֿאָלק

ווייל די גריכן האָבן אָנגעפירט אַ גרויסן האַנדל און זייערע ים־פֿאָרער האָבן פֿאַרבונדן די גריכישע מוטער־שטעט מיט דער גאַנצער אַלטער וועלט, געבראַכט אַהיים אוצרות (אויצרעס) פֿון אומעטום, זיינען די גריכן גיך געוואָרן אַ זייער אַנטוויקלט און געלערנט פֿאָלק.

די גריכן האָבן איבערגענומען זייער פֿיל פֿון די עלטערע פֿעלקער ארום. פֿון די עגיפּטער האָבן זיך די גריכן געלערנט, ווי אַזוי צו בויען הייזער און טעמפּלען, פֿון די פֿעניצער — די קונסט פֿון שרײַבן און פֿון בויען שיפֿן. מעשות און דערציילונגען זיינען אריינגעדרונגען אין גריכנ־לאַנד פֿון גאַנצן אָריענט.

פֿרייהייט פֿון איינצלנעם אין די גריכישע שטעט.

אין גריכנלאַנד, פֿריער ווי אַנדערשוואו, איז אויפֿגעקומען דער גלויבן, אַז דער מענטש איז פֿריי.

די גריכישע שטעט זיינען געווען קליין, אַ שטוב איז געשטאַנען לעבן אַ שטוב, דער מאַרק אין מיטן, קינדער זיינען אויפֿגעוואַקסן פֿאַר אַלעמען אין די אויגן — יעדער מענטש האָט געהאַט אַ ווערט (נאָר צווישן אַ סך מענטשן ווערט דער איינצלנער פֿאַרלאָרן, — אין אַ קליינעם הייפֿל איז אָבער יעדער מענש וויכטיק). אין די קליינע גריכישע שטעט איז אויפֿגעקומען דער גלויבן, אַז דער מענטש, דער איינצלנער מענטש, ניט בלויז דאָס פֿאָלק, מוז זיין פֿריי, ער דאַרף אַליין באַשטימען, ווי זיין לעבן זאָל זיך גיין, ווי די שטאָט, וואו ער לעבט זאָל זיך פֿירן.

די גריכן האָבן זיך אויך ניט באַשאַפֿן קיין שרעקלאַכע געטער, פֿאַר וועלכע זיי זאָלן דאַרפֿן ציטערן. די גריכישע געטער זיינען געווען אַקוראַט ווי מענטשן — מיט מענטשלאַכע שוואַכקייטן און מענטשלאַכע מעלות (מיילעס).

דער גריך האָט ניט געגלויבט, אַז ער דאַרף זיך פֿאַראומערן דאָס לעבן צו זיין גוט.

ער האָט געגלויבט, אַז זיין גוט מיינט, וואָס מער הנאה האָבן פֿון לעבן, פֿרייען זיך מיט וואָס דאָס לעבן גיט, וואָרום העכערס ווי לעבן איז אויף דער וועלט ניט פֿאַראַן — ניט אויף דער וועלט און ניט נאָכדעם ווי דער מענטש מאַכט צו די אויגן אויף אייביק.

אָן וואָס דערמאָנט עס דיך?

1. זייער פיל אונטערדריקטע	א. בירגער
2. אַ קליין הייפל פרייע	ב. קנעכט
3. אין אַ סך שטעט האָט געהערשט דאָס	ג. רעכט
4. די פרעמדע האָבן פאַרמאָגט וויניק	ד. שטעט
5. גריכנלאַנד איז געווען אַ לאַנד פון	ה. פאָלק

(שרייב אַרונטער די זאַצן אַזוי, אַז די ווערטער לינקס, זאָלן שטימען מיט די שורות רעכטס).

בירגער, פרעמדע און שקלאַפן

בירגער — —	40,000
פרעמדע —	10,000
שקלאַפן — —	150,000

די פאַרטיילונג פון דער באַפעלקערונג אין צוויי גריכישע שטעט — אַטען און אַטיקע — אַרום יאָר 430 פ. קר.

חסרונות (כעסרוינעס) פון דער גריכישער פרייהייט

דער גריך האָט געגלויבט, אַז דאָס גרעסטע אין לעבן איז פרייהייט, אָבער דאָס איז געווען פרייהייט נאָר פאַר די, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ סך ערד אָדער געפירט געשעפטן. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקע־רונג: די שקלאַפן און די פרעמדע האָבן פון קיין פרייהייט ניט געוואוסט.

דער מזל פונ׳ם שקלאַף איז געווען פראַצע, ווי דאָס איז געווען דער גורל פון די פי אין פעלד.

אויב גריכנלאַנד איז געווען די מוטער פון פרייהייט, די פרייהייט פון איינצלנעם, איז אָבער האַנט אין האַנט מיט דער „פרייהייט" גע־גאַנגען שקלאַפן־אַרבעט, נויט און אַרבעטסלאָזיקייט פון די פאָלקס־מאַסן אין די גריכישע שטעט.

קריגערייען צווישן די גריכישע שטעט

די באַזונדערע שטעט אין גריכנלאַנד פלעגן אָפט פירן מלחמות צווישן זיך. אַנשטאָט אָפצושלאָגן זייער אַלעמענס פיינד — די פער־סיער — פלעגן זיי זיך גאָר ארומקריגן צווישן זיך.

פאַר די פערסיער זיינען די קריגערייען צווישן די גריכישע שטעט געווען אַקוראַט ווי אָנגעמאָסטן. אויך פאַר די פעניציער איז די אומ־אייניקייט געווען אַ גרויסע טובה (טויווע). די פערסיער האָבן זיך זייער שטאַרק באַדינט מיט די פעניצישע ים־פאָרער און שיפן.

די פערסיער אַליין זיינען ניט געווען קיין פאָלק פון ים־פאָרער. אָן אַ פלאָט איז אָבער כמעט אוממעגלאַך געווען צו האַלטן גריכנלאַנד אין צוים.

די פעניציער האָבן צוגעשטעלט שיפן. לעבנדיק ביים ברעג ים און נאָענט צו די צעדער־ביימער פונם וואַלד לבנון, האָבן די פעניציער גע־האַט אי גוטע האָפנס, אי געהילץ פון וואָס צו בויען שיפן.

די פעניציער און די גריכן זיינען ביידע געווען האַנדלספעלקער און האָבן יאָרן לאַנג איינע די אַנדערע געזוכט אַריבערצויאָגן אין געפינען און פאַרכאַפן מערק און לענדער, וואו צו פאַרקויפן זייערע פראָדוקטן. קיין גוטע פריינט זיינען זיך דעריבער די גריכן און די פעניציער קיינמאָל ניט געווען.

אַליין צו פאַריאָגן די גריכישע שיפן האָבן די פעניציער מער ניט

געקענט, האָבן זיי ליבערשט אָנגענומען די אָפּהענגיקייט פון פּערסיע (אַ ברירה האָבן זיי געהאַט...) אַבי צו דערוועגן און פאַרטרייבן דעם האַנדלס-שונא — גריכנלאַנד.

פּאַראָרימטע פּויערים און ארבעטסלאַזע אין אַמאָליקן גריכנלאַנד

אין גריכנלאַנד איז די באַפעלקערונג כסדר געוואַקסן און ס׳איז געוואָרן וואָס אַ יאָר אַלץ מער ענג. אין לאַנד איז צווישן דער פרייער באַפעלקערונג אויפגעקומען אַ ר ב ע ט ס ל אָ ז י ק י י ט, ווייל דער גרעסטער טייל אַרבעט האָט גענומען אָפּגעטאָן ווערן פון שקלאַפן. אַמאָליקע צייטן זיינען שקלאַפן געווען כמעט דאָס אייגענע וואָס די מאַשינען זענען אין אונזער צייט.

נייע מאַשינען ברענגען אָפּטמאָל צו אַ פאַרגרעסערונג פון ארבעטסלאָזיקייט און פונקט אַזוי פלעגט אַ גרויסער צופלוס פון שקלאַפן-אַרבעט בּיסלאַכווייז צונעמען באַשעפטיקונג פון די פרייע באַלמעלאָכעס. אין דער זעלביקער צייט האָבן אויך די גריכישע פּראָדוקטן גענומען וויניקער פאַרקויפט ווערן אין דער פרעמד. גריכישע באַלמעלאָכעס האָבן פאַרלאָרן אַרבעט.

די פּערסיער וואָס זיינען אין יענער צייט געווען די וועלט-הערשער האָבן געשטערט די גריכישע הענדלער. זיי האָבן מער געהאָלפן, אַז די אָפּהענגיקע לענדער זאָלן פאַרפלייצט ווערן מיט סחורות פון בבל, פּערסיע א. א. וו. איידער מיט סחורות (סכוירעס) פון גריכנלאַנד.

אויסוואַנדערן פון לאַנד און באַזעצן זיך אין דער פרעמד איז אַצינד געווען כמעט (קימאַט) אוממעגלאַך. אויסוואַנדערן אין דער פרעמד האָט פאַר די גריכן געמיינט פאַרפירן אַ מלחמה מיט די איינוואוינער פונם ברעג ים און דאָס וואָלט געהייסן, פריער אָדער שפּעטער, אַ מלחמה מיט פּערסיע. צו דעם זיינען די גריכישע שטעט ניט געווען גרייט. פּערסיע איז געווען פאַראייניקט, אָרגאַניזירט. די גריכישע שטעט אָבער האָבן זיך גאָר ארומגעקריגט צווישן זיך.

16. אַלעקסאַנדער דער גרויסער

אַלעקסאַנדער דער גרויסער

די פֿויערים פֿון מאַקעדאָניע — פֿריש און ניט אויסגעמאַטערט פֿון מלחמות

אַביסל אָפּגעלעגן, אָבער ניט זייער שטאַרק אַוועק פֿון גריכנלאַנד, האָבן געלעבט די מאַקעדאָניער — באמת אויך גריכן — אָבער לעבנדיק די אַלע יאָרן מער צווישן בערג און אויף פֿרוכטבאַרער ערד זיינען זיי הונדערטער יאָרן אויסגעהיט געוואָרן פֿון די שטרייטן און מלחמות, וואָס די באַוואוינער פֿון די גריכישע טאָלן און פֿונם ים־ברעג האָבן געפֿירט.

אין 4טן יאָרהונדערט פֿ. ק. האָט מאַקעדאָניע דערוואַכט. פֿיליפּ, דער מאַקעדאָנישער קעניג, וואָס האָט זיך אַליין אין דער יוגנט יאָרנלאַנג אויפֿגעהאַלטן אַ געפֿאַנגענער אין גריכנלאַנד, האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דאָס לאַנד מיליטעריש.

ער האָט באַוואָפֿנט די מאַקעדאָנישע פּויערים מיט לאַנגע שפּיזן, האָט זיי אויסגעמושטירט און געלערנט ווי אָנצופֿאַלן אויפֿן שונא.

פֿיליפּ האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די גריכישע שטעט. די איינציקע שטעט האָבן זיך גענומען שרעקן, צי וויל ער זיי ניט באַהערשן; אָבער פֿיליפּ האָט געהאַט אַן אַנדער מיין, — ער האָט זיך געקליבן ניט צו באַהערשן די גריכישע שטעט, נאָר צו פֿאַראייניקן די שטעט, כדי צו באַהערשן די גרויסע וועלט, פֿאַרטרייבן די פּערסיער

און אויפבויען אַ מאַקעדאָניש-גריכישע וועלט-הערשאַפט אַנשטאָט דער פּערסישער.

פּיליפּ, דער קעניג פון מאַקעדאָניען, האָט ניט באַוויזן אונטערצונעמען דעם גרויסן צוג קעגן די פּערסיער. אין מיטן פון זיינע צוגרייטונגען איז ער געשטאָרבן. די פירונג פון לאַנד האָט איבערגענומען זיין 21-יעריקער זון אַלעקסאַנדער.

מערק פאַר די הענדלער און ערד פאַר די פּויערים

דאָס וואָס עס איז ניט געלונגען די גריכישע שטעט האָט זיך איינגעגעבן דעם יונגן אַלעקסאַנדער, אַליין ניט קיין גריך, נאָר אַ מאַקעדאָניער, אָבער אַ גריך אין גייסט (זיין לערער איז געווען דער גרעסטער גריכישער דענקער און שריפטשטעלער, אַריסטאָטעל). אַלעקסאַנדער האָט איבערגוואַלד פאַראייניקט אַלע גריכישע שטעט און איז אַרויס אין מלחמה קעגן פּערסיע. אין יאָר 333 פ. ק. האָט אַלעקסאַנדער צעשלאָגן די פּערסיער און איז געוואָרן דער הערשער פון דער גאַנצער אַלטער וועלט.

געקומען קיין פּאַלעסטינע האָט אַלעקסאַנדער, פריער פאַר אַלץ, צעשטערט די פעניצישע האַנדלס-שטאָט צור (צויר) און זי אויסגעגליכן מיט דער ערד. טויזנטער מענער, פרויען און קינדער האָט אַלעקסאַנדער געלאָזט פאַרקויפן אין קנעכטשאַפט און אַנדערע טויזנטער געפאַנגענע האָט ער געלאָזט אויפהענגען אויף די האַלב-איינגעפאַלענע ווענט פון דער שטאָט.

די מלחמה איז געפירט געוואָרן צו געפינען מערק פאַר די גריכישע הענדלער און ערד פאַר די פאַראָרימטע פּויערים. קיין שום רחמנות האָבן דעריבער די פעניציער ניט געקענט דערוואַרטן.

אַנשטאָט צור (צויר) האָט אַלעקסאַנדער שפּעטער אויסגעבויט אַ נייע שטאָט אין עגיפּטן. די שטאָט האָט ער אָנגערופן אויף זיין אייגענעם נאָמען — אַלעקסאַנדריע (זי איז געשטאַנען אויף דער דעלטאַ פונם טייך נילוס).

קיין אַלעקסאַנדריע האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער גרויסער וועלט-האַנדל, וואָס פלעגט פריער אָנגעפירט ווערן פון די פעניציער.

די שטאָט איז באַפעלקערט געוואָרן פון גריכן: גריכישע קאָלאָניסטן און זעלנער. אין אַ קורצער צייט איז אין דער וועלט געשען אַ גוואַלדיקע ענדערונג — איין האַנדלס-פאָלק איז אויסגעראָטן געוואָרן און אַ צווייט פאָלק האָט פאַרכאַפּט די וועלט-מערק פאַר אירע אויסאַרבעטונגען און סחורות (סכוירעס).



אַלעקסאַנדער צעשלאָגט די פּערסיער

יהודה איז איבערגעגאַנגען אין גריכישע הענט אָן בלוטפאַרגיסונג. די אידן האָבן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט. זיי זיינען געווען צו קליין, צו אָרים צו ווידערשפעניקן. אויסער דעם, וואָס האָט די אידן אויס־געמאכט ווער עס וועלן איבער זיי הערשן — די פּערסיער, צי די גריכן? די ערשטע באַגעגעניש פון די גריכן און די אידן איז דעריבער אָפּגעלאָפן רואיק.

די גאַנצע וועלט — אַ גריכישע וועלט

די גריכן האָבן זיך ביים פּאַרכאַפּן נייע לענדער געפירט אינגאַנצן אַנדערש ווי אַלע פריערדיקע הערשער־פעלקער.

די גריכן פלעגן איבערלאָזן אייגענע מענטשן, ק אָ ל אָ נ י ס ט ן, אין אַלע לענדער, וואו נאָר זיי פלעגן אריינקומען. זיי האָבן די גאַנצע וועלט געוואָלט מאכן פאַר אַ ג ר י כ י ש ע ר וועלט.

פאַרשפּרייטן דעם גריכישן שטייגער לעבן האָט געמיינט, פריער פאַר אַלץ, באַשאַפן נייע קויפער פון גריכישע סחורות (סכוירעס); ניט קיין פאַרגריכישטע אידן, למשל, האָבן פאַר זיי גאָר קיין באַדערפעניש ניט געהאַט.

ניט באַמערקטערהייט איז יהודה גאָר גיך ארומגערינגלט געוואָרן מיט אַ נעץ פון נייע גריכישע שטעט.

די ווירקונג פון פרעמדן שטייגער לעבן האָט זיך שטאַרק געגומען פילן. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אידן און גריכן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, און עס האָבן זיך באַגעגנט צוויי וועלטן.

די אידישע וועלט — אָרימע, פשוט'ע פויערים, וואָס האָבן געלעבט אַ שווער לעבן, געאַרבעט געטריי, מיטן ביטערן שווייס געקראָגן דאָס שטיקל ברויט, צוריקגעצויגענע, שטרענגע, איינפאַכע מענטשן; און די גריכישע וועלט — הענדלער, וואָס האָבן ליב אַ גרינג לעבן, פאַרגעניגנס, צעלאָזנקייט, וואוילטאָג.

מיט די גריכישע דענקער און קינסטלער, מיט די גריכישע באַלמע־לאָכעס, מיט דעם פאַראָרימטן גריכישן פויער האָבן זיך די אידן פון אָנ־הייב וויניק וואָס באַגעגנט. די גריכן מיט וועלכע די אידן האָבן זיך צונויפגעטראָפן זיינען געווען: גריכישע סאָלדאַטן און גריכישע הענדלער.



ביים שמיד אין דער קוזניע



ביים שוסטער אין וואַרשטאַט

אַרבעט אין פעלד



די פרוי ביים שפּינדל

דער טעפּער ביים ראָד

דער קלוגער טראַכט און דער נאַר טרעפט!

אַלעקסאַנדער און די אידן

ווען אַלעקסאַנדער איז אריינגעקומען אין יהודה, ווי האָבן אים די אידן אויפגענומען און ווי האָט זיך אַלעקסאַנדער באנומען מיט די אידן?

(שטרייך אויס די ווערטער נ י ט און ק י י ן דאָרט וואו מען דאַרף זיי ניט. לאָז איבער די ווערטער נ י ט און ק י י ן דאָרט וואו זיי זיינען נויטיק.)

1. די ערשטע באגעגעניש פון די אידן מיט די גריכן איז ניט געווען קיין פריידלאכע און ניט אָן בלוטפאַרגיסונג.
2. די אידן האָבן ניט אויפגענומען אַלעקסאַנדערן זייער פריינטלאך.
3. די אידן האָבן ניט מלחמה געהאַלטן מיט אַלעקסאַנדערן.
4. די אידן איז ניט געווען אַלץ איינס ווער עס וועט איבער זיי הערשן, די גריכן אָדער די פּערסיער.
5. אַלעקסאַנדער האָט ניט געשטערט די אינווייניקסטע פרייהייט פון די אידן.
6. ער האָט זיי ניט דערלויבט אָפּצוהיטן זייער אַלטן גלויבן.
7. ער האָט זיי ניט דערלויבט צו פירן זיך לויט זייערע אייגענע געזעצן.
8. ער האָט זיי ניט געצוואונגען אריינצושטעלן זיין סטאַטוע אין בית המקדש.
9. ער האָט אָבער ניט ארויפגעלייגט קיין צינזן אויף דער באפעלקערונג.
10. אין אַ שמיטה-יאָר, ווען די פעלדער ווערן ניט באאַרבעט, האָבן די אידישע פּויערים ניט געדאַרפט צאָלן קיין צינזן.
11. ער האָט ניט פאַרטריבן די אידן פון זייער לאַנד.
12. אַלעקסאַנדער האָט לאַנג ניט געהערשט.

ווען מען רעדט וועגן גריכנלאַנד דאַרף מען געדענקען

—— אַ לאַנד פון בערג און טאָלן.
—— ווייניק רעגן.
✓ אַ האַלב-אינזל מיט גוטע האַפנס.
✓ הענדלער, שטעט.
✗ קונסט.
✓ ים-פאָרער, שיפן.
✗ שקלאַפן-אַרבעט.

ווען מען רעדט וועגן אידן אין פּאַלעסטינע דאַרף מען זיך דערמאָנען אָן

—— אַ בריק צווישן לענדער און פעלקער.
—— אַ גרויס לאַנד.
—— בערג און טאָלן.
—— ווייניק רעגן.
—— אַ צוטריט צום ים.
—— צופיל וואַסער.
—— אַ רייכן האַנדל.

די גרויסע וועלט-מלוכות

(שטעל אויס אין אַ ריכטיקער אָרדנונג די הערשאַפט פון די גרויסע פעלקער. די וואָס האָבן געהערשט פריער, שטעל אַוועק פריער; די וואָס האָבן געהערשט שפּעטער, שטעל אַוועק שפּעטער)

—— די פּערסיער —— די אַסיריער —— די גריכן
—— די באַבילאָניער —— די עגיפּטער

לענדער און פעלקער

פעניקיער, גריכן, עגיפּטער, אידן, פּלשתים

די — — — — — — זיינען געווען אַ פאָלק פון ים־פאָרער און הענדלער. דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן באַוואוינט, איז געווען באַדעקט מיט ניט קיין הויכע בערג; דער קלימאַט איז געווען וואַרים און מילד, אָבער פרוכטבאַרע ערד איז געווען זייער ווייניק.

די — — — — — האָבן זיך מערסטנס פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, פלאַנצן וויינגערטנער און פיטערן שאָף. געהאַנדלט האָט מען זייער ווייניק. דאָס לאַנד איז געווען פול מיט בערג און טאָלן. ס'האָט אָבער אויך פאַרמאָגט גוטע ערד צו באַאַרבעטן. דער אומגליק פון לאַנד — ס'איז געווען אַ בריק צווישן לענדער.

די — — — — האָבן געוואוינט אין כנען (קנאַאַן) ביים ברעג פון מיטללענדישן ים. זיי האָבן געפירט אַ גרויסן האַנדל. זייערע באַציאונגען מיט די אידן זיינען געווען זייער פריינטלאַכע.

די — — — — זיינען געווען איינס פון די עלטסטע קולטור־פעלקער אויף דער וועלט. דאָס לאַנד איז געווען אויסערגעוויינטלאַך פרוכטבאַר. ווען ביי די פעלקער אַרום פלעגט אויסברעכן אַ הונגער, פלעגט מען זיך קומען ראַטעווען אינם לאַנד פון די פיראַמידן. דאָרט איז אַלעמאָל געווען פון אַל דאָס גוטס.

די גריכן האָבן געקענט פירן אַ פריי און גרינג לעבן וויל

(שטעל דעם צייכן × לעבן יענע ענטפערס,
וואָס דו דענקסט, אַז זיי זיינען ריכטיק)

—— גריכנלאַנד איז געווען זייער אַ רייך לאַנד.

—— די גריכן זיינען געווען הענדלער (האַנדל אין דער אַלטער וועלט האָט ניט געמיינט קיין שווערע פּראַצע, אָדער אַפילו בייטן זיך מיט פּראָדוקטן, קויפן און פאַרקויפן. אין אַ סך פאַלן האָט האַנדל געמיינט ראַבירן, צונעמען מיט גוואַלד פרעמדן האָב און גוטס.)

—— וויל די שקלאַפן האָבן געטאָן די שווערע אַרבעט.

—— וויל די גריכן זיינען געווען פון דער נאַטור פריילאַכע און לעבנס־לוסטיקע מענטשן.

וואָס קענסטו אַליין צוגעבן?

אַלעקסאַנדער מוקדון און זיין אריינדרינגען אין יהודה

פ ר אַ ג ן

מיט וואָס האָט זיך אַלעקסאַנדער אונטערגעשיידט פון אַלע פריער־דיקע אַזיאַטישע הערשער אין זיין באציאונג צו די אונטערדריקטע פעל־קער?

וואָס מיינט העלעניזם?

וואָס האָט אַלעקסאַנדער געטאָן צו פאַרשפּרייטן דעם העלעניזם?

וואָס איז געשען מיט אלעקסאנדערס מלוכה נאָך זיין טויט?

פריער און שפּעטער.

שטעלט אויס אין אַ ריכטיקער אָרדנונג די פאָלגנדיקע פּאַסירונגען:

— די פּערסיער פאַרכאַפּן די מאַכט.

— אַלקעסאַנדער צעשלאָגט די פּערסיער.

— עזרא און נחמיה פירן דורך גרויסע רעפאָרמען אין אידישן לעבן.

— אידן קערן זיך אום פון בבל צוריק קיין ארץ־ישראל.

— די אידן פון יהודה ווערן פאַרטריבן אין גלות.

17. צווישן פייער און וואַסער

אַלעקסאַנדערס מלוכה ווערט צעפאַלן

אַלעקסאַנדער האָט לאַנג ניט געלעבט. ער איז געשטאָרבן זייער יונג, צו 33 יאָר. פון זיינע לאַנגע מלחמות אין דער פרעמד האָט ער זיך שוין אַהיים מער קיינמאָל ניט אומגעקערט. ער איז געשטאָרבן אין מיטן וועג. די גרויסע מלוכה איז נאָך זיין טויט פאַנאַנדערגעפאַלן. נאָך לענגערע מלחמות האָט דער גריכישער גענעראַל פּטאָלאָמייאוס פאַרכאַפּט קליינאַזיע, סיריע, בבל א. ד. גל. דער גענעראַל סעלעווקוס האָט פאַרנומען עגיפּטן. פּאַלעסטינע איז ווידער אַמאָל געוואָרן אַ **בריק צווישן צוויי פיינטלאַכע מלוכות.** פון אָנהייב — אונטערגעוואָרפן די הערשער פון עגיפּטן, די פּטאָלאָמייער.

די ערשטע פּטאָלאָמייער הערשער

דער טויט פון אַלעקסאַנדערן און די אומרוען אין דער וועלט האָבן די אידן קיין גוטס ניט פאַרשאַפט. די ערשטע פּטאָלאָמייער הערשער האָבן אַוועקגעפירט איבערגעוואַלד זייער פיל אידן פון ארץ ישראל קיין עגיפּטן. טיילמאָל זיינען די אידן פאַרטריבן געוואָרן אַלס קריגס-געפאַנגענע, טיילמאָל אַלס פרייע מענטשן צו באַפעלקערן די נייע שטעט, איבערהויפּט אַלעקסאַנדריע. אין ארץ ישראל גופא (גופע) האָט זיך ווייניק וואָס געביטן.

אין יהודה איז פאַרבליבן, ווי פריער, די זעלבסט-פאַרוואַלטונג. דער כהן-גדול (קויהען גאָדל) צוזאַמען מיטן ראַט פון די זקנים (די עלטסטע) האָט, ווי אַלע מאָל, פאַרוואַלטעט דאָס לאַנד. די אידן האָבן געצאָלט אַ צינז, אָבער צו דעם זיינען זיי שוין הונדערטער יאָרן לאַנג געווען געוואוינט. דער צינז איז אָבער ניט געווען קיין גרויסער.

די געפאַנגענע אין דער פרעמד

די געפאַנגענע אידן זיינען אין נייעם לאַנד געוואָרן לייב-אייגענע אָדער שקלאַפן. זייערע באַלעבאַטים זיינען געווען די אייגענע גריכישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיי גענומען געפאַנגען. ווען די מלחמות האָבן זיך געענדיקט זיינען די גריכישע קריגסלייט געוואָרן ערד-אייגנטימער, פרידלאַכע קאָלאָניסטן.

די געצוואונגענע אַרבעט האָט פונדעסטוועגן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די שפּעטערדיקע הערשער האָבן באַפרייט די געפאַנגענע אידן. די מלוכה אַליין האָט זיי אויסגעקויפט און דערמיט געוואונען אַ סך גוטע פריינט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג סיי פון אַלעקסאַנדריע, סיי פון ארץ-ישראל.

די פריינטשאַפט פון די אידן

די פריינטשאפט פון די אידן איז פאַר די שפעטערדיקע פטאָלאָ־מייער הערשער געווען זייער וויכטיק. אין יענער צייט האָבן זיך אָנ־געהויבן מלחמות צווישן די סעלעווקידן און די פטאָלאָמייער (סיריע און עגיפטן). די אידן אין יהודה און די אידן, וואָס האָבן געלעבט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן געקענט פיל העלפן אָדער פיל שטערן. די פריינטשאפט פון די אידן איז דעריבער געווען זייער נויטיק און ווערטפול.

די פריינטלאכערע באציאונג פון די עגיפטישע הערשער צו די אידן האָט געפירט דערצו, אַז עס זאָל זיך אָנהייבן אַ פּריוויליקע אידישע אויסוואַנדערונג פון יהודה קיין עגיפטן. די גרויסע האנדלס־שטאָט אַלעק־סאַנדריע האָט צוגעצויגן צו זיך אַ סך מענטשן. אידן, וועמען דאָס לעבן איז געוואָרן שווער אינדערהיים, האָבן גענומען אַוועקוואַנדערן אין דער פרעמד.

גוטס און שלעכטס אין דער הערשאַפט פון די פטאָלאָמייער

די שפעטערדיקע פטאָלאָמייער הערשער זיינען געווען זייער טאָלע־ראַנט צו אידן. אין דעם אינווייניקסטן אידישן לעבן האָבן זיך די פטאָ־לאָמייער כמעט גאָרניט געמישט. באזונדערס גוט האָט זיך די אידן געלעבט אין אַלעקסאַנדריע. די גריכן זיינען געווען פרעמדע און די אידן זיינען געווען פרעמדע. די גריכן האָט זיך דעריבער תמיד בעסער געלוינט צו שטיצן די אידן איידער די היימישע עגיפטישע באפעלקע־רונג, וואָס האָט געקוקט אויף די גריכן ווי אויף פרעמדע לאַנד־פאַר־כאַפּער.

דערפאַר אָבער זיינען די אידן פון יהודה אָפּגעריסן געוואָרן פון די אויסגעוואַנדערטע אידן, וואָס האָבן אין יענער צייט געלעבט צעזייט און צעשפּרייט אין די לענדער פון קליינאַזיע, סיריע און בבל. די אַלע לענדער האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון די סעלעווקידן (סיריע).

אין צייט פון אַלעקסאַנדערן איז די גאַנצע אידישע וועלט אַזוי ווי מיט אַמאָל פאַראייניקט געוואָרן. אַצינד איז די איינִיקייט געגאַנגען צוגרונט. טייל אידן האָבן געלעבט אונטער די סעלעווקידן הערשער, טייל אידן האָבן געלעבט אונטער די פטאָלאָמייער הערשער. די אידן פון יהודה זיינען געווען אָפּגעריסן פון די אידן אין בבל און פון די סירישע אידן.

18. שאַפונגען און שטימונגען אין יהודה און אין דער צעשפּרייטונג

אין די שטילע יאָרן, ווען אידן זיינען פון די גריכן ניט פאַרפאָלגט געוואָרן, האָט די גריכישע וועלט שטאַרק געווירקט אויף די שטאָטישע אידן. איבערהויפּט איז די ווירקונג געווען גרויס אין דער פרעמד: אין אַלעקסאַנדריע, אין אַנטיאָכיע. אָבער אויך אין יהודה האָט זיך די ווירקונג שטאַרק געלאָזט פילן.

די מלחמות, וואָס האָבן געבראַכט אַ סך פאַרוויסטונג אין דער פרעמד, האָבן גלייכצייטיק אַ סך היימישע שטעט רייך געמאַכט. דער האַנדל האָט אויפגעלעבט, די גאַסן זיינען באַצירט געוואָרן מיט שיינע הייזער, די פאַרגעניגנס זיינען געוואָרן רוישיקער. דאָך זיינען מענטשן דוקאַ אין די שטעט אַנטוישט געוואָרן, האָבן פאַרלאָרן דעם מוט. דוקא אין די שטעט זיינען מענטשן מיד געוואָרן פון לעבן, פון טומל און גע-רויש, פון האַנדל און וואַנדל.

ס'איז אויפגעקומען אַ בענקעניש צוריק אומצוקערן זיך אין דאָרף, אין פעלד, צו די ווייַנגערטנער, אין די בערג.

די בענקשאַפט נאָך ערד און הימל, דער באַגער נאָך רו האָט ארומגעכאַפּט די גרויסע גריכישע וועלט. מענטשן זיינען מיד געוואָרן פון מלחמות, פון יאָגעניש נאָך רייכקייט, מיד געוואָרן פון לעבן. אויך אין די שטעט פון יהודה האָבן די יאוש-שטימונגען פון שטאָטישן מענטשן געפונען אַן אָפּקלאַנג. די דאָזיגע שטימונגען איז צו מערקן אין צוויי ליטעראַרישע שאַפונגען פון יענער צייט: אין „שיר השירים", אַ ליד פון געטריישאַפט און ליבע, אַ געזאַנג פון פרייד און גליק, און אין „קהלת", — אומעטיקע רעיונות (ראַיוינעס) פון אַ באַאַרנטן מענטשן וועגן לעבן און טויט.

„דאָס ליד פון לידער".

אין „שיר השירים" ווערט באַזונגען די ליבע פון אַ שיינער פּאַס-טושקע, וואָס איז געגומען געוואָרן צום קעניג שלמה אין פּאַלאַץ. איר פריינט איז אַ פּאַסטוך און זי בענקט נאָך די גרינע פעלדער און וויינ-גערטנער פון דאָרף. זי איז אַ געפאַנגענע אין שטאָט, אָבער איר האַרץ איז אויף די פּאַשע-לאָנקעס, צווישן רויזן. זי וויל אַנטלויפן פון דעם

שטאָטישן טומל. זי רופט „אין פעלד אריין, אין דאָרף", אויף בערגלאך באדעקטע מיט שמעקעדיקע בלומען.

„קום, מיין ליבסטער, מיר וועלן ארויסגיין אין פעלד,
מיר וועלן נעכטיקן אין דערפער,
מיר וועלן זיך פעדערן צו די וויינגערטנער,
מיר וועלן זען, צי עס בליט ניט דער וויינשטאָק,
צי עס האָבן זיך געעפנט די קנאָספּן
און צי די מילגרוימען שפּראָצן שוין . . . "

דער יונגער פאסטוך רעדט:

„שטיי אויף, מיין פריינדין, מיין שענסטע, קום!
דער ווינטער איז שוין פאַרביי, די רעגן־צייט איז אוועק,
בלומען ווערן שוין געזען אין לאַנד,
די צייט פון נאַכטיגאַל איז אָנגעקומען
און די טירקל־טויב לאָזט זיך שוין הערן.
עס זיינען צייטיק די פרוכטן פון פייגנבוים,
דער וויינשטאָק בליט און שמעקט.
שטיי אויף, מיין פריינדין, מיין שענסטע, און קום!..."

„שיר השירים" פאַרענדיקט זיך מיט אַ לויב און אַ געזאַנג פאַרן וואונדער פון ליבע. „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע, אירע פיילן זיינען בראַנד. דאָס איז אַ געטלאכער פלאַם־פייער. פיל וואַסערן וועלן ניט אויסלעשן די ליבע און קוואַלן וועלן זי ניט אַראָפּשווענקען".

„שיר השירים" איז געווען אַן אויסדרוק פון רירנדיקער בענקשאַפט נאָך פשטות (פּאַשטעס), איינפאַכקייט, אמת גליק און פרייד.

קהלת (קויהעלעס)

אַ שטאַרקער אויסדרוק פון אָפּגאַנג־שטימונגען איז „קהלת" — די רעיונות (ראַיוינעס) פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ סך דורכגעלעבט און דורכגעליטן אין לעבן, געטרונקען אי פרייד אי לייד פון אַ רוישיקן בעכער, און אויף דער עלטער איז ער פאַרצווייפלט און פאַרוואונדערט: איז דאָס אַלץ געווען כדאַי? וואָס האָט זיך דער מענטש צו רימען?

„. . . דער גורל פון די מענטשן און דער גורל פון די בהמות (בע־היימעס) איז דער זעלבער: סיי די, סיי יענע שטאַרבן, און איין גייסט

איז ביי אַלעמען, און דער מענטש שטייט ניט העכער פון דער בהמה (בעהיימע), ווייל אַלץ איז הבל (העוועל).

„אַלץ גייט אין איין אָרט: אַלץ איז געוואָרן פון שטויב און ווערט ווידער פאַרוואַנדלט אין שטויב. ווער ווייס, צי דער גייסט פון מענטשן הייבט זיך אויף אין דער הויך און דער גייסט פון בהמות נידערט אַראָפּ אונטן, אין דער ערד?

„דער זעלביקער גורל איז פון צדיק און פון רשע (ראָשע), פון אַ ריינעם און פון אַ טמא׳דיקן מענטשן.

„דער מענטש ווייס ניט די שעה (פון זיין גורל). ווי פיש, וואָס פאַלן אריין אין נעצן, אַזוי פאַלן אויך מענטשן אריין אין דער שלעכטער שעה (פון גורל), וואָס קומט אויף זיי פּלוצלונג.״

19. אַלעקסאַנדריע און ירושלים

נייע שטייערן

די באַציאונגען צווישן די אידן און די פּטאָלאָמייער הערשער זיינען יאָרן און יאָרן לאַנג געווען זייער פריינטלאַכע. זיי האָבן זיך אָבער שטאַרק געביטן צום ערגערן ווען דאָס לעבן פון פאָלק איז איבעראַניים באַשווערט געוואָרן דורך אַ נייעם אופן פון קלייבן שטייערן.

שטייערן פלעגן אַלעמאָל פאַלן שווער אויפן פאָלק. צאָלן שטייערן מיינט דאָך אייגנטלאַך זייער אָפט אָפּגעבן אומזיסט און אומנישט אייגענע אַרבעט, פּראַצע, האַרעוואַניע, געזעגענען זיך מיט דער פּרוכט פון דער אַרבעט — און צו וואָס? שטייערן צו בויען וועגן, קאַנאַלן, צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט וואַסער, שטייערן צו באַשיצן דאָס לאַנד, זיינען צומאָל נויטיק. אָבער די שטייערן צו אַ פרעמדן הערשער, פאַר וואָס קומט עס אים? דאָס איז דאָך רויב, האָב און גוטס ארויסגעקראַגן מיט גוואַלט און שרעק.

די שטייערן, וואָס דער פרעמדער הערשער מאָנט אויף, באַנוצט ער דאָך ניט פאַר דער טובה (טויווע) פון פאָלק, פאַר דעם וואוילזיין פון לאַנד, נאָר גאָר פשוט פאַר זיין אייגענער טובה...

אידן האָבן קיינמאָל מיט גרויס ליבשאַפט קיין שטייערן ניט געצאָלט. אָבער אַ ברירה האָבן זיי דען געהאַט? זיי זיינען געווען צופרידן, וואָס מען לאָזט זיי כאָטש צורו.

פריער פלעגט דער כהן גדול (קויהען גאָדל) אויפמאָנען די שטייערן. דאָס געלט פלעגט ער שפּעטער אָפּשיקן קיין עגיפּטן. דאָס מאָנען שטייערן איז געווען אַן אַרבעט פון דער אידישער זעלבסט-פאַרוואַלטונג. אין דריטן יאָרהונדערט איז אָבער פאָרגעקומען אַ וויכטיקע ענדערונג. אַ פּיפּיקן אידן איז דעמאָלט געלונגען אָפּצודינגען די אידישע שטייערן, נעמען זיי אין אַרענדע, מאַכן פון זיי אַ געשעפט. ער האָט צוגעזאָגט די הערשער צו זיין פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די שטייערן, אַפילו זיי באַצאָלן אין פאָראויס, אויב דאָס אויפזאַמלען די שטייערן וועט גיין דורך זיינע הענט און ער וועט דערביי קענען מאַכן פּראָפיטן.

אידן ווערן אמצופרידן

די נייע איינפירונג איז געווען אַ נייער אומגליק אין אידישן לעבן. פריער איז געווען אַ גרעניץ צו די שטייערן. איצטער איז די גרעניץ כמעט (קימאַט) ווי אָפּגעווישט געוואָרן. וויפיל דעם אידישן שטייער־מאַנער ס׳איז מעגלאך געווען ארויסצורייסן האָט ער געריסן.

דער שטייער־מאַנער האָט געהאַט די הילף פון צוויי טויזנט סאָל־דאַטן, וואָס די הערשער האָבן אים מיטגעגעבן, און ער האָט זיי אַלעמאָל געהאַט אין זיין דינסט. אין די שטעט און דערפער, וואו מען האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אַזוי גיך צו צאָלן די שטייערן, האָט ער אָפּט געטויט די חשוב׳סטע (כאַשעווסטע) מענטשן.

אין לאַנד איז אויפגעקומען אַ גאַנצע כאַפּטע אַרענדאַרן און אַרענדאַרעלאך, וועלכע האָבן אונטערדריקט דאָס פאָלק און פאַרביטערט אַלעמען דאָס לעבן.

אין יענער צייט האָבן זיך געצויגן פאַרשלעפּטע מלחומת צווישן די פּטאָלאָמייער הערשער (עגיפּטן) און די סעלעווקידן (סיריע) און אויך יהודה האָט דערפון שטאַרק געליטן. די פרעמדע אַרמייען פלעגן זיך אָפּט ארייַנרייסן אין לאַנד. קיין רו און קיין שלום איז שוין מער ניט געווען. די באַציאונג פון די אידן צו די פּטאָלאָמייער איז פאַרערגערט געוואָרן.

ארץ ישראל גייט אַריבער צו די סעלעווקידן

צוליב אינערלאכע רייסערייען איז די מלוכה פון די פּטאָלאָמייער שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די עגיפּטישע אַרמיי האָט געליטן אַ מפּלה (מאַפּאָלע) און די סירער (סעלעווקידן) האָבן פאַרכאַפּט ארץ ישראל.

אינם גאַנצן קאַמף האָבן זיך די אידן ניט געמישט, אָבער קיין טרערן האָבן זיי אויף דער מפלה (מאַפּאָלע) פון די פּטאָלאָמייער נישט פאַרגאָסן. פאַרקערט, דאָס פאָלק האָט זיך גאַר געפרייט, וואָס עס האָט גענומען אַ סוף, אַן עק צו די מלחמות.

די אידן פון ירושלים האָבן פריינטלאך אויפגענומען די זיגער. די עלטסטע לייט פון שטאָט זיינען ארויס אנטקעגן, אויך זיינען אַלע קריגס־לייט פאַרזאָרגט געוואָרן מיט עסן און טרינקען.

די נייע הערשער — די סעלעווקידן

די נייע הערשער האָבן געזוכט צו געווינען די פריינטשאַפט פון די אידן. זיי האָבן דאָס פּרובירט דערגרייכן דורך אַלערליי פריהייטן און פּריווילעגיעס מיט וועלכע זיי האָבן באַשאָנקען די אידן.

די באַוואוינער פון ירושלים האָבן, למשל, געקראָגן געלט פון דער קעניגלאַכער קאַסע אָפּצובויען די חרובע (כּאָרעווע), די צעשטערטע טיילן פון שטאָט און פון בית־המקדש. די כהנים, די מיטגלידער פון זקנים־ראַט און די סופרים זיינען אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן פון שטייערן. פאַרן רעשט פון דער באַפעלקערונג זיינען די שטייערן פאַרקלענערט געוואָרן. דאָס אַלטע רעכט צו פאַרוואַלטן דאָס אינווייניקסטע לעבן פון לאַנד איז די אידן ווידער אַמאָל געגעבן געוואָרן.

די נייע הערשער האָבן אַזוי שטאַרק געטרויט די אידן, אַז זיי האָבן צוויי טויזנט אידישע פאַמיליעס געגעבן אַ געלעגנהייט איבערצואוואַנדערן אין אַ ווייט לאַנד (קיין לידיע און פריגיע), געגעבן די אידן ערד, ווייל די היימישע באַפעלקערונג האָט דאָרט עטלאַכע מאָל רעוואָלטירט.

די הערשאַפט פון די סעלעווקידן האָט זיך אָנגעהויבן מיט גרויס שמחה.

ווער איז ווער ?

אידישע פּויערים, גריכן, אידישע הענדלער

די — — — — — האָבן ליב געהאַט צו לעבן אַ גוטן טאָג. ביי זייערע ימים־טובים (יאָנטייווים) פלעגט מען שטענדיק הוליען און לוסטיק פאַר־ברענגען. קיינער האָט עס ניט געהאַלטן פאַר קיין זינד. ספּאָרט־שפּילן, געלאַפן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען א. ד. גל. זיינען געווען שטאַרק באַליבט.

די — — — — — זיינען געוואוינט געווען צו אַ שטיל און באַשיידן לעבן, פול מיט פראַצע. פאַר נייעסן האָבן זיי זיך געשראָקן, זיי האָבן ליבערשט געוואָלט לעבן ווי זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט, פּשוט, רואיק און ערלאַך.

די — — — — — האָבן זיך די ערשטע אָוועקגעלאָזט אין דער פרעמד און אָנגעזען אַ ביסל די וועלט. זיי איז שטאַרק געפעלן געוואָרן ביי די פרעמדע דאָס פריילאַכע לעבן, די לעבנסלוסטיקייט און דער לוקסוס.

ענדערונגען אין אידישן לעבן

1. ארץ ישראל ווערט מער פאַרבונדן מיט דער ארומיקער גרויסער וועלט. דער אונטערשייד פון רייך און אָרים ווערט ביי אידן גרעסער.

2. עס וואַנדערן אויס פון דער היים אַ סך אידן. די מאַטיוון זיינען פאַר־שיידענע. פאַר די הענדלער — געשעפט, גיך רייך ווערן; פאַר די פאַראָרימטע באַלמעלאָכעס און פויערים — אַרבעט און ברויט.

3. עס ווערט שטאַרק ביי די רייכערע אידן די שטרעבונג וואָס מער צו דערנענטערן זיך צו די ארומיקע פעלקער (די גריכן), אַפילו אַסימילירן זיך מיט זיי. די אַסימילאַציע איז זייער שטאַרק אין דער פרעמד אָבער אויך אין ארץ ישראל וואַקסט איר כח (קויאַך).

4. עס קומען אויף ליטעראַרישע שאַפונגען וואָס זיינען פריי פון רעלי־גיעזן גלויבן, ווערק פול מיט אומצופרידנקייט און צווייפל (קהלת).

5. דער גלויבן, אַז דער צדיק (צאַדיק) ווערט באַלוינט פאַר זיינע מעשים טובים (מייסים טויווים) און אַז דער רשע (ראָשע) ווערט באַשטראָפט פאַר זיין רשעת (רישעס) שוין אין די טעג פון זיין לעבן, האַלט ביים פאַרשווינדן. ס'קומט אויף דער גלויבן, אַז ערשט אויף י ע נ ע ר ו ו ע ל ט, נאָכן טויט, ווערט אַליץ אויסגעגליכן.

אַלעקסאַנדערס גרויסע מלוכה ווערט צעפאַלן

אַלעקסאַנדערס יורשים — די פּטאָלאָמייער און סעלעווקידן

ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין דער צייט פון די פּטאָלאָמייער?

ווי האָט זיך די אידן געלעבט אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע?

מיט וואָס האָבן זיך דאָרט אידן הויפּטזעכלאַך באַשעפטיקט?

וואָס פאַר אַ רעכטן האָבן די אידן פאַרמאָגט?

ווי האָבן דאָרט די אידן אָרגאַניזירט זייער אינווייניקסטן לעבן?

וואָס איז געווען די אורזאַך וואָס די ביבל האָט געמוזט אין יענער צייט איבערזעצט ווערן?

20. אַ פענסטער צו דער וועלט

די גריכן האָבן געעפנט פאַר די אידן אַ פענסטער צו דער וועלט. פאַראָרימטע פויערים, באַלמעלאָכעס, האָבן גענומען אויסוואַנדערן אין די גריכישע שטעט פון קליין-אזיע, אין די שטעט ביים ים.

אידישע הענדלער האָבן גענומען פירן געשעפטן און פאָרן אין די ווייטע לענדער. דאָס אידישע לעבן איז געוואָרן רירעוודיק, באַוועגלאַך. די אידישע שטעט — רייך און באַצירט מיט שיינע הייזער.

רייכקייט פון אַ לאַנד מאַכט אָבער ניט אַלעמאָל רייך דאָס פאָלק פון לאַנד, די מענשן וואָס אַרבעטן און פראַצעווען. ווען עס מערט זיך דער פאַרמעגן פון לאַנד, פאַרמערט זיך אָפט ביי די פויערים און די באַלמעלאָ־כעס דער דלות (דאַלעס), די אָרימקייט, וואָרום ווען די רייכע ווערן רײ־כער, ווערן די אָרימע אָרימער.

ווען די רייכע ווערן רייכער, ווערן די אָרימע אָרימער.

די גריכיש-סירישע הענדלער און ערד-אייגנטימער האָבן געקענט לעבן אַ גרינג און פריילאַך לעבן, ווייל זיי האָבן פאַרשקלאַפט ניט נאָר די מאַסן אינדערהיים נאָר אויך די פעלקער אַרום. זיי זיינען געווען אַ פאָלק פון הערשער, זיי האָבן געלעבט פון פרעמדער אַרבעט.

פון דער פרעמד פלעגט אַריינקומען אַלדאָסגוטס: קאָרן און ווייץ, טייערע געטראַנקען און גוטע ווײַנען, אויל און אויסגעשלאָגענע פוטער, — די אונטערדריקטע פעלקער פלעגן צאָלן שווערע צינזן און וואָס איז אייגנטלאַך אַ צינז אויב ניט אַרבעט אָדער די פרוכט פון דער אַרבעט?

יהודה איז געווען אַן אָרים לאַנד און איז אַליין געווען אונטערגע־וואָרפן, אונטערדריקט; די אידישע פויערים און באַלמעלאָכעס האָבן גע־ליטן ניט בלויז פון פרעמדע הערשער; זיי האָבן דערצו געהאַט אויך אייגענע אונטערדריקער, — די גרויסע **אידישע הענדלער**, די אידן וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ סך ערד, אַ סך פעלדער און ווייַנגערטנער. ביי די רייכע אידישע הענדלער, ביי די גרויסע אידישע ערד-אייגנטימער האָבן געאַרבעט אידישע אַרבעטער, אידישע באַלמעלאָכעס, פויערים. ווען די רייכע אידן האָבן גענומען בויען אין די שטעט שיינע הייזער, גרויסע פאַלאַצן, לעבן אַ טאָג, ווען די רייכע אידן האָבן גענומען שיקן זייערע קינדער אין דער פרעמד, איז דאָס לעבן פון די אידישע פויערים אין

דאָרף און פון די באַלמעלאָכעס אין שטאָט ערגער געוואָרן — וואָרום כדי דער רייכער ערד-אייגנטימער זאָל קענען אין שטאָט בויען רייכע הייזער האָט ער געמוזט זיינע פויערים אין דאָרף **לאָזן שווערער אַרבעטן**, אַרויסרייסן ביי זיי דעם ביסן פון מויל, באַלוינען זיי ווינציק פאַר זייער אַרבעט, כדי ער אַליין זאָל האָבן מער.

ווי אַזוי צו לעבן רייך, ווי צו געניסן און פאַרגעניגן האָבן פון לעבן האָבן זיך די רייכע אידן געלערנט פון די רייכע גריכן; גרויסע שטעט, פּאַלאַצן, געוועטן אין לויפן, אין שפּרינגען, פערד-געיעגן, אַ לוסטיק לעבן, דאָס האָבן די ג ר י כ ן אַריינגעבראַכט אין ארץ ישראל.

עס זיינען אויך פריער געווען אידישע שטעט, רייכע אידישע לייט, אַ האַנדל אין לאַנד, אָבער אין פאַרגלייך מיט די נייע שטעט, זיינען די אַמאָליקע געווען קליינע, דער האַנדל — אַן אָרימער; די רייכע ערד-אייגנטימער האָבן אַלע מאָל געפירט אַ רייך לעבן, אָבער נאָך אַלע-מען — דאָך אַ באַשיידענעם. דער רייכער איד האָט אין די פריער-דיקע צייטן ניט געהאַט פיל וואָס צו טאָן מיט זיין פאַרמעגן, מיט זיין געלט, האָט ער דעריבער ניט שטאַרק אונטערדריקט זיינע ערד-אַרבע-טער, באַלמעלאָכעס, טאָג-לוינער, א. ד. גל. קיין סך תבואה (טוואוע) צו פאַרקויפן אין דער פרעמד איז אויך ניט געווען וואו, ווארום עגיפּטן איז אַליין רייך געווען אין תבואה און האָט פון דער אָרימער יהודה גאָרנישט געהאַט צו באַציען.

אַנדערש איז געווען אונטער דער סעלעווקידן-הערשאַפט (סיריע איז ניט אַזאַ רייך לאַנד ווי עגיפּטן), ווען דער רייכער איד האָט דערפילט, אַז מיט געלט איז אַ וועלט, אַז אַלע וועגן זיינען טאַקע פאַר אים אָפן, אַז ווייץ, גערשטן, אויל, וואָל קען מען אַרויספירן פון לאַנד און פאַר-קויפן. וואָס מער ער קען אַרויסדריקן פון זיינע פויערים, אַלץ רייכער קען ער דאָך ווערן, אַלץ מער גאָלד און זילבער קען ער דאָך אָפּשפּאָרן. פון גריכנלאַנד, פון דער פרעמד, האָבן אויך גענומען אַריינקומען צירונג און קונסט-ווערק וואָס מען קען מיט גאָלד קויפן.

אין די אידישע שטעט און אין די אידישע דערפער, צווישן די באַל-מעלאָכעס און די פויערים האָט גענומען וואַקסן די אומצופרידנקייט, סיי מיטן נייעם שטאָטישן לעבן, סיי מיט די גריכן און סיריער, וואָס האָבן דעם נייעם שטייגער לעבן אַריינגעבראַכט.

צוויי פּאַרטייען: חסידים און העלעניסטן.

ביי אידן זיינען דעמאָלט געווען צוויי פּאַרטייען: חסידים און העלעניסטן. די חסידים זיינען געווען פרומע פּויערים, באַלמעלאָכעס און קליינע הענדלער. פאַרן פרעמדן שטייגער לעבן, ווי בכלל פאַר נייעסן האָבן זיי זיך שטאַרק געשראָקן. דער פּויער וויל תמיד עס זאָל שוין בעסער בלייבן ביים אַלטן, וואָרום זיין ביטער לעבן האָט אים געלערנט, אַז ווען עס ווערט אַנדערש ווערט גאָר ערגער.

דער פרומער פּויער האָט ניט געוואוסט פון קיין אַנדער גליק אויסער גליק, וואָס קומט פון אַ שטיל און אַ מיזאָם לעבן: נאָר די ערד און דער הימל קענען דעם מענשן באַשענקען מיט זאַטקייט און פרייד — ווען די פעלדער וועלן געבן אַ גרעסערע גערעטעניש און די ביימער וועלן באַהאַנגען ווערן מיט מער פרוכט. דאָס איז דער איינציקער אופן, ווי איינעם קען אָפּגליקן אין אן ערלאַך לעבן.

דער פּויער האָט געהערט פון זיין פאָטער און אַזוי האָט ער אויך געלערנט זיינע קינדער: „פאַראַכט ניט די אַרבעט, האָב ליב מי, צעאַקער דיין פעלד, זאָרג וועגן דיין קו און דיין אָקס און דיין אייזל — און פאַרגעס ניט דעם באַשעפער, וואָס עפנט די פענסטער אין הימל און עס רעגנט און די ערד ווערט דורכגעווייקט פון רעגן און זי קוועלט און גרינט און שפּראָצט און פאַרזאָרגט דעם פּויער מיט ברויט און אויל און גערשטן און אויבסט אויפן גאַנצן יאָר."

די שטעט און דעם האַנדל האָט דער פרומער פּויער פיינט געהאַט.

אויך דער באַלמעלאָכע איז ניט געווען צופרידן מיטן פרעמדן גרייכישן הענדלער. דער הענדלער קומט פון דער פרעמד, קויפט אויף ווייץ און גערשטן און אויל און וואָל און אַנשטאָט דעם לאָזט ער איבער צירונג און נייע קונציקע אויסאַרבעטונגען פון דער פרעמד.

דער באַלמעלאָכע דערפילט זייער שנעל, אַז דער הענדלער, וואָס ברענגט סחורות (סכוירעס) פון דער פרעמד נעמט ביי אים אַוועק דאָס שטיקל ברויט פון מויל. אַרבעט ווערט וויניקער. צו וואָס זאָל דער רייכערער איד איינקויפן ביים היימישן באַלמעלאָכע פּראָסטע טעפּ און מעסערס און קריג און געוואַנטן, ווען פון דער פרעמד ברענגט מען די אייגענע טעפּ און קריג שענער און קונציקער אויסגעאַרבעט?

דעם היימישן באַלמעלאָכע קומט פון דעם קיין געזונט ניט צו. ער

האָט ניט קיין ברויט, וואָרום זיין פאַרמעגן איז די אַרבעט פון זיינע צען פינגער, און די אַרבעט נעמט ביי אים צו דער באַלמעלאָכע פון דער פרעמד.

ווער איז געווען צופרידן.

שטאַרק צופרידן און אַנטציקט פון די גריכן זיינען נאָר געווען דאָס הייפל רייכע אידן, הענדלער, גוטבאַזיצער, וואָס טאַקע צוליב זייער רייכקייט האָבן זיי געהאַט אַ שטאַרקע מאַכט איבערן פאָלק.

ביי די גריכן איז זיי זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן דאָס גרינגע רוישיקע לעבן, די געיעגן אויף פערד, די געלאַפן און די אַטלעטישע שפּילן.

די רייכע אידן און זייערע יונגע זין זיינען גאָר גיך געוואָרן ה ע ־ ל ע נ י ס ט ן, דאָס מיינט ליבהאָבער פון גריכישן שטייגער לעבן.

די העלעניסטן דערווייטערן זיך פון אידישן לעבן.

די העלעניסטן האָבן זיך ביסלאַכוויז אַלץ מער דערווייטערט פון דעם פשוטן אידישן לעבן. זיי האָבן פאַרוואָרפן די שפּראַך, וואָס אידן האָבן גערעדט און געשאַפן אין איר, גענומען ריידן נאָר גריכיש, אויפ־געהערט פייערן אידישע פאָלקס ימים־טובים, — אַלץ וואָס איז גריכיש איז ביי זיי געוואָרן גוט, אַלץ וואָס דערמאָנט אָן זייער אידישער אָפּ־שטאַמונג האָט שוין מער ניט געטויגט. דאָס אידישע לעבן איז זיי געוואָרן פרעמד און די ליידן און שטרעבונגען, די פרייהייט פון זייער אייגן פאָלק, איז זיי ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. די רייכע אידן האָבן געזען נאָר איין זאַך: די גריכן לעבט זיך בעסער, די גריכן זיינען ריי־כער, די גריכן הערשן, זיי האָבן מער פאַרגעניגן פון לעבן — ווערן וואָס מער ווי די גריכן און אַוועק וואָס ווייטער פון זייערע אייגענע ברידער, פון די אידישע פויערים און באַלמעלאָכעס, איז געוואָרן די שטרעבונג פון די העלעניסטן.

זיי האָט גאָרניט געאַרט, וואָס אידן זיינען אונטערדריקט, זיי האָבן אויך פאַרגעסן, אַז די גריכן זיינען אייגנטלאַך פרעמדע, וואָס זיינען גע־קומען באַלעבאַטעווען איבער די לעבנס און איבערן האָב און גוטס פון די אידן.

די רייכע הענדלער און ערד־אייגנטימער זיינען געווען פאַראינטע־רעסירט, אַז דאָס אידישע לאַנד זאָל זיין פאַרבונדן מיט דער גרויסער וועלט, מיט די ווייטע לענדער, מעג עס אפילו זיין אונטערטעניק און ניט פריי; דאָס איז גוט פאַר׳ן האַנדל, דאָס פאַרגרעסערט די פאַרדינסטן, די וואָל און תבואה פון די דערפער פאַרקויפט זיך בעסער. וואָס האָט די הערשער געאַרט, אַז יהודה איז אונטערדריקט? זייער פאַר־מעגן, זייער רייכקייט ווערט גרעסער. דאָס איז גענוג. אויף געלט שטייט די וועלט. די וועלט איז געווען זייערע.

אַ גריכישער דיסקוס־וואַרפער

די פּאָליטיק פון די סעלעווקידן.

די סירישע מלוכה איז געווען גרויס, צעשפּרייט, אויסגעוואַקסן אָבער ניט איינהייטלאַך. אַ סך פעלקער האָט זי אַרומגענומען. די פעלקער האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, פאַרמאָגט באַזונדערע גע־וואוינהייטן און לעבנס־שטייגערס, געווען אָפּגעפרעמדט און אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע.

די פאַרשיידנקייט פון לאַנד, די פאַרשיידנקייט פון די פעלקער האָט די סירישע מלוכה ניט שטאַרקער געמאַכט, נאָר פאַרקערט אַ סך אָפּגעשוואַכט.

אין דער צייט האָט זיך גראָד געשטאַרקט אַ נײַ פאָלק, וואָס האָט זיך ביסלאַכווייז געקליבן פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט — רוים. די סיריער האָט גאָרניט געגליקט. רוים האָט זיך אַלץ מער דערנענטערט צום מזרח (מיזראַך) און אָנגעוואָרפן אַ מוראדיקן שרעק אויף די פעלקער פון דער אַלטער וועלט.

אין יענער צייט האָט אין סיריע געהערשט אַ קעניג מיטן נאָמען אַנ־טיוכוס עפּיפאַנעס. ער האָט געוואָלט פאַרשטאַרקן זיין גרויסע מלוכה. אָבער ווי אַזוי? דורך מאַכן אַלע אונטערדריקטע פעלקער פאַר גריכן, דורך אָפּווישן די באַזונדערקייטן פון די פעלקער, דורך מאַכן אַז אַלע (יעוואָנים) און אַלע די, וואָס זיינען ניט קיין יונים (יעוואָנים), זאָלן האָבן איין פּנים.

ווער עס האָט זיך געלאָזט העלעניזירן און ווער ס'האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן.

אַ סך פון די פעלקער האָבן זיך געלאָזט העלעניזירן. זיי זיינען שוין פון פריער געווען האַלב פאַרגריכישט. זיי זיינען געווען אָדער אינגערע פעלקער מיט אַן אָרימער פאַרגאַנגענהייט, אָדער זיי זיינען גע־ווען פעלקער, וואָס לעבנדיק אויף די ברייטע וועגן פון האַנדל, זיינען זיי אַלעמאָל געווען אונטערגעוואָרפן די פאַרשיידנסטע ווירקונגען און האָבן זיך צוגעוואוינט צו יעדער נייאיקייט. קיין אייגנאַרטיק לעבן האָבן זיי קיינמאָל ניט אַנטוויקלט, האָבן זיי זיך במילא ניט געשטעלט אַנטקעגן.

ביי די אַנדערע פעלקער ווידער זיינען די פויערים און די באַלמעלאָ־כעס געווען צו שוואַך צו שטעלן זיך אַנטקעגן סיי קעגן די פרעמדע, סיי קעגן די אייגענע הענדלער און גרויסע ערד־אייגנטימער, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען גענייגט צו אַסימילאַציע. (דער קאַמף קעגן העלעניזם איז ניט געווען קיין קאַמף נאָר קעגן די פרעמדע הערשער, נאָר אויך אַ קאַמף קעגן די באַדריקער אין לאַנד אַליין, די רייכע ליט, די הענדלער און גרויסע ערד־אייגנטימער.)

וואו די פויערים זיינען געווען צו שוואַך צו שטעלן זיך אַנטקעגן איז דאָס גאַנצע פאָלק פאַרגריכישט געוואָרן. אין יהודה איז אָבער געווען אַנדערש. יהודה האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע מאַסע קליינע זעלבסט־שטענדיקע פויערים. ווען אַנטיוכוס האָט גענומען שטאַרק באַדריקן דאָס פאָלק האָבן די אידן געמאַכט אַן אויפשטאַנד. אידן האָבן מער ניט גע־קענט אויסהאַלטן, זיי האָבן רעוואָלטירט.

עס האָבן זיך אויפגעהויבן פויערים און באַלמעלאָכעס (צווישן זיי די „חסידים״), זיי האָבן פאַרלאָזט די גרויסע שטעט, וואו דער פיינט איז געווען שטאַרק און זיינען אַוועק אין דער ווּיסטעניש אויסבאַהאַלטן זיך אין די באַרג־שפּאַלטן. פון דאָרט האָבן זיי גענומען באַפאַלן און אָפּשלאָגן דעם שונא (סוינע).

ס׳האָט אויפגעפלאַקערט אַ קאַמף צו פאַרטרייבן די פרעמדע אונ־טערדריקער פון לאַנד, און פאַרניכטן די מאַכט פון די רייכע אונטערדרי־קער אין לאַנד אינווייניק.

אָן וועמען דערמאַנט עס דיך?

העלעניסטן און חסידים.

חסידים — דערוויַיטערן זיך, אָפּזונדערן זיך פון די פעלקער אַרום.

העלעניסטן — וואָס מער פאַרגעניגן האָבן פון לעבן.

״ — דערנענטערן זיך צום לעבן פון די גריכן.

״ — ספּאָרט, לויפן אין געוועטן.

חסידים — ליב האָבן דאָס פאָלק, בלייבן אידן ווי אַמאָל.

״ — גוטע פריינד פון די פויערים און באַלמעלאָכעס.

העלעניסטן — הענדלער, גרויסע ערד־אייגנטימער, געלט־מענשן.

דער אָנהייב פון אויפשטאַנד
אומרואיקע טעג...

אַנטיוכוס איז דעמאָלט געווען אין עגיפּטן. עס האָט אים גאָרניט געגליקט. ער האָט געמוזט אָפּטרעטן. דאָס נייע וועלט־פאָלק, ר ו י ם, האָט זיך אַריינגעמישט אינמיטן דערינען און אים באַפוילן אָפּצוטרעטן.

אין יהודה האָט זיך פּלוצלונג פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַנטיוכוס איז טויט. אַ פרייד האָט ארומגענומען דאָס לאַנד. ס'איז גלייך אוים־געבראָכן אַן אויפשטאַנד קעגן די פרעמדע באַדריקער. דער פאַרהאַסטער כהן־גדול (קויהען־גאָדל), וואָס אַנטיוכוס האָט ארויפגעזעצט, איז פאַר־טריבן געוואָרן פון לאַנד.

די פרייד איז אָבער געווען פריצייטיק. די נייס וועגן אַנטיוכוס'עס טויט איז געווען אינגאַנצן ניט באַגרינדעט. אַנטיוכוס האָט געלעבט און אין געאייל מאַרשירט איינצושטילן די אידן.

מיט רציחה (רעציכע) האָט זיך אַנטיוכוס אַריינגעריסן אין ירושלים, געראַוּבט, געצונדן, צוגענומען דעם לעצטן אָרימען פאָלק־פאַרמעגן, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין בית־המקדש, סרוב (ס'ראָוו) געלטער, וואָס האָבן געהערט צו אלמנות (אַלמאָנעס) און יתומים (יעסוימים).

פרויען און קינדער זיינען געפאַנגען געוואָרן, פאַרקויפט צו ווערן אויף די שקלאַפן־מערק, די שטאָט־מויערן האָט אַנטיוכוס געהייסן אַראָפּ־רייסן, צעשטערן; אין מיטן שטאָט איז אויסגעבויט געוואָרן אַ גריכישע פעסטונג — אַקראַ. אַנטיוכוס האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַ שטענדיקע אָפּטיילונג סאָלדאַטן אָפּצוהיטן דאָס לאַנד.

דאָס לעבן פון די אידן איז פאַרביטערט געוואָרן ביז גאָר. די אידישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג און די אידישע געזעצן האָט אַנטיוכוס אָפּגעשאפט (די תורה איז פאַרבאָטן געוואָרן צו לערנען אונטער דער שטראָף פון טויט).

די אַלטע אידישע ריכטער און שטאָט־עלטסטע האָט מען אַריינ־געוואָרפן אין געפענגעניש, געטויט. אומעטום זיינען ג ר י כ י ש ע ע ל ט ס ט ע אָנגעשטעלט געוואָרן צו הערשן איבערן פאָלק. דער גלויבן פון די פרומע אידן איז מיט מערדעריי אונטערדריקט געוואָרן.

21. דער קאַמף קעגן פרעמדע

ווי אַזוי די מלחמה פאַר פרייהייט האָט זיך אָנגעהויבן.

אין יענער אומרואיקער צייט האָט אין אַ קליינער אידישער שטעטל אין די בערג געלעבט אַן אַלטער איד מתתיהו — ער איז געווען גרייז און גרוי, אָבער מיט אים זיינען געווען זיינע פינף העלדישע זין, פינף ברידער, גלויביקע, איבערגעגעבענע און מוטיקע יונגען.

מיטן אַלטן טאַטן זיינען זיי אַנטלאָפן אין דערווילדערניש, אין די בערג און געגומען קלייבן אַרום זיך צו אַן אויפשטאַנד אומצופרידענע, מענשן מיט אַ ביטער האַרץ און אַ ביטער געמיט.

די כאַפּטע אידן איז געווען כמעט אָן געווער, צונויפגעלאָפן פון דערפער און שטעט, פונדעסטוועגן האָבן זיי אָנגעטאָן געגוג צרות די סיריער.

אָנהייבן אַן אָפענע מלחמה האָבן די אידן ניט געקענט, זיי זיינען געווען צו קליין, צו שוואַך, זיי פלעגן זיך דעריבער אויסבאַהאַלטן אין די באַרג-שפּאַלטן, אָנפאַלן אויף די סיריער אומגעריכט און צוריק באַהאַלטן זיך.

אין אַ יאָר אַרום נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז דער אַלטער מתתיהו (מאַטיסיאָהו) געשטאָרבן, דער העלדישסטער פון די פינף ברידער האָט איבערגענומען די אָנפירונג. אין פאָלק האָט מען אים גערופן יהודה המכבי (יעהודאָ האַמאַקאַבי), וואָס דאָס מיינט יהודה דער האַמער.

פיר אַרמייען זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קעגן אים. איין אַרמיי איז באַגלייט געוואָרן פון שקאַלפן-הענדלער, וואָס זיינען מיטגעפאָרן אָפּצוקויפן די געפאַנגענע אידן — אַלע פיר אַרמייען זיינען צעשלאָגן געוואָרן.

יהודה המכבי האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן. ער האָט כמעט כסדר (קימאַט קעסיידער) אָנגעווענדט די זעלבע טאַקטיק; זיינע קליינע הייפלאַך אָנהענגער פלעגט ער אויסבאַהאַלטן אין די היילן פון די בערג, אין די שמאָלע דורכגאַנגען און פּלוצלונג, אָפטמאָל דורך נאַכט, צונויפקלייבן קריגער און אָנפאַלן אויפן שונא (סוינע).

דורך ביטערע שלאַכטן האָט יהודה פאַרטריבן די סיריער-גריכן, האָט צוריק אָפּגענומען די שטאָט ירושלים און ווידער באַנייט די עבודה (אַוואוידע) אין בית-המקדש.

אָבער די געפאַר איז נאָך באמת ניט פאַרביי, קיין שלום אין לאַנד איז נאָך ניט געווען און יהודה האָט זיין שווערד ניט אַוועקגעלייגט.

אַ נייע געפאַר.

איינמאָל איז יהודה געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. ער האָט צונויפגעקליבן די מוטיקע און העלדישע אידן אין ירושלים. די שטאָט איז געווען האַלב חרוב (כאָרעוו), אָבער זי איז געווען גוט באַשיצט, ווייל זי איז געשטאַנען אויף אַ באַרג.

טויזנטער און טויזנטער סירישע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט. די אידן זיינען געווען אַ הייפל קעגן זיי. ס'האָט אויך געגומען אויספעלן שפייז.

נאָך אַ לענגערער צייט פון באַלעגרונג האָט ביי די אידן געגומען פאַלן דער מוט.

פון וואַנען וועט קומען די הילף? דער סוף איז געווען נאָענט. רייסן זיך די סיריער אַריין אין שטאָט איז אַלצדינג פאַרלאָרן. די הילף איז דאָך געקומען און אינגאַנצן אומגעריכט. אין סאַמע ברען פון דער באַלעגערונג האָט זיך דער אָנפירער פון דער סירישער אַרמיי דער-וואוסט, אַז אין סיריע זיינען אויסגעבראָכן אומרוען, ער האָט דעריבער אויף גיך געשלאָסן שלום מיט די אידן און איז אָפּגעטראָטן פון לאַנד.

די אידן זיינען טאַקע קיין פריי פאָלק ניט געוואָרן, זיי האָבן פונ-דעסטוועגן צוריקגעקראָגן דאָס רעכט אויף זעלבסט-פאַרוואַלטונג, די גזירות (גזיירעס) זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן. די העלעניסטן האָבן גע-קראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ און האָבן פאַרלאָרן די מאַכט איבערן פאָלק.

נאָכן שלום — אַ נייער שטרייט

אידן זיינען געווען שטאַרק צופרידן מיט דער געוואונענער פרייהייט, אָבער יהודה המכבי (יעהודאַ האַמאַקאַבי) איז אַלץ געווען באַזאָרגט. דעם שלום מיט סיריע האָט יהודה ניט געטרויט. ס' איז געווען שלום, ווייל דער שונא איז געווען אָפּגעמאַטערט און ניט בכח (בעקויאַך) צו קעמפן, — אומרוען אין סיריע, אויפשטאַנדן פון די אונטערדריקטע פעל-

קער... די סיריער־גריכן האָבן צורו געלאָזט דאָס קליינע ארץ־ישראל, אָבער אויף ווי לאַנג?

יהודה האָט ניט געטרויט דאָס שווייגן. ער האָט דעריבער געזוכט אַ פריינטלאַך פאָלק, אַן וועמען זיך אָנצולענען.

אין יענער צייט האָט נאָר איין פאָלק ארויסגערופן שרעק און גע־האָרכזאַמקייט אין דער אַלטער וועלט — דאָס איז געווען ר ו י ם. אַ פויערים־פאָלק, אָבער אַ קריגעריש פאָלק, פאַר וועלכן די הערשער פון סיריע און עגיפּטן האָבן געבויגן די קעפּ.

אין רוים האָט יהודה אַצינד געזוכט צו געפינען אַ פאַרזיכערונג פאַר דער פרייהייט פון לאַנד.

יהודה האָט געשיקט שלוחים קיין רוים און דער רוימישער סענאַט האָט אָנערקענט די אידן אַלס רוימישע פריינט און גענומען יהודה אונ־טער רוימישן שוץ.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט.

אַ גרויסע סירישע אַרמיי איז ארויסגעשיקט געוואָרן צו אונטער־דריקן יהודה.

דאָסמאָל זיינען די אידן ניט געווען גרייט צום קאַמף. די פרומע חסידים זיינען שוין געווען אָפּגעקילט. פאַר אַ סך פון זיי איז געווען גענוג, וואָס מען האָט זיי געלאָזט זיין פרום אויף זייער שטייגער.

אַנטקעגן די דריי טויזנט אידן האָט סיריע אַנטקעגנגעשטעלט צוואַנ־ציק טויזנט באַוואָפנטע זעלנער.

א י ן י ע נ ע ם ט אָ ג ה אָ ב ן א י ד ן ב י ט ע ר פ אַ ר־ל אָ ר ן. יהודה אַליין איז געפאַלן אינמיטן שלאַכט.

דער פירער טויט... דאָך איז אָבער ניט אַלץ געווען פאַרפאַלן.

די אידן האָבן פאַרלאָרן די שלאַכט, אָבער ניט זייער קאַמף.

סיריע איז טאַקע ווידער געוואָרן די הערשערן, אָבער דאָס רעכט, וואָס אידן האָבן געוואונען אונטער יהודה׳ן, איז ניט אָפּגענומען געוואָרן. אַפילו נאָך יהודה׳ס טויט איז דער קאַמף ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. ביי אידן איז אַלץ פאַרבליבן דאָס רעכט אַליין צו פאַרוואַלטן דאָס אינ־ווייניקסטע לעבן פון לאַנד, פירן זיך לויט זייערע אייגענע געזעצן און לעבן זייער אייגנאַרטיק לעבן.

ערשט יהודה׳ס ברידער איז געלונגען אויפצוריכטן אַ פרייע אידישע מלוכה, וואָס איז אויך פּ אָ ל י ט י ש ניט געווען אָפּהענגיק פון סיריע.

22. די אויפשטאנדונגען פון די חשמונאים הערשער

נאָכדעם, ווי יהודה המכבי איז געשטאָרבן, האָבן זיינע ברידער און שפּעטער זייערע קינדער, געהערשט אַ לאַנגע צייט ביי אידן.

קיינער פון די שפּעטערדיקע חשמונאים האָט ניט פאַרמאָגט יהודה'ס מוט און העלדישקייט, אָדער זיין איבערגעגעבנקייט און הייסע טריי־שאַפט צום פאָלק, דערפאַר זיינען זיי אָבער געווען גוטע, פּראַקטישע פּאָליטיקער. זיי האָבן אויסגענוצט די אומרוען און די איבערקערענישן, וואָס זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען אין דער וועלט, כדי צו פאַרכאַפּן נייע שטיקער לאַנד, דורכצושלאָגן זיך אַ וועג צום ים, אויפצובויען אַ האַפן און צו פאַרבינדן אַ לעבעדיקן האַנדל מיט די פעלקער אַרום.

די העלעניסטן פאַרלירן די מאַכט

די העלעניסטן האָבן געקראָגן אַ שטאַרקן קלאַפּ, די חשמונאים האָבן ביי זיי צוגענומען די מאַכט איבערן פאָלק, אָבער זייער רייכקייט און זייער ערד־פאַרמעגן, זייערע הייזער און געשעפטן זיינען ביי די העלע־ניסטן פאַרבליבן.

עס מאַכט ניט אויס, וואָס די רייכע לייט האָבן פאַרלאָרן די הילף פון די סירישע הערשער, — ביי זיי איז פאַרבליבן ד י ר י י כ ק י י ט פון לאַנד, און פריער אָדער שפּעטער האָט עס זיי ווידער געמוזט געבן די מעגלאַכקייט צו קריגן די מאַכט איבערן פאָלק, וואָרום דאָס איז אַ כלל (קלאַל): ווער עס פאַרמאָגט די רייכקייט פון לאַנד יענער מוז פריער אָדער שפּעטער קריגן אויך די מאַכט איבער דער מלוכה (מעלוכע).

די שפּעטערדיקע חשמונאים הערשער דערווייטערן זיך פון פאָלק.

וואָס אַ יאָר ווייטער, אַלץ מער האָבן זיך די הערשער דערוויי־טערט פון די פּויערים און באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן, אין אָנהייב פון קריג, געקעמפט קעגן די סירער און די גריכן. פאַרקערט די נייע הער־שער האָבן זיך גענומען פאַרבינדן מיט די רייכע שטאָט מענשן, וואָס האָבן געוואָלט ברענגען צו אַ דערנענטערונג פון די אידן און די פעל־קער אַרום.

אמת. עס איז שוין איצט מער ניט געגאַנגען אין דעם, אַז אידן

זאָלן ווערן אויס פאָלק, אידן זאָל זיך אויסמישן מיט די שכנישע פעלקער.
דאָס האָבן די העלעניסטן אַמאָל געוואָלט — אַלע צרות, האָבן זיי גע־טענה׳ט, נעמען זיך פון דעם, וואָס אידן לעבן אָפּגעזונדערט און זיינען אַנדערש פון אַלע פעלקער.

אַצינד האָבן די רייכע הענדלער און ערד־אייגנטימער געוואָלט, אַז קוים זיינען אידן געוואָרן זעלבסטשטענדיק, זאָלן זיי, אויפן שטייגער פון די אַרומיקע פעלקער, פירן נאָכאַנאַנד מלחמות, אונטערדריקן און באַרויבן די איינוואוינער פון די ניי־צוגעקראָגענע לענדער א. ד. גל.

קריגן אַ צוטריט צום ים איז פאַר די אידישע הענדלער און ערד אייגנטימער געווען זייער שטאַרקסטער באַגער, וואָרום נאָר אַזוי וואָלט מעגלאַך געווען אָנצופירן אַ גרויסן האַנדל.

דאָס פאָלק וויל ניט קיין מלחמות.

אין פאָלק האָט דער נייער וועג, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרנו־מען די חשמונאים הערשער, אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט.

דער קריג, וואָס די פויערים האָבן אויפגעהויבן, איז געווען אַרויס־צוטרייבן פון לאַנד די פ ר ע מ ד ע, אָבער ניט צו פאַרכאַפּן פ ר ע מ ד לאַנד. די פשוטע אידן האָבן געקוקט קרום, וואָס דער קעניג האָט אָנ־געדונגען פרעמדע סאָלדאַטן, גריכן, סיריער, און פאַרברענגט זיינע טעג און יאָרן אין מלחמות.

אידן האָבן זיך גענומען בונטעווען, שטעלן זיך אַנטקעגן. דער קעניג האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטן פון אָנשיקן די פרעמדע, די געדונגענע סאָלדאַטן, אויף די אומצופרידענע אידן. די מלחמות אין פאָלק זיינען געוואָרן פאַרביטערטע און האָבן זיך אָפּט געצויגן יאָרן לאַנג. אידן האָבן געקעמפט קעגן אידן און טויזנטער זיינען געפאַלן טויט.

23. דער קאַמף פון די קלאַסן אין יהודה

די צוויי פּאַרטייען: פּרושים און צדוקים.

די שטימונגען פון די פאָלקס-מאַסן און די שטימונגען פון די הערשער האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין די פּאַרטייען, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט ביי אידן.

אַמאָל, ווען דאָס פאָלק האָט געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד, זיינען געווען חסידים — געטרייע, איבערגעגעבענע אידן, און העלעניסטן — אידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אויסמישן מיט די פעלקער אַרום, אַסימילירן.

אַצינד, ווען יהודה איז געוואָרן אַ פריי לאַנד און די פרעמדע זיינען שוין געווען פאַרטריבן, זיינען אויפגעקומען נייע מיינונגס-פאַרשיידנקייטן, וועגן דעם, ווי זאָל זיך די נייע מלוכה פירן.

די אַלערליי מיינונגען און אינטערעסן האָבן געקראָגן אַן אויסדרוק אין די צוויי נייע פּאַרטייען פון יענער צייט: די פּרושים און די צדוקים.

די צדוקים זיינען געווען די פאַרטרעטער פון די רייכע לייט, די רייכע כהנים (קויהאַנים) א. ד. גל. די פּרושים זיינען געווען פאַרטרעטער פון די סופרים, דאָס הייסט, די לערער פון דער תורה, פון די באַלמעלאָכעס, פויערים און קליינע הענדלער.

דער קליין-הענדלער אין אַמאָליקע צייטן איז כמעט (קימאַט) אַלע מאָל געגאַנגען מיטן פויער און מיטן באַלמעלאָכע. ווען דעם פויער און דעם באַלמעלאָכע איז געגאַנגען שלעכט, האָט אויך דער קליינער הענדלער, ווייניק וואָס פאַרדינט. אַן אָרימאַן קומט אוים מיט ווייניק, ער קויפט ניט, און ווען דער פויער קויפט ניט איז אויך דער קליינער הענדלער אויף גרויסע צרות.

די פּרושים זיינען געווען אַ פאָלקס-פּאַרטיי און זיי האָבן אויסגעדריקט די שטימונגען פון די מאַסן. די פּרושים זיינען געווען קעגן מלחמות, קעגן פאַרכאַפּן נייע שטעט, קעגן אַרויפצווינגען דעם אידישן גלויבן אויף די באַזיגטע פעלקער.

די פּרושים האָבן ניט געוואָלט, אַז די מלוכה, וואָס אידן האָבן פון דאָס ניי אויפגעריכט, זאָל ווערן, ווי אַלע אַנדערע מלוכות. די פּרושים האָבן געוואָלט, אַז אידן זאָלן זיין אַ פאָלק פון תורה-מענטשן און ניט קיין פאָלק וואָס לעבט פון פרעמדער מי, פון מלחמה און רויב. די פּרושים

האָבן געוואָלט שלום אין לאַנד, שלום צווישן מענטשן, און וואָס מער אָפּזונדערן זיך פון די פעלקער אַרום.

די צדוקים זיינען געווען די פּאַרטיי פון די הערשער, פון די געלט־מענטשן און ערד־אייגנטימער.

פאַרכאַפּן די שטעט ביים ברעג ים איז פאַר זיי געווען זייער וויכטיק. זיי האָט גאָרניט געאַרט, וואָס אין די שטעט לעבן סיריער, גריכן, פּלשתים, און גאָר קיין אידן ניט. די נייע האַפן־שטעט וואָלטן געגעבן א מעגלאַכקייט די רייכע הענדלער אָנצופירן א גרויסן האנדל און דאָס איז ביי זיי געווען דער עיקר (איקער).

די צדוקים האָבן געוואָלט דורך מלחמות פאַרכאַפּן גרויסע שטיקער ניי לאַנד, ווייל דאָס צוגעקראָגענע לאַנד פלעגט אַלע מאָל צעטיילט ווערן צווישן די קריגס־פירער און גרויסע ערד־אייגנטימער. די געלט־מענטשן פלעגט אויך איבערגעגעבן ווערן צו מאָנען די צינזן, וואָס מען לייגט אַרויף אויף די באַזיגטע שטעט, און פון קלייבן צינזן איז נאָך קיינער ניט פאַראָרימט געוואָרן.

שווערער מאַכן, אָדער לייכטער מאַכן די אַלטע געזעצן

צווישן די פרושים און די צדוקים זיינען נאָך פאָרגעקומען אויך אַנדערע שטרייטיקייטן: די צדוקים זיינען געווען זייער שטרענג אין דורכפירן די פאַרעלטערטע געזעצן, צו באַשטראָפן הארב, אפילו פאר די לייכטסטע פאַרברעכנס. די פרושים זיינען תמיד געווען גרייט מילדער צו מאַכן די אַלטע שווערע געזעצן.

פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די שטרענגקייט פון די צדוקים איז ניט שווער צו באַשטימען. געווים ניט פון קיין גרויסער ליבע צו די געבאָטן פון פאַרצייטן. די שטרענגקייט פון די צדוקישע ריכטער איז פשוט געווען א מיטל צו באַשטראָפן שווער די אומצופרידענע אין פאָלק.

אין די יאָרן פון בירגער־קריג פלעגן טויזנטער אידן אנטיילנעמען אין די מלחמות קעגן די רייכע אונטערדריקער. ווי אין יעדער מלחמה פלעגן די רעבעלן קיינעם ניט שאַנעווען. מען פלעגט צינדן הייזער, פאַרניכטן אייגנטום, טויטן — אין די אַלטע, שווערע געזעצן און שטראָף־מיטלען, האָבן די צדוקים פאַרמאָגט אַ בייטש איבערן פאָלק. די צדוקים זיינען געווען די ריכטער און וואָס שוידערלאַכער, וואָס שרעקלאַכער עס זיינען געווען די געזעצן, אַלץ טויגלאַכער און ניצלאַכער זיינען זיי געווען צו פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק.

די וועלט און יענע וועלט

די קאַמפן, וואָס אידן האָבן דעמאָלט געפירט, האָבן אויך געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין די גלויבונגען פון פאָלק, אין זיינע האָפנונגען און באַטראַכטונגען פון לעבן. די פּרושים, פונקט ווי די פאָלקס־מאַסן, האָבן געגלויבט, אַז נאָכדעם, ווי דער מענטש שטאַרבט, איז נאָך אַלצדינג ניט פאַרלאָרן. די נשמה לעבט אייביק. אויסער דער וועלט איז נאָך אויך פאַראַן אַ יענע וועלט. אויף יענער וועלט ווערן אַלע מענטשן געמשפּט. דעם גוטן פירט מען אַריין אין גן־עדן, וואו ער געניסט גליק און פרייד, דעם רשע (ראָשע), דעם שלעכטן, אין גיהנום, וואו ער ליידט ווייטיקן און פּיין.

די צדוקים האָבן דערין ניט געגלויבט. זיי האָבן גע׳טענה׳ט (געטייַנעט), אַז די נשמה שטאַרבט צוזאַמען מיטן גוף, און קיין יענע וועלט איז ניטאָ.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דער גלויבן אין יענער וועלט

דער גלויבן אין יענער וועלט איז געווען אַ גלויבן פון די אָרימע, פון די, וואָס האָבן געליטן. מענטשן איז שלעכט געווען אויף דער וועלט, האָבן זיי זיך געטרייסט מיט אַ יענער וועלט. אָבער די צדוקים איז גענוג גוט געווען אַלע טעג פון זייער לעבן, צו וואָס האָבן זיי זיך גedאַרפט זאָרגן, וואָס עס וועט זיין נאָכן טויט?

אין שווערע צייטן פון אומגליק איז דער גלויבן אין יענער וועלט געווען אַ טרייסט און אַ דערמוטיקונג אַריבערצוטראָגן די צרות. עס איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ פאָרוואורף צו די, וואָס האָבן דאָס פאָלק אונטערדריקט.

„מיינט ניט, אַז דאָס, וואָס איר לעבט אין רייכקייט און וואוילטאָג, איז דערפאַר, ווייל איר זייט גרויסע צדיקים. ניין! רייכקייט איז ניט קיין באַלוינונג פאַר מעשים טובים (מאַיסים טויווים), אָדער אַ באַוואָרעניש קעגן מאַטערניש און ליידן. ווען איר באַגייט אַוולעס, ווען איר באַרויבט און אונטערדריקט דאָס פאָלק, מיינט ניט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין האַנט, וואָס וועט אייך משפט׳ן (מישפּעטן) און שטראָפן.

זייט וויסן, דער טאָג פון משפט וועט קומען און די גוטע און די אָרימע וועלן קריגן זייער באַלוינונג און די רייכע און זינדיקע וועלן זיך מאַטערן אין אייביקן פּיין.״

די אסיים

די אידישע שטעט זיינען געווען פול מיט אומצופרידענע, מיט מענטשן, וואָס זיינען געווען אַנטוישט און פאַרביטערט. די מערסטע אידן איז פון זייער וויגעלע, פון קליינווייז אויף, געווען שלעכט. זיי זיינען געווען קינדער און קינדס-קינדער פון די העלדישע אידישע פויערים, וואָס האָבן זיך אַמאָל צונויפגעקליבן אין די בערג און, פון די באַהעלטענישן אַרויס, געקעמפט קעגן די פרעמדע — די סיריער און די גריכן. די טאַטעס און זיידעס האָבן באַפרייט דאָס אָרימע באַרגיקע לאַנד, פאַרטריבן די פרעמדע, אָבער זיי האָבן דעם הונגער נים פאַרטריבן פון לאַנד.

די באַפרייאונג פון לאַנד איז, נאָך אַלעמען, געווען אַ גרויסע אַנטוי־שונג. ווען די חשמונאים ברידער האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף און יהודה איז געוואָרן פריי, האָט זיך דאָס פאָלק שטאַרק געפרייט. אידישע פוי־ערים און באַלמעלאָכעס האָבן געגלויבט, אַז אויב פריער האָט זיך גע־לעבט שלעכט, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, ווייל די פרעמדע פלעגן אַוועקנעמען דעם האָב און גאָב, דעם ביסן פון מויל, אָבער איצט וועט אודאי ווערן בעסער.

די פויערים און די באַלמעלאָכעס האָבן זיך גיך אַנטוישט. זייערע האָפנונגען האָבן זיי אָפּגענאַרט. דעם פויער און דעם באַלמעלאָכע איז אפנים קיינמאָל נים באַשערט געווען צו לעבן גוט. אים איז אַלע מאָל געווען אָדער שלעכט, אָדער ערגער פון שלעכט. אַפילו אין אַ פרייער אידישער מלוכה האָט זיך אַ אידישן פויער און אַ אידישן באַלמעלאָכע נים געלעבט גוט.

עס זיינען געווען אָרימע און עס זיינען געווען רייכע. עס זיינען גע־ווען שקלאַפן און עס זיינען געווען האַרן. עס זיינען געווען מענשן, וואָס האָבן געלעבט אין שיינע הייזער, און מענשן, וואָס האָבן געלעבט אין אָרימע ליימענע שטיבלאַך. עס זיינען פאַרגעקומען מלחמות צווישן די חשמונאים איבער דעם, ווער עס זאָל פירן די מלוכה. אידן האָבן גע־קעמפט קעגן אידן. בלוט האָט זיך געגאָסן אויף די פעלדער פון יהודה...

פיל אידישע באַלמעלאָכעס און פויערים האָבן גענומען קלערן, אַז פאַרן פאָלק, פאַרן פראָסטן מענשן, האָבן די מלחמות פאַר באַפרייאונג, ווינציק וואָס אויפגעטאָן. דעם פויער, דעם באַלמעלאָכע לעבט זיך וואָס אַמאָל ערגער און ערגער. דער טומל, די פאָליטישע קריגערייען וועלן דאָס לעבן נים מאַכן בעסער.

כדי אויך דעם אָרימען זאָל ווערן גרינגער דער יאָך פון אַרבעט און נויט, דאַרפן מענשן אָנהייבן לעבן אַ ניי לעבן. עס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן רייך און אָרים. עס טאָר מער ניט זיין קיין מיין און קיין דיין. עס טאָר ניט זיין, איינער זאָל האָבן פיל און דער אַנדערער זאָל גאָרנישט ניט האָבן. אויב אַלע מענטשן זיינען ברידער, דאַרפן זיי אוועק פון די שטעט, וואו מענשן לעבן, ווי וועלף, און אָנהויבן לעבן אין ב ר ו ד ע ר ש אַ פ ט ן, אין קליינע קאָלאָניעס.

אַ סך אידן האָבן זיך מעגלאַך אַרומגעטראָגן שטילערהייט מיט אַזעל־כע אומרואיקע געדאַנקען. אָבער מענשן איז זייער שווער אָנצוהויבן אַלצ־דינג פון דאָס ניי. בלויז אַרום פיר טויזנט זיינען דעריבער ניט נאָר פאַר־בליבן ביים בענקען, נאָר זיינען טאַקע אַוועק פון די שטעט און גע־נומען לעבן אַזאַ איינפאַך שטיל און פריי לעבן. דאָס פאָלק האָט זיי גערופן אסיים.

ווי האָבן די אסיים געלעבט?

די אסיים האָבן זיך געפונען אין אַ סך שטעט פון יהודה, אָבער לי־בערשט האָבן זיי געוואוינט אין אייגענע קליינע ישובים.

אַ גרעסערע אסיים־קאָלאָניע האָט זיך, למשל, געפונען אין מדבר, ניט וייט פון טויטן ים. דורך שווערער אַרבעט האָבן די אסיים־קאָלאָניסטן די וויסטעניש פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיקן ישוב, אויסגעגראָבן וואַסער־קוואַלן, אויפגעבויט הייזער און פאַרפלאַנצט שיינע פאַלמען־וועלדער.

פאַר אַרבעט האָבן זיך די אידישע באַלמעלאָכעס און פויערים ניט געשראָקן; (ניט אַרבעט מאַכט דאָס לעבן ביטער, נאָר אַרבעט פון וועל־כע דער מענש געניסט ניט).

די אסיים האָבן זייער הויך געשאַצט אַרבעט און מלאכה; קרום גע־קוקט האָבן זיי נאָר אויף ה אַ נ ד ל און אויף דער א ו י ס אַ ר ב ע־ט ו נ ג פ ו ן ג ע ו ו ע ר. האַנדלען און באַטייליקן זיך אין מלחמה איז די אסיים געווען פאַרבאָטן.

וואָס איז געווען דער שטייגער לעבן פון די אסיים?

יאָזעפוס פלאַוויאוס, אַ אידישער אַריסטאָקראַט פון יענער צייט, דער־ציילט אַזוי וועגן די אסיים:

„עשירות (אַשירעס) פאַראַכטן זיי, און פאַרוואונדערט איז צו ווערן איבער דעם, וואָס ביי זיי איז דאָס גאַנצע אייגנס בשותפות (בעשיטפעס), אַז מען געפינט ניט קיינעם צווישן זיי, וואָס זאָל האָבן מער פאַר אַן אַנדערן. וואָרום ס'איז פאַראַן ביי זיי אַ פירונג, אַז איטלאַכער ווער עס וויל אַריינגיין אין דער חברה (כעווורע) מוז אָפּגעבן זיין פאַרמעגן דעם כלל (קלאַל), און אַזוי זעט מען ניט ביי זיי ניט קיין נידעריקע אָרימקייט,

ניט קיין צו גרויסע רייכקייט נאָר אַלע באַנוצן זיך ווי ברידער, מיטן בשותּפותדיקן אייגנס, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון די פאַרמעגנס פון די איינצלנע חברים.

זיי האָבן ניט קיין אייגענע שטאָט, נאָר אין איטלאַכער שטאָט וואוינען אַ סך פון זיי. אסיים, וואָס קומען פון אַנדערע שטעט, קענען באַנוצן אַלצדינג, וואָס זיי געפינען ביי זייערע חברים, ווי זייער אייגענעם פאַרמעגן, און צו מענטשן, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען פריער, גייען זיי אַריין, ווי זיי וואָלטן געווען זייערע נאָענטסטע פריינד . . . **צווישן אַנאַנד קויפן זיי און פאַרקויפן ניט, נאָר איטלאַכער גיט פון זיין אייגנס דעם אַנדערן, וואָס יענער האָט נויטיק, און באַקומט, פאַרקערט, פון אים דאָס, וואָס ער קען אַליין געברויכן.** נאָך מער, איטלאַכער קען פאָדערן פון זיין חבר אַלצדינג, וואָס ער האָט נויטיק, אפילו גאָרנישט ניט געבנדיק דערפאַר.

ווער עס וויל צוגענומען ווערן אין דער חברה, ווערט ניט צוגעלאָזן גלייך, נאָר ער מוז יאָרנלאַנג אויסגעפּרובירט ווערן... איידער מען לאָזט אים צו צום בשותּפותדיקן מאָלצייט, מוז ער אָפּגעבן פאַר די מיטגלידער פון דער חברה אַ מוראדיקע שבועה, קיינעם ניט אָנצוטאָן קיין שאָדן, ניט פון אייגענעם ווילן און ניט לויט אַן אַנדערנס באַפעל, שטענדיק פיינט האָבן רשעים און העלפן צדיקים... ווייטער מוז ער שווערן, אַז טאָמער וועט אים אַליין אויסקומען צו באַפעלן, זאָל ער קיינמאָל ניט שטאָלצירן מיט זיין מאַכט... ער מוז זיך פאַרפליכטן שטענדיק ליב צו האָבן דעם אמת און צו דערנידעריקן דעם שקר (שעקער), ריין צו האַלטן די הענט פון גנבה (גנייווע) און די נשמה פון דער באַפעלקערונג מיט ניט ערלאַכע פאַרדינסטן, ניט האָבן קיין סודות (סוידעס) פאַר די חברים, פאַרקערט, ניט אויסזאָגן זייערע סודות פרעמדע, אַפילו ווען מען זאָל אים מאַטערן ביז צום טויט".

אַרבעט און שפּיל

צדוקים, פּרושים

די———————זיינען געווען פאַרשטייער פון די פּויערים, שטאָטישע באַלמעלאָכעס און קליין־הענדלער. זיי האָבן ניט געוואָלט אַז די חשמונאים הערשער זאָלן ווערן אַזוי ווי מלכים ביי אַנדערע פעלקער, זאָלן האַלטן אַ גרויסע אַרמיי און פאַרכאַפּן פרעמדע שטיקער לאַנד.

די———————האָבן געוואָלט אַז די אידן זאָלן לעבן אָפּגעשיידט פון דער וועלט, אַנדערש ווי די פעלקער אַרום.

די———————זיינען געווען אַריסטאָקראַטן. זיי האָבן געוואָלט וואָס ענגער צו פאַרבינדן זיך מיט די אַריסטאָקראַטן און הענדלער פון די אַרומיקע גריכישע מלוכות.

די———————האָבן געשטרעבט צו פאַרכאַפּן דעם ברעג ים.

די חשמונאים ברידער האָבן

(שטעל אַוועק דעם צייכן × לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

———באַפרייט דאָס אידישע לאַנד.

———אָפּגעשאַפט אָרים און רייך.

———פאַרנומען האַפן־שטעט ביים ברעג ים.

———אַנטוויקלט דעם האַנדל.

———אַרויפגעצוואונגען דעם אידישן גלויבן אויף אדום (עדוים).

———גרוים געמאַכט די אידישע מלוכה, פאַרכאַפּט פרעמדע שטיקער לאַנד.

וואָס נאָך פאַר אַן אויפטואונגען קענסטו צוגעבן?

די אידישע פּאַרטייען

פּרושים און צדוקים. — דער קאמף צווישן זיי.

ווענן וואָס האָבן געשטרייט די פּרושים און די צדוקים ?

וואָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן די פּרושים און די צדוקים אין די פראַגן פון :

א) ווי זאָל די מלוכה געפירט ווערן ?

ב) צי מעג מען ענדערן די געזעצן פון דער תורה ?

ג) צי דאַרפן זיך אידן אָפּזונדערן אָדער דערנענטערן צו די אַרומיקע פעלקער ?

ד) תורה שבעל פה אָדער בלויז די געשריבענע תורה ?

ה) די וועלט אָדער יענע וועלט ?

ו) וואָס זיינען געווען די עקאָנאָמישע אורזאַכן פאר דעם קאַמף פון די צדוקים און די פּרושים ?

ז) וועלכע פון די ביידע פּאַרטייען האָט פארמאָגט די מאַכט אונטער די פריערדיקע חשמונאים הערשער, און וועלכע אונטער די שפּעטערדיקע ?

רוים און די רוימער



א רוימישער סאָלדאַט

אַ באַשטעטיקונג פון אן עגיפּטער, אז ער האָט מקריב (מאַקריוו) געווען א קרבן צום רוימישן קייסער, ווי צו אַ גאָט. אידן זיינען באַפרייט געוואָרן פון ברענגען אַזעלכע קרבנות (קאָרבאָנעס).



דער קאַלענדאַר פון אַ רוימישן פויער. דער פויער איז פול מיט אַרבעט און זאָרג אויף אַ גאַנץ יאָר, דאָך איז זיין מזל געווען גאָר אַ ביטערער און א שווערער. די מלחמות, וואָס רוים האָט געפירט האָבן דעם רוימישן פויער פאַראָרימט און אַריינגעוואָרפן אין חובות.

רוים, גריכנלאַנד, קליין־אַזיע און ארץ־ישראל

באַצייכן די באַזונדערע לענדער.

24. די רוימער קומען אַריין אין יהודה

אַ ברודער קעגן אַ ברודער

ווען אין דער קליינער יהודה האָט זיך געראַנגלט דער אידישער פויער מיטן גריכישן הענדלער און מיטן פאַרגריכישטן אידן, האָט אין דער וועלט בישלאַכוויַיז געהאַלטן אין אויפקומען אַ נייע מאַכט — רוים.

צוערשט אַ שטאָט, ארומגערינגלט מיט דערפער. די באַוואוינער — אַ פאָלק פון פויערים. נאָכדעם הערשער אויפן ים, בישלאַכוויַיז, בישלאַכ־וויַיז — אַ וועלט־פאָלק.

די רוימער האָבן צעשלאָגן די גריכן, די הענדלער פון קאַרטאַגען (פעניציער). אין 67 פ. ק. זיינען שוין די רוימער געשטאַנען אין סיריע, ביי די גרעניצן פון ארץ ישראל.

אין יהודה איז ניט געווען פריילאך. קריגערייען, אומזיכערקייט, שרעק. אַן אַלטע פרוי האָט געהערשט אין לאַנד. זי האָט דערנענטערט צו זיך די פרושים, די פרומע אידן, און איבערגעגעבן זיי די מאַכט. זי איז שוין אָבער געווען גאָר אַ זקנה (זקיינע), אירע יאָרן זיינען געווען געציילטע.

ווען זי איז געשטאָרבן איז צווישן אירע צוויי זין אויסגעבראָכן אַ קריגעריי ווער עס זאָל ווערן קעניג.

געדאַרפט פירן די מלוכה האָט דער עלטערער. אַזוי איז געווען דער מנהג (מינהעג) פון לאַנד. ער איז אָבער געווען אַ שטילער און צוריקגעצויגענער מענטש. דער אינגערער ברודער, פאַרקערט, איז גע־ווען מוטיק, העלדיש און אנטשלאָסן צו הערשן.

צווישן פאָלק האָבן ביידע זין געהאַט אָנהענגער: די רייכערע אידן זיינען געווען מיטן אינגערן ברודער, וואָס האָט זיך געקליבן ווידער אנצוהויבן מלחמות, אָנפאַלן אויף די שטעט ביים ברעג ים און האַלטן אין צום די שכנישע (שכיינישע) פעל־קער. די אָרימערע אידן, די פרושים, האָבן גע־וואָלט דעם עלטערן ברודער, וואָס איז געווען אַ מענטש פון שלום און ניט פון מלחמה.

אין לאַנד זיינען דערווייל אויסגעבראָכן אומרוען: ס'האָט זיך אָנגע־פאַנגען אַ בירגער־קריג, בלוט האָט זיך געגאָסן.

דער סוף פון דער גאַנצער קריגעריי איז געווען, אַז ביידע ברידער זיינען אוועק צו די רוימער בעטן הילף איינער קעגן דעם אַנדערן. יעדער איינער האָט צוגעזאָגט צו באַלוינען די רוימער מיט אַ גרעסערער סומע געלט, אויב נאָר זיי וועלן געבן גערעכט אים און ניט דעם אַנדערן ברודער.

די רוימער איז אַפּנים דאָס שפּיל שטאַרק געפעלן געוואָרן. זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט אריינצוקומען אין יהודה, האָבן פאַרכאַפּט שטעט און דערפער און זיינען צוגעקומען צו ירושלים.

ס'איז שוין געווען צו שפּעט, ווען די אידן האָבן פאַרשטאַנען, וואָס די רוימער ווילן אייגנטלאך. די רוימער זיינען ניט אויסן די טובה (טוווע) פון די אידן, זיי ווילן פאַרכאַפּן יהודה.

אין ירושלים האָבן זיך די אידן אויף גיך צונויפגענומען אָפּצושלאָגן די רוימער. די ווענט ארום ירושלים זיינען געווען שטאַרקע און וואָלטן די אידן באַשיצט. די רוימער איז אָבער געלונגען אויפצובויען ברעך־מאַשינען און אין ניינציק טעג צייט האָבן זיי דורכגעבראָכן די ווענט.

ווילדע און דערצאָרנטע האָבן זיך דעמאָלט די רוימישע סאָלדאַטן אריינגעריסן אין שטאָט, הונדערטער אויסגעהאַרגעט, געטויט. רוים איז געוואָרן די הערשערין פון יהודה.

אַ שטיקל צייט איז נאָך געבליבן אַ אידישער קעניג (אַ שפּילצייג אין די הענט פון רוים), פריער איינער פון די חשמונאים (כאַשמענויאים), שפּעטער אַ פאַראידישטער גוי, איינער פון די אדומים (עדוימים), וואָס די אידן האָבן אַמאָל מיט צוואַנג באַקערט צום אידנטום — הורדוס.

דעם לעצטן פון די חשמונאים־הערשער (ער האָט רעוואָלטירט קעגן רוים) האָבן די רוימער געלאָזט אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

העלדיש האָבן אָנגעהויבן די ערשטע ברידער אַ קאַמף פאַר פרייהייט, אָבער זייערע קינדער און קינדס־קינדער האָבן אַלץ פאַרשפּילט.

די רוימער

(אין יעדן זאַץ פֿעלט דאָס לעצטע וואָרט. געפֿין אויס אין קאָלום לינקס דאָס נויטיקע וואָרט און פֿאַרענדיק דעם זאַץ)

די רוימער זיינען אַמאָל געווען אַ פֿאָלק פֿון————	שקלאַפֿן
דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן באַוואוינט איז געווען פּרוכט-באַר און גוט פֿאַר————	געפֿאַנגענע
אויף די לאַנקעס האָבן זיך אויך געפיטערט שעפסן און————	פֿויערים
די גרויסע פֿויערישע באַפֿעלקערונג האָט געלעבט אין————	ים
די שטאָט רוים איז פֿון אָנהייב אויך געווען ניט מער ווי אַ————	וועלט
ביסלאַכווייז האָבן די רוימער גענומען באַפֿאַלן די פֿעל-קער ארום און זיינען געוואָרן די הערשער פֿון דער גאַנצער אַלטער————	ערד-אַרבעט
די רוימער פֿלעגן זייער שטאַרק אונטערדריקן די איינגענומענע————	פֿעלדער
פֿון די מלחמות וואָס די רוימער האָבן געפֿירט פֿלעגן זיי ברענגען זייער פֿיל————	בריקן
די רוימער פֿלעגן די געפֿאַנגענע ניט אויסהאַרגענען נאָר מאַכן פֿאַר————	גריכן
די שקלאַפֿן פֿלעגן באַדינען אין הויז, אין וואַרקשטאַט, אַנטרייבן די שיפֿן, אַרבעטן אויף די————	דערפֿער
די רוימער האָבן זייער גוט געקענט פֿירן מלחמות, בויען וועגן און————	פֿעלקער
קונסט, וויסנשאַפֿט און קלוגשאַפֿט האָבן זיך אָבער די רוימער געלערנט ביי די————	ציגן דאָרף

אַ האַנט־מיל



פריער, שפּעטער

שטעל אוים די פאָלגנדיקע פּאַסירונגען אין א ריכטיקער אָרדנונג:

— די רוימער קומען אַריין אין יהודה.

— די סעלעווקידן פאַרכאַפּן ארץ־ישראל.

— אַלעקסאַנדערס מלוכה ווערט צעפאַלן.

— די פּטאָלאָמייער הערשן איבער ארץ ישראל.

— די חשמונאים ברידער פירן אַ קאַמף קעגן סיריע.

— די שפּעטערדיקע חשמונאים הערשער דערווייטערן זיך פון פאָלק.

ווען דו טראַכסט וועגן רוים, אָן וואָס דערמאָנסטו זיך ?

————פּיראַמידן.
————שקלאַפן-אַרבעט.
————אַ פאָלק וואָס האָט איינגענומען און באהערשט די גאַנצע אַלטע וועלט.
————אַ לאַנד צווישן צוויי טייכן.
————קונסט.
————פויערים.
————הענדלער.
————די ערפינדונג פון א"ב.
————נביאים.
————וועגן, בריקן, בעדער.
————אַ שטאַרקע אַרמיי.
————פּראָקוראַטאָרן.
————מלחמות.

אַ רוימישע בריק





דער קאָליסייאום

אַ גלאַדיאַטאָר־שפּיל

ספּאָרט

אַ פויסטן־קאַמף

דער צירקוס־שמייסער און זיין פערד

25. הורדוס - דער מענש וואָס אַלע האָבן אים פיינט געהאַט

הורדוס איז געוואָרן אַ קעניג ביי אידן ניט, חלילה, דערפאַר, ווייל ער איז געווען שטאַרק באַליבט ביים פאָלק אָדער ווייל ער האָט די אידן געראַטעוועט פון אַ וועלכער ניט איז סכנה (סאַקאָנע), נאָר פשוט דער־פאַר, ווייל ער איז געווען געטריי און איבערגעגעבן די רוימער. ער אַליין און זיין פאָטער, אַנטיפאַטער, האָבן זייער אַ סך ארויסגעהאָלפן די רוימער אין די פּילמאָליקע מלחמות קעגן עגיפּטן און אויך אין די מלחמות קעגן... ד י א י ד ן.

הורדוס איז ניט געווען קיין איד, נאָר אַ פרעמדער, אן אדומי (עדוימי).

מיט פיל יאָרן פריער האָבן אידן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד אדום (עדוים), אונטערגעצונדן הייזער, פאַרברענט דערפער און אַלע פויערים פון לאַנד געצוואונגען צו ווערן אידן. הורדוס האָט אָפּגעשטאַמט פון יענע גע־צוואונגענע אידן.

געקראָגן די מאַכט האָט הורדוס מיטן כח פון ר ו י ם און מיטן כח פון ש ו ו ע ר ד. דאָך האָט ער שטאַרק געוואָלט געווינען די ליבע פון פאָלק. דאָס האָט זיך אים אָבער קיינמאָל ניט איינגעגעבן. אַלע האָבן אויף אים געטייטלט מיט די פינגער, אַז ער איז אַ פרעמדער, אַז רוים האָט אים געמאַכט פאַרן הערשער איבער אידן; אַ פרעמדער, וואָס פרעמדע האָבן אים געגעבן די מאַכט.

הורדוס אַליין האָט עס גאַנץ גוט געוואוסט. צו געפעלן ווערן רוים האָט ער זיך ניט צוריקגעהאַלטן פאַר קיין שום זאַך: באַרויבן דאָס פאָלק, אויסהאַרגענען אַלע די, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט אים. אַריינוואַרפן אין גפענגניש די יעניקע, פאַר וועמען ער האָט זיך גע־שראָקן אָדער וועמען ער האָט פאַרדעכטיקט (אפילו זיין אייגענע פרוי און קינדער האָט ער געלאָזט טויטן).

הורדוס האָט קיינעם ניט געטרויט. אים האָט זיך תמיד (טאָמיד)

געדוכט, אַז יעדער איינער קלייבט זיך נאָר אים צו פאַרנאַרן, צו טויטן, צו אָפּנעמען פון אים זיין הערשאַפט. אָבער וואָס מער בלוט הורדוס האָט פאַרגאָסן אַלץ אומרואיקער און אומגליקלאכער איז ער אליין גע-וואָרן. דער ערגסטער מענטש קען ניט לעבן אין אַ וועלט, וואו אַלע האָבן אים פיינט. הורדוסן האָט די פיינטשאַפט פון פאָלק געערגערט, געקרענקט און געטריבן צו פאַרצווייפלונג.

איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַ הונגער אין לאַנד. דאָס פאָלק האָט ניט געהאַט קיין ברויט. מענטשן זיינען געפאַלן אין די גאַסן. הורדוס האָט געוואָלט העלפן די הונגעריקע. ער איז אָבער געווען פאַראָרימט; צוליב זיין אויסבראַנגערישן לעבן און זיין תאווה (טאַיווע) צו שיינע הייזער און פאַלאַצן, איז די קאַסע פון דער מלוכה געווען ליידיק.

האָט הורדוס פאַרקויפט זיינע שיינע מעבל, זיין פאַרמעגן אָפּגעגעבן איינצוקויפן ברויט, אַראָפּצוברענגען פון דער פרעמד שפייז פאַר די הונגעריקע. די באַציאונג צו אים פון פאָלק איז אָבער ניט פאַרבעסערט געוואָרן. אידן האָבן אים אַלץ פיינט געהאַט. די פלוצלונגדיקע גוטס-קייט זיינע האָט גאָרניט געהאָלפן.

וואָס הורדוס האָט אויפגעטאָן פאַרן לאַנד

אין די פיל יאָרן, וואָס הורדוס האָט געקיניגט, האָט ער פונדעסט-וועגן אויפגעטאָן גאָר אַ סך צו פאַרשענערן און אויסצובויען דאָס לאַנד. ער האָט אַנטוויקלט דעם האַנדל, אָפּגעהיט דאָס לאַנד קעגן אָנפאַלן פון די אַרומיקע פעלקער. ער האָט אויפגעבויט אַ קינסטלאכן האַפן ביים ברעג פון מיטללענדישן ים און אַ סך שטעט און וועגן. צו געפעלן ווערן דעם פאָלק, האָט ער אַפילו איבערגעבויט פון דאָס ניי דעם בית-המקדש, באַצירט די חדרים (כאַדאָרים) מיט גאָלד און זילבער און באַשאָנקען דאָס הויז מיט רייכע און קאָסטבאַרע מתנות (מאַטאָנעס).

אויף דער עלטער

יאָרן זיינען אַוועק. הורדוס איז געוואָרן אַלט, שוואַך, קראַנק. ער האָט אַלע יאָרן געפירט אַן אומרואיק לעבן.

די נייעס אַז דער אדומי (עדוימי) האַלט ביים שטאַרבן האָט אָנגע-פילט מיט פרייד די אידישע הערצער. אַ המון (האַמוין) אידן האָט זיך צונויפגעקליבן און האָט מיט פרייד-געשרייען אַרונטערגעריסן דעם רוי-מישן אָדלער, וואָס איז געווען אויפגעהאַנגען אויף די טויערן פון ירושלים.

די פרייד איז אָבער געווען פּריציייטיק. הורדוס האָט נאָך געלעבט.

פון קראַנקען־בעט האָט ער באַפוילן מען זאָל די צוויי פּרושים, וואָס האָבן אָנגערייצט דאָס פאָלק ארונטערצורייסן דעם רוימישן אָדלער, פאַר־ברענען לעבעדיקערהייט. די שטראָף איז אויסגעפירט געוואָרן.

מיד פון לעבן און ליידנדיק גרויסע ווייטאָגן, פאַרהאַסט פון פאָלק און באַוויינענדיק דעם טויט פון זיין שיינער פרוי, וואָס ער האָט באמת היים געליבט, האָט זיך הורדוס געראַנגלט מיטן טויט.

ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז הורדוס ניט געווען געניאַרט. ער האָט געוואוסט: דער טאָג, ווען ער וועט שטאַרבן וועט זיין אַ טאָג פון פרייד און ניט קיין טאָג פון טרויער ביים פאָלק. האָט ער דעריבער באַפוילן, אַז אויף מאָרגן נאָך זיין טויט זאָל מען כאַפּן אַלע פּרושים און מען זאָל זיי טויטן, וועט דאָס פאָלק כאָטש באַוויינען דעם אומגליק פון די געהרגעטע און ניט פרייען זיך מיטן טויט פון אדומי.

זיין וואונש איז ניט דערפילט געוואָרן.

די זין זיינען ערגער פונם טאַטן

ליגנדיק אויפן קראַנקען־בעט און גוססענדיק (גויסעסנדיק) אין ווייטיקן האָט דער שטאַרבנדיקער הורדוס געבעטן, אַז דאָס לאַנד זאָל צע־טיילט ווערן צווישן זיינע זין. נאָך זיין טויט איז טאַקע אַזוי געשען — ווער פון די זין ס׳האָט געקראָגן גליל, ווער דעם עבר־הירדן, אַרכעלאָוס האָט געקראָגן יהודה. די זין זיינען אָבער געווען נאָך ערגער פאַרן טאַטן.

די אידן האָבן געשיקט מענטשן קיין רוים, וואָס האָבן זיך באַקלאָגט אויף אַרכעלאָוסן, דער רוימישער סענאַט האָט הורדוסעס זון פאַרטריבן פון לאַנד און אוועקגעשיקט קיין ארץ ישראל אַ רוימישן פאַרוואַלטער — אַ פּראָקוראַטאָר.

וואו דער ווינט בלאָזט

ווי אַזוי איז הורדוס דער אדומי געוואָרן קעניג ?

1. הורדוסעס פאָטער אַנטיפּאַטער איז געווען אַ פירשט אין אדום (עדוים).

2. זיין פאָטער אַנטיפּאַטער האָט פיל מאָל געהאָלפן די רוימער אונטער־צודריקן די אויפשטאַנדן פון די אידן קעגן רוים.

3. אַנטיפּאַטער האָט ארויסגעהאָלפן יוליוס צעזאַרן אין זיין מלחמה קעגן עגיפּטן.

4. הורדוס האָט חתונה געהאַט מיט דער שיינער מרים, אַן אייניקל פון די חשמונאים.

5. דער רוימישער סענאַט האָט באַשטימט הורדוסן פאַרן קעניג, וואָרום ער האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אַ געטרייען פריינט פון רוים.

6. הורדוס איז צוערשט געווען מיט פּאָמפּייען און קעגן יוליוס צעזאַרן, נאָכדעם פאַר צעזאַרן. ער האָט געהאָלפן צוערשט יוליוס צעזאַרן און נאָכדעם ווען צעזאַר איז דערהאַרגעט געוואָרן האָט ער געהאָלפן קלייבן און אויסהאַלטן אַן אַרמיי פון קאַסיוס, צעזאַרס מערדער.

7. הורדוס האָט ענדלאַך שלום געמאַכט מיט צעזאַרס גוטע פריינט אַנ־טאָניוס און אָקטאַוויאַוס ווען זיי האָבן געזיגט איבער קאַסיוסן און באַשטימט הורדוסן פאַרן קעניג פון יהודה.

געטראַכט און געטאָן!

פאַר וואָס האָט דאָס פאָלק פיינט געהאַט הורדוסן?

(שטעל אַוועק דעם צייכן × לעבן יענע ענטפערס,
וואָס דו האַלטסט פאַר ריכטיק)

———ער האָט געדריקט דאָס פאָלק מיט שווערע שטייערן.
———טויזנטער אידן וואָס האָבן ניט געקענט צאָלן די גרויסע צינזן זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט.
———אין צייט פון הונגער האָט הורדוס געהאָלפן די ליידנדיקע, געלינדערט די נויט.
———אידן האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פרעמדן, וואָס האָט קיין רעכט ניט צו קעניגן אין ירושלים.
———הורדוס האָט פאַרשענערט דעם בית-המקדש.
———ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן זיך צו פאַרזאַמלען אָדער שטיין אויף די גאַסן אין אַ געזעמל (רעדל) און שמועסן.
———הורדוס האָט אַ סך אומשולדיקע מענשן פאַרפאָלגט. איז אויף עמיצן געפאַלן אַ חשד האָט מען יענעם גלייך אריינגעוואָרפן אין געפענגעניש און ניט זעלטן אַפילו געטויט.

וואָס האָט הורדוס אויפגעטאָן?

(לעבן די ענטפערס וואָס זיינען ריכטיק, שטעל אַ ×)

———געבויט אַ קינסטלאַכע האַפן-שטאָט ביים ברעג פון דעם מיטללענדישן ים.
———איינגעפירט פרייהייט אין לאַנד.
———געבויט שטעט.
———פאַרטריבן די רוימער פון לאַנד.
———אנטוויקלט דעם האַנדל.
———פאַרבעסערט דעם ביטערן מזל פונם פויער און פון דעם באַלמעלאָכע.
———געבויט אַ נייעם בית-המקדש.
———פאַרשענערט די שטעט, געבויט פאַלאַצן.

הורדוס דער הערשער און זיינע גרויזאַמע מעשים

1. פאַרוואָס האָט דאָס פאָלק פיינט געהאַט הורדוסן?

2. וואָס האָט הורדוס געטאָן צו געפעלן ווערן די אידן?

3. וואָס איז געווען דער נוצן און וואָס איז געווען דער שאָדן וואָס ער האָט געבראַכט דעם לאַנד?

ווער איז געווען הורדוס און וואָס האָט ער אויפגעטאָן?

(קאָלעקטיווע אַרבעט)

ווי איז הור־דוס געוואָרן דער קעניג ביי אידן?	וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַרן לאַנד?	וואָס איז דערפון ארויס־געקומען		ווי האָט דאָס פאָלק דערויף געענטפערט?
		גוטס?	שלעכטס?	

26. אידישע געלערנטע און חכמים (כאַכאָמים)

הלל און שמאי

די מאַכט אינווייניק אין לאַנד האָבן פאַרמאָגט די רייכע כהנים גדולים (קויהאַנים גדוילים), אָבער אַ גרויסן איינפלוס אויפן לעבן פון פאָלק האָבן אויך געהאַט די לערער פון דער תורה — די סופרים (סויפרים). שפּעטער האָט מען זיי גערופן תנאים (טאַנויאים).

אַלע האָבן געמוזט אָנקומען צו די לערער און די אויסטייטשער פון דער תורה: אַרבעטער און באַלעבאַטים, רייכע און אָרימע, שטאָטמענטשן און דאָרפס-מענטשן. די תורה איז געווען גילטיק פאַר אַלעמען. אַפילו די כהנים אין בית-המקדש האָבן זיך ניט געקענט באַגיין אָן די סופרים.

די באַרימטסטע לערער פון דער תורה אין די לעצטע הונדערט יאָר, וואָס די אידישע מלוכה האָט נאָך עקזיסטירט, זיינען געווען הלל און שמאי.

ביידע, סיי הלל סיי שמאי, זיינען געווען פירער פון די פרושים, לערער אין די גרויסע ישיבות (יעשיוועס) פון ירושלים, געהאַט אַן אַ שיר אַנהענגער. די ביידע גרויסע לערער האָבן אָבער זייער גאַנץ לעבן געקעמפט צווישן זיך. וואָס הלל האָט געזאָגט אַז מען מעג, האָט שמאי אָפט געזאָגט אַז מען טאָר ניט, און פאַרקערט.

הלל

הלל איז געווען אַ בבלישער איד. יונגערהייט איז ער געקומען קיין ירושלים און האָט אַ סך יאָרן געליטן נויט און דחקות (דאַכקעס). הלל האָט געהאַט אַ שטאַרקן חשק (כיישעק) צום לערנען, אָבער ער איז געווען אָרים און האָט אָפט געמוזט אָפּשפּאָרן פון עסן כדי (קעדיי) צו קענען הערן די גרויסע געלערנטע פון זיין צייט.

אין פאָלק האָט מען זיך וועגן הלל׳ן דערציילט אַן אַ שיר וואונדערלאַכע מעשות.

איינמאָל האָט געטראָפן, אַז הלל האָט קיין אַרבעט ניט געקענט געפינען, איז ער געקומען אין דער ישיבה (יעשיווע) און געבעטן דעם

וועכטער, ער זאָל אים אריינלאָזן אָן געלט. האָט אָבער דער וועכטער ניט געוואָלט הערן און געדענקען.

וואָס טוט מען?

הלל האָט זייער שטאַרק געוואָלט הערן די צוויי גרויסע געלערנטע, שמעיה (שמאַיע) און אבטליון (אַווטאַליען).

קריכט הלל אַרויף אויפן דאַך פון דער ישיבה, לייגט צו דאָס אויער צום פענסטערל און הערט זיך צו, ווי מען לערנט אינווייניק.

געווען איז דאָס פרייטאָג-צו-נאַכט. אַ געדיכטער שניי איז געפאַלן פון אויבן. דרויסן איז געווען קאַלט. אַלע מענטשן זיינען געזעסן אין די הייזער ביי די וואַרעמע אויוונס, געגעסן און געטרונקען און זיך גע־לאַזט וואוילגיין, אָבער הלל איז געלעגן אויפן דאַך און מיט גרויס דורשט געשלונגען די ווערטער פון די חכמים (כאַכאָמים). ביסלאַכוויין האָט דער שניי אים פאַרדעקט פון קאָפּ ביז די פיס, אָבער ער האָט דעם שניי ניט געפילט און די קעלט ניט געשפירט, וואָרום ער איז געווען פאַרטיפט אין די הויכע וועגן פון לערנען.

באַגינען זאָגט שמעיה (שמאַיע) צו אבטליון (אַווטאַליען):

— פאַרוואָס איז דאָ עפּעס אַזוי פינסטער? עס איז דאָך שוין גרויסער טאָג?

און באַלד דערויף הייבן זיי אויף די אויגן צום פענסטער, זעען זיי, אַז דאָרט ליגט אַ מענטש. גייט מען אַרויף אויפן דאַך, שאַרט מען אָפּ דעם שניי — געפינט מען הלל׳ן אַ פאַר׳חלש׳טן (פאַרכאַלעשטן).

האָט מען אים אָפּגעוואַשן, אַרומגעוואַשן, אויסגעשמירט מיט בוימל און אַוועקגעזעצט נעבן פייער, צו דערוואַרעמען אים.

דעמאָלט האָבן די חכמים (כאַכאָמים) געזאָגט:

— דערדאָזיקער איז ווערט, מען זאָל צוליב אים מחלל־שבת־זיין (מעכאַלעל שאַבעס זיין).

פון דעמאָלט אָן האָבן שמעיה און אבטליון אָנגעזאָגט דעם היטער, ער זאָל אַריינלאָזן הלל׳ן אָן געלט. הלל האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער האָט איצט געקאָנט זיצן רואיק און לערנען.

הלל ווערט אַ גרויסער געלערנטער

מיט דער צייט איז הלל גרויס און באַרימט געוואָרן.

עס פלעגן צו אים קומען אַ סך תלמידים, ער זאָל זיי לערנען. אַפילו אַלטע לייט פלעגן קומען צו אים לערנען תּורה, און האָבן זיך נישט גע־שעמט צו זיצן אינאיינעם מיט קינדער, וואָרום ער האָט געלערנט:

— אַ שעמעוודיקער קאָן קיין תורה נישט לערנען.

הלל האָט זיינע תלמידים דערנענטערט צו זיך, געלערנט זיי און יעדע זאַך זיי דערקלערט מיט גרויס חכמה (כאָכמע).

איינמאָל, ווען הלל איז געגאַנגען זיך באָדן, זאָגט ער צו זיינע תלמידים:

— איך גיי טאָן אַ גרויסע מצוה (מיצווע).

פרעגן אים די תלמידים:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מצוה (מיצווע)?

ענטפערט הלל:

— דער מענטש איז דאָך באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט, איז דאָך דעם מענטשנס גוף אַ געטלאַך בילד, דעריבער איז אַ מצוה (מיצווע) עס אָפּצוהיטן, עס זאָל נישט פאַרשמוצט ווערן. אויב מען היט אָפּ, אַ שטייגער, אין די מוזעאומס די בילדער, וואָס גרויסע מאָלערס האָבן געמאָלט, באַדאַרף מען דאָך דאָס בילד, וואָס גאָט האָט געמאָלט, אודאי און אודאי אָפּהיטן פון שמוץ.

זיין גאַנץ געזונט האָט ער אַריינגעלייגט אינם לערנען מיט די תלמידים. ער פלעגט זיי צוגעבן חשק (כיישעק) און באַגייסטערונג. אָפט פלעגט ער זאָגן:

„קיין עם־הארץ (אַם־האָרעץ) קאָן קיין חסיד (כאָסיד) נישט זיין, און אַ נישט־געלערנטער קאָן נישט זיין פרום!"

הלל'ס תלמידים פלעגן געדענקען זיינע רייד, וואָרום ער האָט שטענדיק געבראַכט משלים (מעשאָלים), כדי מען זאָל אים בעסער פאַרשטיין און געדענקען. אַזוי, ווענן אַ מענטשן, וואָס צאָלט־אָפּ מיט שלעכטס פאַר גוטס, האָט הלל איינמאָל געזאָגט אַזאַ משל:

— יעגער האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ הירש. איז דער הירש אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אונטער אַ ביימל, און די יעגער האָבן אים נישט געקאָנט געפינען. האָט דער הירש דערווייל גענומען עסן די בלעטער פון בוים, וואָס האָט אים פאַרבאָרגן. אָבער אַז דער הירש האָט אָפּגעגעסן די בלעטער, איז ער באַלד אַנטפּלעקט געוואָרן און די יעגער האָבן אים געפאַנגען.

הלל האָט געהאַט זייער אַ גוטן תלמיד, וואָס איז אָבער געווען אַ

בייזער מענטש פון נאַטור, האָט ער אים געוואָלט אָפּגעוואוינען פון דער דאָזיקער מידה (מידע).

פלעגט הלל זאָגן:

— אַ ז ו י ו ו י אַ ש ע מ ע ו ו ד י ק ע ר ק אָ ן ז י ך נ י ש ט א ו י ס ל ע ר נ ע ן, אַ ז ו י ק אָ ן אַ ב י י ז ע ר י ע־נ ע ם נ י ש ט ל ע ר נ ע ן.

צוליב דעם האָט הלל איינמאָל דערציילט זיינע תלמידים אַזאַ משל (מאָשל):

— אַ רויזן־שטרויך איז געוואַקסן נישט ווייט פון אַן עפּל־בוים. איז דער רויזן־שטרויך געווען זייער שטאָלץ, וואָס מענטשן ליבן אים, און האָט איינמאָל אַזוי געזאָגט: „ווער קאָן זיך פאַרגלייכן צו מיר? מיינע בלומען זיינען אי שיין, אי שמעקעדיק".

ענטפערט אים דער עפּל־בוים: „אָבער ווען דו גיסט דעם מענטשן דיינע בלומען, מוזטו אים פריער אַ שטאָך טאָן מיט דיינע דערנער, אָבער איך גיב מיינע פּירות (פּיירעס) אַפילו אַזעלכע מענטשן, וואָס וואַרפן אויף מיר שטיינער".

דער תלמיד האָט פאַרשטאַנען דעם פירוש (פּיירעש) פון הלל'ס ווערטער, און פון דעמאָלט־אָן האָט ער זיך פאַרבעסערט.

איינמאָל איז געקומען אַ גוי צו שמאַי און זיך אָנגערופן:

— איך וויל זיך מגייר־זיין (מעגאַיער זיין), ווערן אַ איד, אָבער מיטן תנאי (טנאַי) דו זאָלסט מיר אויסלערנען די גאַנצע תורה אייערע אַט ווי איך שטיי — אויף איין פוס.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז שמאי (שאַמאַי) בייז געוואָרן און האָט אים ארויסגעטריבן. דעמאָלט איז ער אַוועק צו הלל'ן און האָט אים אויך דאָסזעלבע געזאָגט:

— לערן מיך אוים אייער תורה אויף איין פוס.

האָט הלל געענטפערט:

— גוט, מיין קינד, איך וועל דיר אויסלערנען: ו ו אָ ס ד י ר א י ז נ י ש ט ל י ב, ז אָ ל ס ט ו ד י י ן ח ב ר נ י ש ט ט אָ ן. דאָס איז די גאַנצע תורה אונזערע, דאָס איבעריקע איז נאָר אַ פּירוש (פּיירעש). אַז דו ווילסט — לערן.

הלל האָט אַזוי ליב געהאַט מענטשן, אַז אים האָט זיך גאָרנישט געגלויבט — מענטשן זאָלן קאָנען טאָן שלעכטס איינער דעם אַנדערן און אַז עמיץ פלעגט אים אַמאָל זאָגן — דער און דער האָט מיר שלעכטס געטאָן, פלעגט ער דערויף באַמערקן:

— זאָלסט שטענדיק אויסרעכענען דיין חבר צו גוטן.

***

איינמאָל האָט הלל פאַרבעטן צום מיטאָג אַ שיינעם באַלעבאָס. דאָס ווייב האָט צוגעגרייט גוטע מאכלים, אָבער אַז זי האָט געוואָלט דערלאַנגען צום טיש, איז אַריינגעגאַנגען אין קיך אַן אָרימאַן. האָט זי אויף אים רחמנות געקראָגן און אוועקגעגעבן דעם אָרימאַן דעם גאַנצן מיטאָג.

לאַנג האָט הלל געוואַרט אויפן מיטאָג, ביז דאָס ווייב האָט צו־געגרייט אַן אַנדער מיטאָג און אַריינגעבראַכט. האָט ער זי געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, טאָכטערל, פאַרוואָס האָסטו היינט פאַרשפּעטיקט מיטן מיטאָג?

האָט דאָס ווייב אים דערציילט די סבה, איז הלל'ן ליכטיק געוואָרן פון שמחה דאָס פּנים און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דיך באַלד אויסגערעכנט צום גוטן.

אַמאָל האָט מען הלל'ן דערציילט אויף אַ מענטשן, אַז ער האָט גע'גנב'עט ברויט. האָט ער געהייסן, מען זאָל דעמדאָזיקן מענטשן ניט פאַרשעמען, נאָר מען זאָל בעסער זיך דערוויסן, פון וואַנען דער מענטש לעבט. האָבן הלל'ס תלמידים זיך דערוואוסט, אַז דער מענטש האָט שוין דעם טאָג קיין שטיקל ברויט נישט געהאַט אין שטוב, און זיין ווייב און קינדער גייען־אויס פון הונגער. האָט הלל געהייסן, מען זאָל אים אַלע טאָג אַריינשיקן צום עסן און טרינקען פאַר זיין גאַנץ הויז־געזינט, און דערביי האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע תלמידים:

— געדענקט, איר זאָלט נישט משפּט'ן אייער חבר, וויבאַלד איר געפינט זיך נישט אין זיין לאַגע.

***

הלל איז קיינמאָל נישט געוועזן באַזאָרגט. שטענדיק איז ער גע־וועזן פריילאַך. אַז עס פלעגן זיך מאַכן אין מיטן דער וואָך גוטע פּירות (פּיירעס) אָדער גוט פלייש און זיין ווייב פלעגט דאָס וועלן באַהאַלטן אויף שבת, פלעגט הלל נישט לאָזן. ער פלעגט הייסן באַלד אין מיטן דער וואָך דאָס פאַרברויכן, זאָגנדיק, אַז גאָט וועט אויף שבת נאָך בעסערס צושיקן. פון הלל'ן שטאַמט דאָס טאָקי דאָס ווערטל:

„פאַרן מאָרגן וועט גאָט זאָרגן".

אַלע מענטשן האָבן ליב געהאַט הלל'ן פאַר זיין גרויסקייט אין

תורה, פאַר זיין חכמה און פאַר זיין גוטסקייט. נאָר נאָכמער באַרימט איז הלל געווען פאַר זיין עניוות (אַניוועס) און איינפאַכקייט.

הלל׳ס מילדקייט

אַמאָל האָבן צוויי מענטשן זיך געוועט, אַז דער, וואָס וועט הלל׳ן אַריינברענגען אין כעס, באַקומט פיר הונדערט גילדן. איינער איז באַלד אַוועק צו הלל׳ן אינדערהיים, האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין טיר און אויסגערופן:

— וואו איז דאָ הלל?

הלל האָט זיך גראָד דעמאָלט געצוואָגן לכבוד (לעקאָוועד) שבת. עס איז געווען פרייטיק ביינאַכט. הילט ער זיך איין און גייט יענעם אַרויס אַנטקעגן.

— זון מיינער, וואָס פאַרלאַנגסטו? — פרעגט אים הלל.

— איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגן, — ענטפערט ער.

— זאָג מיר, פאַרוואָס זיינען די אויגן פון די תרמודיאַנער שוואַכע?

— זון מיינער, — ענטפערט אים הלל, — אַ זייער וויכטיקע שאלה (שאַילע) האָסטו געפרעגט. עס איז דערפאַר ווייל זיי וואוינען צווישן זאַמדן, פאַרשיטן זיי זיך די אויגן מיט שטויב.

גייט דער מענטש אַוועק און קומט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער צוריק.

— וואו איז דאָ הלל?

הילט זיך הלל איין און גייט ווידער אַרויס צו אים:

— זון מיינער, וואָס פאַרלאַנגסטו?

— איך האָב ווידער עפּעס צו פרעגן.

— פרעג, מיין זון, פרעג.

— פאַרוואָס זיינען די פיס ביי די אַפריקאַנער ברייטע?

— דאָס איז זייער אַ וויכטיקע שאלה (שאַילע), מיין קינד. עס איז דערפאַר, ווייל זיי וואוינען צווישן זומפּן.

געזען, ווי הלל ענטפערט אַזוי געלאַסן, רופט זיך אָן דער מענטש:

— איך האָב דיר אַ סך זאַכן צו פרעגן, איך האָב אָבער מורא, דו זאָלסט נישט אין כעס ווערן.

זאָגט הלל:

— וואָס דו האָסט פאַר אַ שאלה, מעגסטו פרעגן.

— דו ביזט הלל?

— יאָ, — ענטפערט הלל.

— אויב אזוי, — זאָגט יענער, — זאָלן אַ סך אַזוינע, ווי דו, נישט וואַקסן ביי אידן.

— פאַרוואָס, מיין קינד?

— ווייל איך האָב דורך דיר אָנגעוואָרן גאַנצע פיר הונדערט גילדן, — און ער האָט אים דערציילט זיין געוועט.

— זעסטו, מיין קינד, ביזט נישט גערעכט. עס איז כדאי (קעדאַי) צו פאַרלירן צוויי מאָל צו פיר הונדערט גילדן, און איך זאָל נישט בייז ווערן...

***

ווען הלל האָט געזען, אַז צווישן זיינע תלמידים זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס פאַרשעמען די ערד־אַרבעטער, וועלכע קאָנען נישט קיין תורה, האָט הלל זיי געזאָגט אַ משל:

— די בערג האָבן אַמאָל געזאָגט צו די טאָלן: מיר זיינען הויך, אויף אונז שיינט די זון צום ערשטן, מיר זעען זייער ווייט אַרום זיך, און איר זיינט אַזוי נידעריק. די זון לייכט אייך צום שפּעטסטן, און איר זעט גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אַרום אייך.

אויף דעם האָבן די טאָלן געענטפערט:

— ווען איר זאָלט אונז אַוועקגעבן דעם זאַמד, וואָס איר האָט ביי אונז גענומען אויף צו ווערן בערג, וואָלט איר געוואָרן אַזוי נידעריג, ווי מיר. ווען אייערע ברידער, וועלכע איר זייט מבזה (מעוואַזע), וואָלטן ניט באַאַרבעט די פעלדער, צו שפּייזן אונז מיט ברויט, וואָלטן מיר אַלע אויסגיין פון הונגער, — וואָרום — אויב עס איז נישט אַ קיין מעל, איז אויך קיין תורה (טוירע) נישטאָ.

אַזוי האָט הלל זיך נישט באַנוגנט מיט זיין ענווות (אַניוועס), נאָר אויך געלערנט זיינע תלמידים זיך נישט צו האַלטן גרויס און אָפּגעבן כבוד אַלע מענטשן. די חכמים לערנען אונז טאָקי דעריבער: „שטענדיק זאָל דער מענטש זיין אַן עניו (אַנאָוו), ווי הלל".

די אַלע תלמידים הלל׳ס, וועלכע זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגן, האָבן געהייסן „בית־הלל" (ביים־הילעל).

גרינגער און ניט שווערער

הלל איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געזוכט אַלצדינג גרינגער צו מאַכן, אַ סך שווערע געזעצן פון אמאָל אָפּשאַפן אָדער פאַרלייכטערן.

הלל האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט. גרויסע ענדערונגען קומען פאָר כסדר. אָט איז אַמאָל יהודה געווען אַ לאַנד מיט ווייניק שטעט און אַ סך דערפער. איצט ווערן שטעט מער און מער, ס'אַנטוויקלט זיך און ס'פאַרשפרייט זיך דער האנדל.

די אידן זיינען ניט פאַרבליבן ביים אַקער, אין די דערפער. גרויסע מאַסן פויערים זיינען געקומען אין די שטעט. האַנדל און מלאָכה (מע־לאָכע) האָבן זיך געמערט, די שטעט זיינען זיך צעוואַקסן. אידן האָבן מיט די נייע באַדינגונגען פון לעבן שלום געמאַכט. האָט הלל געוואָלט, אַז אויך די תורה זאָל שלום מאַכן מיטן אידן.

אין האַנדל קען אַפילו דער פרומער ניט זיין שטרענג, אָפּגעהיט, כסדר טראַכטן נאָר וועגן דעם, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט, שטאַרק אָפּזונדערן זיך פון דעם ניט־אידן (אין האַנדל שטייט די וועלט אויף געלט, אפילו ביים פרומען). דער איד קען ניט אַלעמאָל און אומעטום זיין אַנדערש פון אַלעמען. הלל האָט דעריבער געלערנט:

„טייל זיך ניט אָפּ פון כלל (קלאַל). . . . דו זאָלסט ניט קומען קיין נאַקעטער צווישן אַנגעטאַנענע און קיין אָנגעטאָנענער צווישן נאַקעטע. שטיי ניט צווישן די וואָס זיצן, און זיץ ניט צווישן די, וואָס שטייען: זיי ניט קיין לאַכנדיקער צווישן די, וואָס וויינען, און קיין וויינענדיקער צווישן די, וואָס לאַכן".

הלל איז געווען אַ מענטש פון שלום און ניט פון מלחמה. ער האָט זיך פאַר דער גרויסער פרעמדער וועלט ניט געשראָקן. אין פּאָליטישן לעבן פון פאָלק האָט ער זיך, ווייזט אויס, ניט געמישט.

דער שטרענגער שמאי (שאַמאַי)

גאָר אַן אַנדער מענטש ווי הלל איז געווען שמאי: שטרענג, מוטיק און פאַרעקשנט (פאַראַקשנט). זיין שטרענגקייט האָט זיך גענומען דער־פון, וואָס ער האָט געזען די גרויסע געפאַר, וואָס לויערט אויף אידן:

די פרעמדע וועלט, וואָס רייסט זיך אריין אין די אידישע שטעט, דער האַנדל, די פרעמדע מנהגים און פירונגען וואָס אידן ווערן פון זיי פאַרבלענדט. ווער וויים וואָס פון דעם אַלעמען קען ארויסקומען? גוטס? ווער קען וויסן? שלעכטס? דאָס זעט מען אָפן און קלאָר.

אין אַזאַ ביטערער צייט טאָרן זיך ניט די אידן דערנענטערן צו די פעלקער ארום. פאַרקערט, זיי דאַרפן זיך נאָך מער אָפּצאַמען, אָפּזונדערן זיך, וואָרום נאָר אָפּגעזונדערטערהייט קענען זיי זיין פאַראייניקט און שטאַרק.

צו וואָס נייעסן? דאָס לעבן אַמאָל איז געווען גענוג פּרוכטבאַר און קרעפטיק. מיט וואָס איז די וועלט געוואָרן אַנדערש? די נייעסן וועלן בלויז פירן צום אונטערגאַנג.

שמאַי האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין פאָלק. אין זיין שטרענגקייט איז געלעגן ליבשאַפט און איבערגעבנקייט. ער האָט ניט געקענט רוען ווען דער סוף האָט זיך פאַמעלאַך אונטערגערוקט. ער האָט ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן לעבן. ער איז געווען גרייט אויך צו מלחמה.

דער שאָטן פון אונטערגאַנג האָט שמאַין פאַרביטערט און פאַרהאַרטעוועט. די אידישע נאָכגעביקייט האָט אים גערייצט. פאַרוואָס זאָל דער איד וועלן אַלצדינג לייכטער מאַכן? וואָס עס איז ניט שווער געווען פאַר אונזערע עלטערן דאַרף ניט שווער זיין פאַר אונז.

שמאַי איז דורכאויס געווען קעגן אריינגעמען פרעמדע (גרים) אין אידישן פאָלק. פון די גרים האָבן אידן וויניק נחת געשעפּט. איבערהויפּט די גרים, וואָס זיינען דורך צוואַנג באַקערט געוואָרן צום אידנטום.

מעשות וועגן הלל'ן

(שטעל אַוועק דעם צייכן × לעבן יענע מעשות, וואָס דו דענקסט, אַז זיי זיינען דערציילט געוואָרן וועגן הלל'ן)

ווי הלל איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך הערן תורה פון די צוויי אידישע חכמים און ער איז שיר ניט פאַרפרוירן געוואָרן.

———ווי די ברידער האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף.

———ווי ער האָט באפרייט די אידן פון שקלאַפעריי און איז אַליין גע-שטאָרבן אויף אַ וויסטן באַרג.

———ווי אַ געצנדינער איז געקומען און געזאָגט אַז ער וויל וויסן די גאַנצע אידישע תורה פאַר דער צייט וואָס ער וועט שטיין אויף איין פוס.

———ווי ער האָט געקענט אַלע שפּראַכן פון דער וועלט אַפילו פון די פויגלען אין הימל און פון די חיות אין פעלד.

———ווי מען האָט אים קיינמאָל ניט געקענט ארויסברענגען פון געדולד, מאַכן אין כעס.

וואָס פאַר אַ מענשן זיינען געווען הלל און שמאַי?

(שטעל אַ × לעבן די אייגנשאַפטן וואָס כאַראַקטעריזירן יעדן פון די מענשן)

שמאַי איז געווען	הלל איז געווען
———אַ פריינטלאכער מענש	———אַ שטילער מענש
———שטרענג	———באשיידן
———בייז	———קלוג
———שטיל	———שטרענג
———מוטיק	———היציק
———קלוג	———פריינטלאך
———געלערנט	———קאַרג
———אומצופרידן	———בייז
———טאָלעראַנט	———געלערנט

הלל איז געווען — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שמאַי איז געווען — — — — — — — — — — — — — — — — — —

27. די אידן אין די לענדער פון דער צעשפרייטונג

די צעשפרייטונג פון די אידן איבער דער וועלט איז כסדר געוואקסן. עס פלעגן אויסוואנדערן פון לאנד אלערליי מענטשן: פויערים, וואס האבן פארלארן זייער שטיקל ערד און האבן זיך געלאזט אין דער פרעמד זוכן גליק; ארימע באלמעלאכעס, וואס האבן אינדערהיים קיין ארבעט ניט געקענט געפינען; הענדלער, וואס האבן זיך געלאזט אין די ווייטע לענדער צוליב האנדל און געשעפט.

פון צייט צו צייט פלעגט אויך טרעפן, אז אידן פלעגן אוועקגעפירט ווערן פון דער היים מיט גוואלד. די רוימער האבן אפטמאל הונדער־טער אידן פארקויפט פאר שקלאפן. דאס זיינען געווען ארימעלייט וואס האבן ניט געקענט באצאלן זייער צינז צו די רוימער, אדער מענטשן, וואס האבן זיך בכלל פארזינדיקט קעגן רוים. די שולדיקע פלעגט מען פאר־קויפן אין דער פרעמד און זייער ארימן פארמעגן צונעמען.

די אידישע שקלאפן האבן זיך אבער פאר די רייכע רוימער ווייניק וואס אויסגעטויגט. די אידן זיינען געווען ווידערשפעניק, פלעגן ניט פאלגן, פלעגן אום שבת ניט וועלן ארבעטן. די רוימער האבן פון זיי דעריבער געהאט זייער ווייניק נוצן און זיינען גאר געווען צופרידן פון די אידן פטור (פאטער) צו ווערן.

די געפאנגענע פלעגן קריגן די געלעגנהייט זיך אויסצוקויפן פון שקלאפעריי, אדער מען פלעגט זיי סתם (סטאם) באפרייען.

די באפרייטע שקלאפן פלעגן זיך נעמען צו מלאכה (מעלאכע) אדער צום סאמע ארימסטן האנדל, ארומשלעפן זיך מיטן פאק, פארקויפן, וואס סע מאכט זיך.

זיי פלעגן זיך שוין אהיים מער קיינמאל ניט אומקערן, נאר בלייבן אויף אלעמאל אין דער פרעמד. (בלויז די רייכערע אידן פלעגן אין צייט פון די גרויסע יום־טובים אמאל עולי־רגל (אוילע רעגל) זיין קיין ארץ ישראל.)

די צאָל אידן אין ארץ־ישראל און אין דער צעשפּרייטונג

ביסלאַכוויז, ביסלאַכוויז זיינען אידן אַלץ מער געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט.

אין ארץ־ישראל האָבן אין יענער צייט געלעבט ניט מער פון אַ מי־ליאָן ביז צוויי מיליאָן אידן, אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג האָבן אָבער געלעבט פון פיר ביז פינף מיליאָן אידן.

די גרויסע צאָל אידן אין דער צעשפּרייטונג האָט זיך גענומען ניט בלויז פון דעם, וואָס אַ סך אידן פלעגן אויסוואַנדערן פון׳ם קליינעם ארץ־ישראל, נאָר אויך פון דעם, וואָס זייער פיל ניט־אידן פלעגן ווערן גרים (גיירים), ד. ה. צושטיין צום אידן פאָלק.

די גרים פלעגן ניט ווערן קיין פולע אידן מיט אַמאָל, נאָר ביסלאַכ־וויז. אַפּהיטן אלע אידישע מנהגים איז זיי פון אָנהייב געווען שווער. זיי פלעגן דעריבער אָנהייבן פון אַפּהיטן שבת, עסן נאָר כשר א. ד. גל. ערשט זייערע קינדער און קינדס־קינדער פלעגן זיך פולשטענדיק אויס־מישן מיט די אידן פון ארץ־ישראל.

די גרים האָבן אַ סך פאַרגרעסערט די צאָל אידן אין דער פרעמד.

אידן און ניט־אידן

אידן האָבן צוגעקראָגן אַ סך נייע אָנהענגער צווישן דער פרעמדער באַפעלקערונג; פונדעסטוועגן האָט מען אידן ניט שטאַרק ליב געהאַט. דאָס וואָס עס האָט אַנדערע צוגעצויגן האָט אויך פיל אָפּגע־שטויסן.

עס האָט זיך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן די אידישע אַנדערש־קייט: אידן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע פעלקער, ניט געגעסן די זעלביקע מאכלים (מייכאָלים), אָפּגעהיט שבת, ניט געאַרבעט דעם טאָג און בכלל אויפגעפירט זיך טשיקאַווע.

אידן זיינען זיך אויך ניט געגאַנגען לאָדן אין רוימישן געריכט, זיי האָבן פאַרמאָגט זייער אייגן געריכט־הויז (בית־דין), זייערע אייגענע גע־זעצן און מנהגים.

פאַר דער היימישער באַפעלקערונג איז אויך געווען אַ וואונדער וואָס אידן האָבן זיך געהאלטן אלעמאָל צוזאַמען און זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט: געזאָרגט וועגן אייגענע קראַנקע, אָרימע, אויסגעקויפט אי־דישע שקלאַפן. די ניט־אידן איז דאָס א סך מאָל געפעלן געוואָרן, אָבער אַן אַנדערש מאָל אויך אַ היבש ביסל אָפּגעשראָקן.

דער כח פון דער צעשפּרייטונג

די צעשפּרייטונג פון די אידן איבער דער גרויסער רוימישער וועלט האָט געפירט דערצו, אַז מען זאָל זיך מיט זיי שטאַרק נעמען רעכענען. די רוימער האָט ניט געלוינט צופיל צו באַדריקן אַ פאָלק וואָס איז צע־שפּרייט איבער אַלע ווינקעלאַך פון דער אימפּעריע. אידן האָבן גע־קענט אָנמאַכן גענוג צרות, אויב מען וואָלט זיי שטאַרק געקריוודעט.

די גרויסע צעשפּרייטונג פון די אידן, האָט אויך געפירט דערצו, אַז דער ה אַ נ ד ל ביי אידן זאָל זיך שטאַרק פאַרמערן.

וואו נאָר אַ איד איז געקומען האָט ער געהאַט אַ טיר וואו אָנצו־קלאַפּן, האָט געקענט געפינען מענטשן, וואָס זאָלן אים פאַרשטיין, זיין גרייט צו העלפן — אידן האָבן געהאַט פאַרבינדונגען אין דער גאַנצער אַלטער וועלט.

פרנסות (פּאַרנאָסעס)

די פרנסות פון די אידן אין דער צעשפּרייטונג זיינען געווען פאַר־שידנאַרטיקע. האַנדל איז געווען אַ פאַרשפּרייטע אָבער ניט די איינציקע אידישע פרנסה (פּאַרנאָסע).

אידן האָבן זיך פאַרנומען מיט די אייגענע פרנסות (פּאַרנאָסעס), ווי די גרויסע ניט־אידישע באַפעלקערונג. עס זיינען געווען אידישע באַל־מעלאָכעס און אַפילו אידישע ערד־אַרבעטער און וויין־פלאַנצער.

אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג האָט מען אידן ניט געשטערט צו פאַרנעמען זיך מיט קיין שום מלאכה. די רוימער האָבן גאָרניט געהאַט קעגן יענע אידן, וואָס האָבן געלעבט פרידלאַך און זיינען געווען געטריי רוים און איר פירונג.

פונדעסטוועגן האָט אין די גרויסע שטעט ניט געפעלט קיין אידן־פיינטשאַפט, למשל, אין אַלעקסאַנדריע. די אָנפאַלער זיינען געווען די עגיפּטישע הענדלער מיט וועמען די אידן האָבן קאָנקורירט.

אומרוען זיינען אויך פאָרגעקומען אין די שטעט פון קליין־אַזיע, למשל, אין אַנטיאָכיע, וואו ס׳האָט געלעבט אַ געמישטע באַפעלקערונג פון סיריער, גריכן און אידן.

אַ רוף צו דער וועלט

פון אָנהייב האָבן זיך די אידן געפילט פרעמד אין די נייע לענדער, אָבער מיט דער צייט איז אַ סך פון זיי אַוועק גאַרניט שלעכט. טייל אידן זיינען אַפילו רייך געוואָרן, אָבער כמעט אַלעמען איז אין דער פרעמד געגאַנגען פיל בעסער ווי אין דער אַמאָליקער היים.

יאָרן זיינען אַוועק. אידן האָבן זיך גענומען איינבירגערן אין זייערע נייע ערטער. זיי זיינען געוואָרן מוטיקער, ניט געפילט זיך מער ווי פרעמדע. פאַרקערט, אידן האָבן זיך גאָר גענומען ווענדן צו דער גרויסער וועלט, מוסרן (מוסערן) זי און שטראָפן.

די אַלטע וועלט איז געווען צעפוילט, פול מיט אומרעכט און פאַלשקייט: רייכע און אָרימע, האַרן און שקלאַפן, הערשער־פעלקער און אונטערדריקטע פעלקער, — די וועלט איז פול געווען מיט אומצופרידנקייט, מיט אומצוטרוי, מיט פיינטשאַפט. דער אידישער רוף איז ניט געפאַלן אויף טויבע אויערן.

צו צוויי־דריי מענטשן איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן דער רוף: צו די ניט־אידן וועלכע האָבן זיך גענומען מיאש (מעיאַעש) זיין אין זייערע אַלטע גלויבנס און צו די אידן, וואָס זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן פון אידישן לעבן.

אין אַזעלכע שטעט ווי אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן) אָדער אַנטיוכיע (סיריע) האָבן געלעבט אַ סך אידן. לעבנדיק כסדר צוזאַמען מיט גריכישע און רוימישע הענדלער זיינען זיי שטאַרק דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זייער אייגן פאָלק. זייער שפּראַך איז שוין לאַנג ניט געווען העברעאיש, אָבער אַפילו אַראַמיש, וואָס דאָס איז געווען די אומגאַנגס־שפּראַך פון די אידן אין ארץ־ישראל, איז זיי געווען פרעמד. נאָך אַ שעדלאַכערע ווירקונג האָט די פרעמדע וועלט געהאַט אויף זייער לעבנסקוק, אויף זייער אָפּשאַצונג פון לעבן. זיי זיינען געוואָרן רוימער אָדער גריכן אין גייסט, ניט בלויז אין שפּראַך. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט דער באַציאונג, וואָס עס האָט צום לעבן אַ הערשער־פאָלק.

די אַלטע טרוימען פון שלום און גערעכטיקייט האָבן פאַר זיי געקלונגען אינגאַנצן פרעמד. „וואָס יושר, וועון שלום? לעב אַ טאָג, געניס פון לעבן, היינט ביסטו פאַראַן און מאָרגן ביסטו ניטאָ. ווען מען דאַרפסטו פאַרזאָרגן? נאָכן טויט איז אַלצדינג סיי ווי פאַרלאָרן.” אַזאַ קוק האָבן זיי געהאַט אויפן לעבן.

אַז צו די אַסימילירטע אידן פלעגן זיך ווענדן אידישע געלערנטע און דענקער מיט פּאַמפלעטן און אויפרופן.

איינער וואָס האָט מסתמא געלעבט אין ערשטן יאָרהונדערט פּ. ק. גיט אַזוי איבער די געדאַנקען און שטימונגען פון די אַסימילירטע אידן:

„קורץ און טרויעריק איז דאָס לעבן, קעגן טויט איז קיין רפואה (רעפוּע) ניטאָ. . . אַ צופאַל איז דאָס וואָס מיר זיינען באַשאַפן געוואָרן, און שפּעטער וועלן מיר פאַרשווינדן ווי קיינמאָל ניט געווען. דער פונק וועט אויסגעלאָשן ווערן, פון קערפּער וועט ווערן אַש און די נשמה (נע־שאָמע) וועט ווי דינע לופט אויסגעהויכט ווערן. אונזער נאָמען וועט מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן און קיינער וועט מער נישט דערמאָנען אונזערע מעשים (מייסים)... דעריבער לאָמיר הנאה (האַנאָע) האָבן פון די ברכות (בראָכעס) פון היינט, לאָמיר געניסן פון דער וועלט, ווי אין די יוגנט־טעג, לאָמיר זיך אָנטרינקען מיט טייערן ווייַן און שמירן זיך מיט טייערן אויל, און זאָל קיין איין פרילינגס־בלום פאַר אונז ניט פאַרלוירן גיין, לאָמיר זיך באַצירן מיט רויזן, איידער זיי וועלן פאַרוועלקט ווערן... לאָמיר דריקן דעם אָרימאַן, דעם גערעכטיקן, לאָמיר ניט שוינען קיין אלמנות (אַלמאָנעס) און ניט נתפעל (ניספּאָעל) ווערן פאַר די גרויע האָר פון אַ זקן (זאָקן). אונזער קראַפט איז די מאָס פון אונזער יושר (יוישער), ווייל אַלץ, וואָס עס איז שוואַך, איז גאָרנישט ווערט.״

די אידן אין ארץ ישראל און די אידן אין עגיפּטן

(לעבן יענע ענטפערס, וואָס דו דענקסט, אַז זיי זיינען ריכטיק, שטעל אַוועק דעם צייכן ×)

———די עגיפּטישע אידן האָבן געלעבט אַנדערש ווי די אידן אין ארץ ישראל.

———עס איז גאָר קיין אונטערשייד ניט געווען צווישן די אידן אין ארץ ישראל און די אידן אין עגיפּטן.

———אין ארץ ישראל זיינען די מערסטע אידן געווען פּויערים און גע־לעבט אין דערפער.

———אין עגיפּטן האָבן די אידן געלעבט אין די שטעט און זיך פאַרנומען מיט האַנדל און מלאכה.

———די עגיפּטישע אידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען אין שטעט.

ש פ ר אַ כ ן

(אַנשטאָט די שטריכן שטעלט אריין די ווערטער:
עגיפטן, ארץ־ישראל, העברעאיש, אַראַמייאיש,
גריכיש, סעפּטואַגינטע)

1. די אידן פון——————האָבן איבערגענומען די שפּראַך פון זייערע ניט־אידישע שכנים און אָנגעהויבן ריידן גריכיש. מיט דער צייט האָבן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן——————. עס איז צוליב דעם אינגיכן נויטיק געוואָרן צו איבערזעצן דעם תנ״ך. די איבערזעצונג הייסט——————

2. אין——————האָבן אידן גערעדט העברעאיש, אָבער אין אַל־טעגלאכן לעבן האָבן זיי גענומען באנוצן——————

די אידן אין עגיפּטן

(די באַציאונגען צווישן די אידן און ניט־אידן)

שטעלט אויס די זאַצן פון לינקס אין אַ ריכטיקער אָרדנונג.

א. ווען די אידן זיינען געווען קליין אין צאָל

ב. ווען די אידן האָבן זיך אָבער פאַרמערט, זיינען רייך געוואָרן

ג. די גריכישע הענדלער

ד. די עגיפּטער האָבן

ה. אידן האָבן

1. האָט מען זיי פאַרפאָלגט, פיינט געקראָגן.

2. האָט מען זיי צורו געלאָזט און ניט פאַרפאָלגט.

3. (האָבן) געזען אין די אידן קאָנ־קורענטן.

4. ניט געשוויגן און אָפּגעענט־פערט מיט ביכער און פאַמ־פלעטן.

5. באשולדיקט די (אידן, גריכן) אַז זיי זיינען ניט געטריי דעם לאַנד, האַלטן זיך אָפּגעזונדערט און פירן זיך לויט זייערע איי־גענע געזעצן.

28. אין פּיין

נאָכדעם ווי די רוימער זיינען אַריין אין לאַנד זיינען שוין אידן מער ניט געווען קיין זעלבסטשטענדיק פאָלק. יהודה האָט זיך געפו־נען אונטער דער הערשאַפט פון רוים און אין ירושלים איז געזעסן אַ רוימישער פאַרטרעטער.

איינער פון די ערגסטע פּראָקוראַטאָרן איז געווען פּאָנטיוס פּילאַטוס. צען יאָר האָט ער געהערשט אין יהודה, — צען בלוטיקע יאָר.

פּילאַטוס איז געווען אַ גרויזאַמער מענטש. מיט אַן אײַזערנער האַנט האָט ער רעגירט דאָס לאַנד, געריסן צינזן, אונטערדריקט אַלע אומצופרידענע אין יהודה. אידן האָבן זיך אָפטמאָל געזעגנט מיטן קי־שעלע אונטערן קאָפּ, מיטן לעצטן ביסן ברויט. דער פּראָקורטאָר האָט געפאָדערט זיין צינז און עס האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות ומענות (טײַנעס אומיינעס).

מענטשן זיינען ניט זיכער געווען מיט זייער לעבן. אפילו אַלטע לייט זיינען ניט געשווינט געוואָרן. די וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן רוים האָט מען איינגעשפּאַרט אין געפענגענישן. אידן האָבן געקרעכצט אונטער דעם שווערן יאָך.

ס׳איז געווען שלעכט און ווי אַ סך מאָל אין צייטן פון אומגליק האָט זיך דאָס פאָלק געטרייסט מיט אומקלאָרע האָפנונגען פון אַ גליק־לאַכער צוקונפט.

מעשות און נביאות (נעוויעס), וואָס זיינען אומגעגאַנגען פון די עלטסטע צייטן, זיינען צוריק אויפגעלעבט געוואָרן.

אַלטע לייט האָבן געמורמלט: „ס׳מאַכט ניט אויס וואָס ס׳איז שלעכט, ביטער. דאָס גופא, איז שוין אַ סימן פון גוטס. עס וועט נאָך ווערן ערגער און ערשט דעמאָלט וועט קומען משיח (מאָשיאַך), דער דערלייזער, דער באַפרייער."

„ניט מיטן שווערד וועט ער קומען, נאָר מיט ליבשאַפט. ווער וועט וואַגן זיך אַנטקעגנצושטעלן זיין וואונדערלאַכער קראַפט? ער וועט באַפרייען די אידן פון דער פינסטערער רוימישער הערשאַפט, אָרים־קייט און נויט וועלן פאַרשווינדן, צום האַס צווישן פעלקער וועט נעמען אַ סוף, אַפילו צווישן די ווילדע חיות וועלן אויפהערן קריגערייען. אייביקער שלום וועט הערשן און אייביקע ליבשאַפט."

מיט שיינע טרוימען האָט דאָס פאָלק געשטילט זיינע ליידן, און גע־האָפט באַפרייט צו ווערן פון שווערן יאָך.

פּאַרטייען.

אין צייטן פון אומגליק איינינקן זיך מענטשן זייער שווער ווי אַזוי פּטור (פּאַטער) צו ווערן פון דער צרה. אין יאָרן, ווען אַ פאָלק לעבט זיך שלעכט, זיינען פאַראַן אַ סך פּאַרטייען.

אין יהודה האָבן די פּאַרטייען ביטער געקעמפט צווישן זיך.

די צדוקים — די אריסטאָקראַטישע אידן זיינען געווען אָנהענגער פון רוים. זיי האָט די רוימישע הערשאַפט ניט געאַרט, פאַרקערט, רוים האָט געעפנט גרויסע מעגלאַכקייטן פאַר האַנדל—זיינען זיי געווען צופרידן.

די פּרושים — די פּויערים, באַלמעלאָכעס און סופרים האָבן פיל געליטן און זיינען אויסגעשטאַנען גרויסע צרות פון די פרעמדע הערשער.

די אסיים — זיי זיינען ניט געווען קיין פּאַרטיי. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אינגאַנצן ניט געמישט אין פּאָליטיק. זיי האָבן ליבערשט געזוכט פירן אַ ריין לעבן פון שיינע מידות און גוטע מעשים.

צווישן זיך האָבן די אסיים געלעבט אויף אַ קאָמוניסטישן שטייגער. געטיילט זיך מיט זייער פאַרמעגן, געהאַט בשותפותע (בעשוטפוסע) מאָלצייטן.

געהאַנדלט האָבן זיי ניט. די אסיים האָבן געלעבט בלויז פון שווערער, ערלאַכער אַרבעט. אין די שטעט פלעגט מען זיי וויניק וואָס זען, ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט דעם טומל און די אויסגעלאַסנקייט פון שטאָטישן לעבן, די רייסערייען און דעם קריג.

יוחנן (יויכאָנאָן) דער טויפער.

איינער פון די פירער ביי די אסיים איז געווען דער אַלטער יוחנן, אַ פרומער, שטרענגער איד, מיט שאַרפע ברענענדיקע בליקן. ער האָט מער געפאַסט ווי געגעסן. תמיד געפייניקט זיך.

יוחנן מיט זיינע תלמידים פלעגן זיך אָפט טויפן אין וואַסער, דעריבער האָט מען אים גערופן: „יוחנן דער טויפער”.

„שלאַנגען-קינדער”, — פלעגט יוחנן ניט אויפהערן צו שרייען צו זיינע תלמידים און צו אַלע מענטשן וואָס ער פלעגט אָנטרעפן, — „דער שרעקלאַכער טאָג פון משפט (מישפּעט) קומט אָן, די דערלייזונג איז נאָענט, מיט וואָס וועט איר קומען צום יום-הדין (יוים-האַדין)?

פייניקן זיך, אָנטאָן זיך יסורים — דאָס איז געווען זיין תרופה (טרופע) קעגן שלעכטס. אים האָט זיך געדוכט, אז אַ מענטש, וואָס ליידט, ווערט גייסטיק דערהויבן, ווערט בעסער, איידעלער.

מיט פעך און שוועבל האָט יוחנן געפּריידיקט זיין תורה.

29. ישו פון נוצרת (נויצערעס)

צווישן די אָנהענגער, די תּלמידים פון יוחנן (יוכאַנאָן) דעם טויפער, וואָס פלעגן זיך מיט אים אַרומוואָגלען, האָט זיך אויך געפונען אַ יונגערמאַן פון גליל (גאַליל) — ישו פון׳ם קליינעם פישער דערפל נוצרת (נויצערעס). אַ שטילער מענש. ווי אַ שאָטן פלעגט ער נאָכבלאָנקען דעם רבין. געפאַסט, געפייניקט זיך און געלעבט מיט פרומע תּפילות (טפילעס) פון פאַרגעבונג אויף זיינע ליפּן.

זיין טאַטע איז געווען אַ פּראָסטער איד, אַ באַלמעלאָכע, אַ סטאָליער. דער עלטערער ברודער האָט געאַרבעט מיטן טאַטן אין וואַרשטאַט. אויך דער אינגערער ישו האָט געקענט האַלטן אַ זעג און אַ הובל אין האַנט.

אינגלוויז האָט ישו געלערנט, ווי אַלע אידישע אינגלאַך, די אַלטע הייליקע ספרים (ספאָרים), אָבער ניט לאַנג. זייער פרי האָט אים גענומען ציען אין דער פרעמד; ער איז אַוועק פון דער היים און אויפגעטראָפן זיך מיט די אסיים.

אין זיינע אינגלשע יאָרן האָט זיך ישו גענוג אָנגעליטן און נאָך מער אָנגעהערט זיך אַלערליי מעשות סיי וועגן הורדוסן און זיינע פאַרפאַלגונגען, סיי וועגן די רוימער. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס נוצרת (נויצערעס) איז ווייט פון ירושלים, אַפילו אין גליל האָבן די שרעקלאַכע געשיכטעס דערגרייכט.

פאַרגאַפּט פלעגט ישו הערן די וואונדערלאַכע מעשות וועגן דעם דערלייזער, דעם משיח (מאָשיאַך) וואָס דאַרף אויפציטערן די וועלט און באַפרייען זי פון גרויל און שלעכטס. שפּעטער, צווישן די אסיים און בכלל צווישן די אָרימע האָט ער אומעטום געפילט דעם כּח פון וואונדערלאַכן גלויבן. צוערשט איז ישו נאָכגעגאַנגען יוחנן דעם טויפער, ווי אַ תּלמיד גייט נאָך אַ רבין, שפּעטער, ווען די רוימער האָבן יוחנן׳ען געטויט, איז ישו אַוועק און געגרינדעט אַן אייגענע סעקטע, פאַרוואָרפן דאָס איבעריקע פייניקן זיך, די אומזיסטע לייד און שרעק.

זיינע אָנהענגער זיינען געוואַקסן אין צאָל, דער אַמאָליקער סטאָליער פון גליל (גאַליל) האָט בעסער געקאָנט דאָס געמיט פון פּראָסטן פאָלק, פישערלייט, באַלמעלאָכעס. ער האָט אויך ניט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר פאַרוואָרלאָזטע פרויען.

די ערשטע טריט.

אין זיין אייגענעם שטעטל, אין נוצרת, האָט ישו קיין פאַרשטענדעניש ניט געפונען. עלטערע מענטשן, אידן לומדים (לאָמדים), האָבן גע־שמייכלט און צוהערנדיק זיך צו די דרשות (דראָשעס) פונ׳ם יונגן ישו, אין שפּאָס געפרעגט: „פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַלץ צו דעם סטאָ־ליערס זון?״

אומצוטרוי האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעמענס אויגן. „וואָס איז פּלוצ־לונג מיטן יונג געשען?״ האָט זיך נוצרת געוואונדערט.

ישו האָט זיין שטעטעלע פאַרלאָזן, ניט געווען פאַרביטערט; דאָך האָט ער אומעטיק געקלערט: אַפנים, מען קען ניט זיין קיין נביא אין אייגענעם פאָטערלאַנד״... א נביא? ישו האָט זיך פאַר קיין נביא ניט געהאַלטן; ניט קיין נביא, נאָר פשוט — אַ רבי; דאָך האָט ער נוצרת פאַרלאָזן און גענומען אַ וואַנדערשטעקן אין האַנט.

ער האָט זיך געטרייסט: נוצרת איז נאָך אַלעמען ניט די גאַנצע וועלט און גליל איז געגוג גרויס, פול מיט פויערישע ישובים, אידן פּי־שערלייט, פּראָסטע מענטשן, לעבן אין שווערער מי; זיי גאַרן אָבער נאָך אַ דערקוויקנדיק וואָרט.

ישוס רבי, יוחנן דער טויפער, האָט געברענט, געשאָטן פעך און שוועבל — ניט אַזוי איז געווען דער יונגער רבי. יוחנן האָט גע׳דרשנ׳ט (געדאַרשנט): „די האַק ליגט שוין ביים וואָרצל פון בוים, און יעדער בוים, וואָס ברענגט ניט קיין גוטע פרוכטן, וועט אָפּגעהאַקט ווערן און אַריינגעוואָרפן ווערן אין פייער״.

ישו האָט גערעדט מיט מער מילדקייט, מער אויפן שטייגער פון די אַלטע חכמים, וואָס זייערע ווערטער האָט ער גוט פאַרנומען: „זיי צווישן די אונטערדריקטע און ניט צווישן די אונטעדריקער, צווישן די באַ־ליידיקטע, וואָס דערווידערן ניט, צווישן די, וואָס טוען גוטס אוים ליבע און וואָס טראָגן מיט פרייד אַריבער יסורים״.

צו די אונטערדריקטע איז אַצינד ישו געגאַנגען און זיי ניט גע־מוסרט פאַר זייער קנאַפער פרומקייט, — פאַר די קליינע עברות (אַווויי־רעס) צו וועלכע דאָס שווערע לעבן האָט די גלילער פויערים געבראַכט. ישו האָט זיי ניט געשטראָפט, פאַרקערט, ער האָט זיי גאָר פאַרענטפערט. דער פויער היט ניט אַקוראַט אָפּ שבת, וואָס איז דער אומגליק? „דער שבת איז דאָך פאַרן מענטשן און ניט דער מענש פאַרן שבת״. און אויב דער פויער איז אפילו ניט אָפּגעהיט אין אַלע דינים פון כשר און טריף איז אויך קיין בייז ניט. „ניט דאָס וואָס עס גייט אריין אין מויל מאכט אומריין דעם מענטשן, נאָר דאָס וואָס עס גייט אַרויס פון די לעפצן: „בייזע מחשבות (מאַכשאָוועס), ליגן און לעסטערונג״.

ניט דער דערשלאָגענער פויער איז זינדיק, נאָר דער גביר (גוויר), דער געלט-מענש, דער אונטערדריקער. רייכקייט אַליין איז שוין א

סימן פון בייז; ישו האָט עס, פאַר זיין צייט, זייער שאַרף אויסגע־דריקט: — „עס איז גרינגער, אַז אַ קעמל זאָל דורכגיין דורכן לעכל פון אַ נאָדל, איידער א גביר (גוויר) זאָל אַריינקומען אינם קעניגרייך פון הימל".

ישו האָט געדרשנט (גערדאַרשנט) און הייפלאַך פישערלייט און פויע־רים, ווייבער און קינדער פלעגן שטיין און וואונדערן זיך און גאַפן: „ווי מאָדנע, ער מוסרט דאָך ניט די עמי־הארצים (אַמהאַאַרצים), נאָר די פּרושים, די וואוילגעלערנטע".

ישו איז אָבער ניט געקומען סתם צו וועקן אומגלויבן; ער איז אַרויסגעטראָטן ניט קעגן די באמת גלויביקע, נאָר קעגן יענע פרומאַקעס, וואָס האָבן געזוכט פרומקייט אין אויסערלאַכע צערעמאָניעס, אין מנהגים. און וואָס זיינען מנהגים? מנהגים קומען אויף און מנהגים שטאַרבן אָפּ — ניט זיי זיינען דער עיקר.

דער עיקר זיינען מעשים־טובים (מייסים־טויווים) און ניט דער מעשר (מייסער), דער צינז צום כהן.

„וואוילגעבענטשט, האָט ישו געדרשנט (גערדאַרשנט), זיינען די אָ ר י מ ע, די באַשיידענע... זיי וועלן ירשנען (יאַרשענען) די ערד... וואוילגעבענטשט זיינען די וואָס זוכן שלום... די ו ו אָ ס ו ו ע ר ן פ אַ ר פ אָ ל ג ט פ אַ ר ן א מ ת . . ."

דער שטילער ישו איז פלוצלונג געוואָרן א קעמפער. ער האָט קיינעם ניט געשוינט. ער האָט ניט געשוינט די פּרושים און ער האָט ניט געשוינט די קנאים, ד. ה. באמת אויף פּרושים נאָר מיט ברויזנדיקערע געמיטער, מענטשן וואָס האָבן זיך געגרייט צו א פאַרצווייפלטן שטרייט און געגלויבט מיטן שווערד צו באַפרייען יהודה פון רוימס נעגל.

ישו האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צום קאַמף מיטן שווערד. איז נאָר דער פרעמדער שונא שולדיק אינם אומרעכט וואָס הערשט אויף דער וועלט? ווען ניט די הערשאַפט פון רוים, וואָלט דער גערעכטיקער ניט געטראָטן געוואָרן מיט די פיס און אַן אָרימאַן וואָלט ניט פאַר־קויפט געוואָרן פאַר אַ פּאָר שיך? ניין! מלחמה, פיינטשאַפט, האַס וועט אונז ניט ראַטעווען!

די פרומע פויערים און פישערלייט פלעגן שטיין דערשטוינט, פאַר־וואונדערט און אָן לשון. נאָר ווען ביי איינעם פלעגט זיך אַרויסכאַפּן אַ וואָרט און ער פלעגט פרעגן: „רבי, טאָ וואָס טוט מען?" פלעגט אים ישו אָפּענטפערן.

„שטעל זיך ניט אַנטקעגן, אויב עמיץ טוט דיר שלעכטס... אויב עמיץ וועט דיר געבן אַ פּאַטש אין דער רעכטער באַק, שטעל אים אונ־טער די לינקע"...

און צו אַלעמען פלעגט ער זאָגן: האָט ליב אייערע פיינט, בענטשט, די וואָס שעלטן אייך... טוט גוטס, די וואָס האָסן אייך...

מאָדנע ווערטער... נאָר ביי ישו׳ן אין מויל האָבן זיי באַטייט: נאָר נייע מענטשן וועלן באַשאַפן אַ נייע וועלט.

דער טרוימער פון גליל האָט געוואָלט איבערבויען די וועלט דורך באַנייען די נשמות פון די מענטשן, אָבער איז דאָס מעגלאַך?

יאָרן פון וואַנדערונג.

יאָרן האָט ישו פאַרבראַכט וואַנדערנדיק און פריידיקנדיק. עס פלעגן צו אים קומען צעבראָכענע, אומגליקלאַכע, פאַרשטויסענע פון לעבן. זייער פיל פלעגן קומען קראַנקע, קרומע, לאָמע, הינקענדיקע, בלינדע און שטומע. זיי פלעגן קומען צום שטילן ישו און אַוועקגיין מיט אַ היילונג, געהאָלפענע.

ניט זעלטן פלעגן בלינדע (ווי וואונדערלאַך דאָס זאָל ניט קלינגען אין אונזער ניכטערער צייט) צוריק דערזען די ליכטיקע וועלט, קרומע פלעגן אויסגעגליכן ווערן און מענשן, וואָס האָבן זיך יאָרן לאַנג פון אָרט ניט גערקענט רירן, פלעגן נעמען גיין.

וואו איז געלעגן זיין כח (קויאַך)?

איז ער געווען אַ שווינדלער אָדער האָט ער מיט „כשוף” (קישעף) געהיילט? ניין! די שטומע און לאָמע, הינקענדיקע און בלינדע זיינען מערסטנס שטום און לאָם און הינקעדיק געוואָרן פון ש ר ע ק און גרויל. דאָס זיינען געווען ג ײ ס ט י ק ק ר אַ נ ק ע, מענשן פול מיט שרעק און איינגערעדטע קרענק.

אין צייט פון אומגליק, פון טעראָר, מערן זיך אַזעלכע קראַנקהייטן: ביי מענשן ווערט דאָס לשון אָפּגענומען פון שרעק, אַ האַנט ווערט אָפּגעשטאָרבן פון גרויל. זייער גלויבן אין היילקן לערער האָט די אָרימע געהאָלפן. זיין ליבשאַפט, זיין קראַפט פון גלויבן האָט בייגעקומען זייערע שוואַכקייטן.

די קראַנקע זיינען געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, פון דאָרף צו דאָרף און דערציילט די מעשות פון וואונדערלאַכן ישו, וואָס איז אַ היילער און אַ גליקברענגער.

פיל מאָל פלעגט די אומגליקלאַכע באַפאַלן אַ מחשבה (מאַכשאָווע), וואָס בלויז געציילטע האָבן געוואַגט אַרויסריידן פון מויל — „איז ער ניט דער משיח (מאָשיאַך)? ווער ווייס? משיח דאַרף קומען אין מיטן פון געוויין און קלאָג, אין מיטן פון עלנט און פיין, פאַרשטעלט... ער וועט היילן קראַנקע, שטומע וועלן רעדעוודיק ווערן, בלינדע וועלן נעמען זען

— אָבער דער הייליקער פון נוצרת, ער היילט דאָך קראַנקע, זיין וואָרט איז ווי בוימל אויף די וואונדן, נאָר ער וויל זיך אפשר ניט אַנטפּלעקן, ער וויל זיך ניט נתגלה (ניסגאַלע) זיין פאַר דער צייט, ער באַהאַלט זיך אוים — נאָר צו וואָס צווייפלען? ער איז משיח, דער דערלייזער!"

קראַנקע האָבן געמורמלט און אין אומרו געוואַרט אויף די שרעקלאַכע און גרויסע טעג.

ווערטער, ווערטער . . .

מח (מויאַך)	גאולה (געולע) . . . .
מחשבות (מאַכשאָוועס) . . .	רגע (רעגע) . . . .
משיח (מאָשיאַך)	
שלוחים (שלוחים) . . .	טענה'ט (טײנעט) . . . .

די אַנטפּלעקונג פון אַ משיח.

צו ישו'ן זיינען דערגאַנגען די קלאַנגען, די אָפטע גערײדערייען; זיי האָבן אים אויפגעטרייסלט פון זיין רו. זיין מח זיינען באַפאַלן אוימטערלישע מחשבות (מאַכשאָוועס). ער האָט געוואַוסט די נויט פון זיינע ברידער, פון זיין פאָלק. אים האָט ניט געוואונדערט דער געמורמל.

איז ער טאָקע דער דערלייזער? סאיז דאָך אמת, אַז משיח וועט היילן די קראַנקע. ס'איז אמת אויך, אז ער, ישו טוט וואונדער און ברענגט היילונג. אַנדערע טוען עס ניט, נאָר ע ר, מיט זיין גוטסקייט און ליבע.

די פרומע אידן, די פּרושים, האָט עס געקרענקט, זיי האָבן אויסגעשפּאָט דעם וואַנדערנדיקן „רבין". זיי האָבן געשיקט שלוחים אַזוי צו זאָגן: „איז אמת אַז דו ביסט משיח, וואָס וועט ברענגען די דערלייזונג, די גאולה?"

ישו האָט געשוויגן, נאָכדעם געזאָגט צו די מענשן: „גייט אין פאָלק און פרעגט".

די בייזקייט פון די פרושים האָט אים פונדעסטוועגן געערגערט.

זיצנדיק מיט זיינע תלמידים האָט ער מיטאַמאָל, פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן פּעטרוסן, זיין שטענדיקן באַגלייטער: „פּעטרוס, וואָס רעדט מען וועגן מיר אין פאָלק?" — „רבי, מען זאָגט, אַז דו ביסט משיח". ישו האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן. „וואָס דענקסטו אַליין, פּעטרוס?"

„רבי, דו ביסט געקומען דערלייזן אונז פון אומגליק".

אין פעטרוסעס רייד האָט ישו דערפילט די זיכערקייט פון זיינע באַ־גלייטער. ער איז אויך געוואָרן זיכערער. ער איז משיח. וועט ער דען פאַרשלאָפן די רגע (רעגע)? וועט ער צוליב זיין אייגענער רו ניט אָפּירנעמען די אומקלאָרקייט און וועט ליידן און היילן? אוודאי (אַוואָדע) איז ער דער משיח!

דער שלאָף איז אַוועק פון זיינע אויגן. די פרומע פישער, וואָס זיי־נען אים נאָכגעגאַנגען און מיט פאַרכט צוגעהערט זיך צו זיינע רייד, האָבן מיט אומרו געשאָקלט די קעפּ.

אין די דערפלאַך פלעגט מען זיי באַגעגענען מיט ערפורכט. אָבער ניט זעלטן, אין די גאַסן פון די שטעט, פלעגן די פּרושים אויסלאַכן די פּוסטע קעפּ, די געמיינע לייט פון גליל (גאַליל), וואָס שלעפּן זיך נאָך ישו׳ן, ווי אַ סטאַדע בלינדע שאָף.

די צדוקים האָבן זיך געקרימט, מיט האָס געבאַלט די פּוסטן, מורא געהאַט, אַז די ווילדע קלאַנגען זאָלן ניט דערגיין קיין רוים. „וואָס טענה׳ט (טיינעט) ער דער שלעפּער, — האָבן זיך געבייזערט די צדוקים, — שוין אַ נייער באַפרייער? ער בונטעוועט דאָס געמיינע פאָלק, ער וויל רא־טעווען יהודה פון דער רוימישער הערשאַפט. מער פעלט ניט, אַז די רוימער זאָלן זיך דערפון דערוויסן. רוים וועט זאָגן, אַז אידן זיינען ווידער ניט טריי!...״

קיין ירושלים

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב פּסח (פּייסאַך). אַ גרויסער עולם (אוילעם) אידן האָט זיך געקליבן פון אַלע עקן לאַנד, עולי־רגל (אוילע־רעגעל) געוועזן צום בית־המקדש (ביים־האַמיקדעש).

קיין ירושלים איז אויך אָנגעקומען די כאַפּטע פישערלייט און גלוי־ביקע, נאָכגעבלאָנקט דעם משיח (מאָשיאַך) פון גליל.

אין דער אַלטער הייליקער שטאָט האָבן די פרומע געפונען נאַרעריי און געלעכטער און שפּאָט. אַ שטאָט, וואָס לעבט פונ׳ם ציטער און פון דער ליבע, וואָס אַ פאָלק טראָגט צום לאַנד, וואָס איז געהייליקט גע־וואָרן דורך יאָרן פון גלויבן און ליידן. פון נאָענט און פון ווייט, — אידן רייסן אָפּ ס׳לעצטע, שיקן מתנות (מאַטאָנעס), קומען ווער עס קען נאָר אַליין, צום יום־טוב (יאָנטעוו) פון באַפרייאונג, צום יום־טוב פּסח (אין שווערע טעג פון ליידן האָט דער טרוים פון באַפרייאונג נאָך העלער

אויפגעפלאָקערט, געוועקט, געמינטערט), — נאָר ירושלים פירט הייליקן מסחר (מיסכער), שעפט רייכטום און זאַמלט גאָלד.

די לייט פון גליל האָבן אין בית-המקדש דערזען דעם טומל, דעם האַנדל און וואַנדל... די ליבשאַפט און דעם גלויבן פון די עולי-רגל׳ניקעם (אוילערעגלניקעס) האָבן די ירושלימער אויף געלט געמינצט.

די כאַפּטע פרעמדע, פּשוטע פּויערים האָט אָנגעמאַכט אַ גערודער אין הויף פון בית-המקדש. ישו האָט אומגעוואָרפן די טישלאַך, וואו אידן האָבן געביטן געלט, געדונגען זיך, געפּילדערט.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מהומה (מעהומע), אַ טומל; די פרומע פּרושים זיינען אין זייער קעגנערשאַפט צום „פרעמדן״ באַלד געווען איינס מיט די צדוקים.

סאיז אמת אַז אויך די פרושים האָבן געוואַרט אויף משיח׳ן (מאָ־שיאַכן) און רוים האָבן זיי פיינט געהאַט מיט גרוים שנאה (סינע) און האַס, אָבער די צדוקים האָבן זיך פאַר זיי ניט געשראָקן, די פרושים זיינען ניט געווען געפערלאַך; שטאַרק מורא געהאַט האָבן די צדוקים פאַר די קנאים (קאַנויאים), די אומצופרידענע פויערים און באַלמעלאָכעס פון גליל, וואָס האָבן ניט געוואָלט וואַרטן ביז משיח וועט קומען, — זיי האָבן זיך געגרייט אַליין, מיטן שווערד, צו באפרייען יהודה, מאַכן דעם וועג פריי פאַרן דערלייזער.

די קנאים (קאַנויאים) זיינען געווען גלילער (גאָלילער). צווישן דער אָרימער באפעלקערונג אין גליל האָט זיך געגרייט דער אויפשטאַנד. אויך ישו איז געווען אַ גלילער. ווער ווייסט, ער רעדט שאַרף קעגן די כהנים אין טעמפּל, ער רעדט וועגן דעם, אַז די אָרימע געהערט דאָס קעניגרייך אין הימל, דאָס פאָלק קען אים טרויען, קען אין אים באמת אָנהייבן גלויבן ווי אין דעם משיח.

אומרואיק איז געווען דער טאָג אין ירושלים. צו נאַכט איז שטילער געוואָרן, די עדה (איידע) אידן האָט זיך צעטיילט אין קליינע קופּקעס, זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

די לייט פון גליל האָבן זיך פאַרקליבן הינטער דער שטאָט. זיי זיינען געווען פרום און פאַרכטיק, פּשוטע, גלויביקע אידן, באַזעלט מיט האָפנונג און גלויבן.

קעגן אַלעמען

אין ירושלים זיינען די צוזאַמענשטויסן צווישן דעם פרעמדן פון גליל און די צדוקים, דעם פרעמדן און די פּרושים, געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ שאַרפער. אַלע זיינען געווען קעגן אים, און ער איז אַצינד געווען קעגן אַלעמען.

אַפילו דאָס פאָלק האָט ער ניט געקענט מיטרייסן, אַנצינדן מיט פייער פון באַגייסטערונג.

דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען און געמאַכט אַ גערודער אין פאָרהויף פון בית־המקדש, צעטריבן די געלט־מינצער, האָט ישו צווישן עולם געקראָגן אַ סך אָנהענגער. זיין האַנדלונג איז דעם פאָלק געפעלן געוואָרן — אַ מענטש, וואָס איז אַנטשיידן, שרעקט זיך ניט, אַ מענטש, וואָס צאָרנט און טוט. דאָס פאָלק האָט ליב אַ מענטשן פון מעשים (מאַי־סים). ווען די שונאים האָבן אים אָבער, טעג שפּעטער, געוואָלט פאַנגען און געפרעגט: „זאָל מען צאָלן צינז דעם קייסער, אָדער מען זאָל אים ניט צאָלן?" — איז זיין ענטפער ניט געווען אַנטשיידן.

אַלע אַרום זיינען געשטאַנען און געוואַרט, מויל און אויערן אָפן, גרייט געווען צו הערן: „ניין, קיין פּרוטה (פּרוטע) ניט דעם קייסער!" — אָבער ישו האָט מילד געענטפערט: „גיט דעם קייסער — דאָס קייסערלאַכע, און גאָט — דאָס געטלאַכע". אַלע זיינען געבליבן אַנטוישט: די צדוקים, ווייל זיי האָבן זיך גערעכנט זיין ענטפער אויסצונוצן אַלס אָנקלאַגע קעגן אים פאַר די רוימער — „ער בונטעוועט דאָס פאָלק קעגן רוים"; די מענטשן אַרום, — ווייל זיי האָבן פיינט געהאַט רוים און דעם קייסער און דערוואַרט אַן אויפמונטערונג צו רעוואָלט, ניט קיין הכנעה (האַכנאָע).

דאָס פאָלק איז געבליבן קאַלט און פרעמד. דער פרייִדיקער פון גליל האָט זיי אַנטוישט. איינציקע, צענדליקער, געציילטע מענטשן האָבן אים געקענט נאָכגיין, גערירט און פאַרוואונדערט ווערן פון זיין גוטסקייט און גלויבן, אָבער ניט די מאַסן.

אידן זיינען געשטאַנען אין ביטערן קאַמף קעגן רוים, די קנאים (קאַנויאים) האָבן מיטן שווערד אין האַנט געגרייט זיך אָראָפּצוּוואַרפן דעם פרעמדן יאָך; גרויס איז אויך געווען די פיינטשאַפט צווישן די אידן און די אַרומיקע גוישע שכנים (שכיינים) וואָס האָבן געהאָלפן די רוימער צו באַפאַלן און באַליידיקן אידן. און איצט, אין טעג פון שטרייט און פאַרביטערטקייט, איז דער טרוימער פון גליל געקומען און געגלויבט מיט גוטסקייט און ליבע צו באַפרייען די וועלט און די מענטשן. ער האָט נאָך

אַפילו געמוסרט די אידן, אַז זיי האָבן זיך גאָרניט מיט וואָס איבערצו־נעמען אַנטקעגן די ניט־אידן, די גוים. ס׳איז געווען צופיל.

קיין גרויסע פאָלקס־באַוועגונג האָט ישו ניט געקענט שאַפן, אָבער געפערלאַך פאַר די הערשער איז ער געווען. מען האָט געהיט זיינע טריט, אים נאָכגעגאַנגען, נאָכגעשפּירט. אין ירושלים זיינען געווען גענוג מענטשן, וואָס זאָלן זיך שרעקן פאַר דער כאַפּטע אידן פון גליל.

דער לעצטער מאָלצייט

טעג זיינען אַריבער. די צייט פון פּסח־מאָלצייט איז געקומען, דער פרומער פסח־מאָלצייט, ווי די תורה האָט געבאָטן.

אַלע צוזאַמען זיינען זיי געזעסן, די יונגען אויפגעלייגט, פריילאַך, נאָר דער „רבי" אַליין פאַרזאָרגט.

— „היינט וועט מיך איינער פון אייך פאַרראַטן" — האָט זיך ישו פלוצלונג אָפּגערופן.

שטיל, פאַרגליווערט זיינען זיי געוואָרן. ס׳איז נאָכט געווען. די יונ־גען, אומוויסנדיק, תמ׳עוואַטע (טאַמעוואַטע) האָבן געלייקנט, זיך באַ־שוואוירן. אויך יהודה — נאָר מיט מער געפילדער ווי אַלע, יהודה — דער קליגסטער פון זיי, אין די אויגן חשד (כשאַד), אומצוטרוי, פרעמדקייט, אומרו. דער משיח האָט אים צו זיך דערנענטערט, ווייל אַנדערע האָבן אים פאַרשטויסן, — דאָך איז ער פאַרבליבן אַ פרעמדער. יהודה איז געווען אייפעריק און איבערגעגעבן, נאָר קיינמאָל ניט פאַרטרוילאַך.

פלוצלונג, אינמיטן פונ׳ם מאָלצייט איז ער אומבאַמערקט פאַרשוואונדן. ער איז אַוועק. ווער ווייסט? אפשר איז אים דאָס טשיקאַווע געזעמל נמאס (נימעס) געוואָרן. די וואָכן וואַנדערונג אין וועג האָבן אויסגע־וועבט די גלויבנס־שכרות (שיקרעס), אפשר האָט ער גענומען צווייפלען?

יהודה איז געקומען ניט פון גליל, פון צווישן די פשוטע (פּאַשעטע) דאָרפסלייט און פישער־יונגען, ער איז צום משיח געקומען פון יהודה, פון שטאָט, פון שטאָטישן האַנדל און וואַנדל; אַ ווײַלע האָט דער משיח באַ־צוואונגען זיין גלויבן, אָבער איצט ניט.

יהודה האָט זיך אָפּגע׳גנב׳עט, די פישערלייט האָבן זיין אַוועקגיין גאָרניט באַמערקט.

צו די כהנים (קויהאַנים) איז יהודה געגאַנגען, וואָרום ווי אַנמעכטיק ס׳קליינע הייפל איז אים איצט אויסגעקומען.

די גרויסע ירושלים, האָט יהודה געזען, ווערט רייך, אַפילו ווען די האַנט פון רוים דריקט, אפילו אויב די כהנים רייסן שטיקער פון פאָלק. פון אַלע עקן וועלט זיינען אידן עולי רגל (אוילערעגל) קיין ירושלים, גיבן מיט אַ פולער האַנט, שפּאָרן ניט, קאַרגן ניט, ווילן זען דעם בית־המקדש שענער ווי די שענסטע טעמפּלען פון די געצנדינער.

איצט, אין ירושלים, האָבן די גלויביקע און דער „משיח" אויסגע־קוקט ניט מער ווי פּ אַ ר פּ י ר ט ע, און דער דערלייזער, וואָס די יונגען טוליען זיך צו אים ווי קינדער, אַליין אַ פּאַרפירטער.

קען עס דען ניט זיין, אַז די פון ירושלים האָבן רעכט? אודאי! נאָר אין די פישער־דערפלאַך זיינען פויערים און ווייבער און קראַנקע און לאַמע געפאַלן אין ערפורכט, געקוקט מיט בענקענדיקע אויגן, גע־שלונגען איטלאכס וואָרט, אָבער די רייכע שטאָט, מיט די פול־געפּאַקטע גאַסן מיט אייזלען און קעמלען און מענטשן און פי, — ירושלים וויל גאָלד און קרבנות און באַדאַרף ניט קיין גלויבן אין דערלייזונג. ירושלים איז די שטאָט פון די כ ה נ י ם און פון די פּ ר ו ש י ם . . .

יהודה האָט זיך גע'גנב'עט דורך די גאַסן פון שטאָט, געזוכט דעם וועג צו די כהנים...

אין באהעלטעניש

ישו האָט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזוכט אַ באהעלטעניש. די קאַפּטע פישערלייט און פויערים האָט זיך פאַרקליבן אין אַ וועלדל, אָפּ־געלעגן אַביסל פון וועג.

די יונגען, אָנגעזעטיקט פונם פלייש און וויין, זיינען געוועזן מיד און באַטרונקען. זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז, געשטאַרקט זיך, אָבער באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. יהודה האָט אַלץ געפעלט.

ישו האָט דער איינציקער געוואַכט, קיין אויג ניט צוגעמאַכט, געפילט, אפשר ס'ערשטע מאָל, ווי פרעמד עס זיינען אים די מענשן, וואָס גייען אים נאָך. (אין זייער פשוטער צערטלאכקייט און איבערגעבנקייט, — אויך דערין איז נאָר פרעמדקייט געווען).

— „שטיי אויף, וואַך אַ ווײַלע", — האָט ישו געבעטן דעם תמ'עוואַטן פעטרוסן.

פעטרוס האָט זיך איבערגעקערט און איז ווידער איינגעשלאָפן. די נאָענטקייט פון טויט האָט דעם שטילן ישו גענומען שרעקן. די לעצטע רגעס (רעגעס) איז דער באַגער צו לעבן ביי אים שטאַרק געוואָרן.

— „האָט ווער אַ שווערד?" — האָט ישו זיך אָפּגערופן שוין פריער, אויפן וועג (ער האָט געפילט די אויגן וואָס שפּירן אים נאָך...). די יונגען האָבען אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. ישו האָט אַלעמאָל געלערנט ניט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם בייז...

איינער פון די יונגען האָט שוין פונדעסטוועגן ארויסגעצויגן אַ פּאָר־באַהאַלטענע שווערד, נאָר דער טרוימער פון גליל האָט באַלד צוריקגע־צויגן זיין באַפעל. ווי ווינציק ס'איז ווערט דער כח פון שווערד! ווי נאַריש! נאָר אַ רגע האָט אין ישו'ן דערוואַכט דער איד פון גליל, דער מענטש פון שווערד. „באַהאַלט!" — האָט ער געבעטן. די גלויביקע האָבן אים געפאָלגט.

איצט איז אַלץ שטיל, נאָר דאָס שווערע אָטעמען פון די מידע יונגען שטערט די רו. פּלוצלונג האָט ישו דערהערט טריט. מענטשן האָבן זיך דערנענטערט. ס'איז באַלד ליכטיק געוואָרן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. מענטשן מיט ברענענדיקע פאַקעלן, וועכטער מיט שטעקנס און שווערדן, היטער פון בית־המקדש, געשיקט פון די רייכע כהנים (קויהאַנים), די ווערקצייג פון די פּראָקוראַטאָרן. צווישן די היטער פון טעמפּל — י ה ו ד ה.

ער האָט פאַרראַטן און געוויזן דעם וועג.

זיין אָפּרייד איז געווען: ער וועט ארומכאַפּן און ליבשאַפט דעם „רבי'ן", די וואָך זאָל קיין טעות (טאָעס) ניט מאַכן. יהודה האָט ניט געוואָלט די אומשולדיקע יונגען זאָלן ליידן.

— „רבי!" — האָט יהודה אויסגעשריען.

ישו האָט זיך דערפרייט און אָפּגערופן זיך. נאָר באַלד זיינען צוגע־קומען די וועכטער, ארומגערינגלט דעם „גליל'ער" (גאַלילער) און אים פאַרנומען.

סאיז נאַכט געווען, די ירושלימער גאַסן זיינען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן, שטיל און שטום, און אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָבן די וועכטער געפירט דעם טרוימער פון גליל אויף אַ פאַרהער צו די כהנים. צעשראָקענע זיינען זיך צעלאָפן די יונגען. אין אָנהייב האָבן זיי זיך גע־פּרוּווט שטעלן אַנטקעגן, נאָר וואָס איז אַ הייפל פישער־יונגען אין ירושלים?

די כהנים האָבן ישו'ן פאַרהערט — אַ קורצער פאַרהער. צומאָרגנס האָבן זיי אים איבערגעגעבן צו די רוימער. די כהנים, די צדוקים האָבן אים פאַר'מסר'ט (פאַרמאַסערט): „ער איז אַ פאַררעטער קעגן רוים, ער דערקלערט זיך פאַרן משיח, ער בונטעוועט ס'פאָלק".

פילאַטוס, דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, האָט געפירט די אויספאָר־שונג.

— „דערקלערסטו זיך פאַרן מלך (מיילאָך) פון די אידן?"

ישו האָט דערויף קינדיש געענטפערט: — „מיין קעניגרייך איז ניט פון ד ע ר וועלט".

נאָר פילאַטוס איז געווען אַ רוימער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד: ד י וועלט, י ע נ ע וועלט. דער גלויבן אין יענער וועלט איז געווען אַ אידישער גלויבן.

פאַר פילאַטוסן איז געווען גענוג, אַז דער גלילער (גאַלילער) דער־קלערט זיך פאַרן משיח, אַז ער בונטעוועט ס'פאָלק. די אייגענע אידן, די צדוקים, טרייסלען זיך פון אים אָפּ... דער פּראָקוראַטאָר האָט באַ־פוילן — ט ו י ט! טויט דורך צונאָגלען צו אַ קרייץ — אַ רוימישע שטראָף. שטאַרבן אָפּגייענדיק אין בלוט, מאַטערנישן און פּיין און שפּייז פאַר די פייגל אין הימל.

טויט אויפן קרייץ... — ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער אי ד איז געשטאָרבן מיטן דאָזיקן שרעקלאכן טויט. רוים האָט אין בלוט דערטרונקען אידישן פּראָטעסט, אידישע אומצופרידנקייט. רוים איז געווען די הערשערן פון דער וועלט.

פּיין און טויט

פילאַטוס האָט איבערגעגעבן דעם גלילער צו דער רוימישער וואַך און די סאָלדאַטן האָבן ביטער אָפּגעשפּאָט פון אַן עלנטן אידן. זיי האָבן אָנגעטאָן ישו'ן אַן אַלט זעלנעריש מאַנטל, באַצירט דעם קאָפּ מיט אַ קרוין פון דערנער... אין זייער לצנות (לעצאָנעם) האָבן זיי חוזק (כויזעק) געמאַכט ניט נאָר פון געפאַנגענעם, נייערט פון גאַנצן פאָלק, וואָס האָט געוואַגט אַנטקעגנצושטעלן זיך רוים, געהייבן זיך, געגרייט זיך צום שטרייט.

צום בערגל האָבן די סאָלדאַטן געפירט דעם אידן. נאָך אַנדערע צוויי פאַרברעכער האָבן דעם טאָג דערוואַרט טויט — צוויי גנבים (גאַ־נאָווים). אַלע דריי האָט מען אויפגעהאַנגען אויף די קרייצן — דעם „משיח" אינמיטן. איבער אים, אויפן קרייץ, צוגעקלאַפּט אַן אויפ־שריפט: „ד ע ר ק ע נ י ג פ ו ן ד י א י ד ן".

די גנבים (גאַנאָווים) האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט צום משיח און מיט שפּאָט אָפּגערופן זיך:

— „דערלייזער, דו האָסט געוואָלט אַנדערע העלפן, פאַרוואָס העלפ־סטו זיך אַליין ניט?”

ער האָט געשוויגן.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. שעה'ן (שאָען) אויפן קרייץ און די ליידן און ווייטיקן זיינען געוואָרן שווערער, פיינלאַכער. דער טומל און געפּילדער איז פאַרביי. אין באהעלטעניש זיינען אַצינד געלעגן די גלויביקע, שרעקעדיקע ווי שאָף, ציטערנדיק פאַרן טויט.

עלנט און אין מאַטערניש איז געהאַנגען דער מענטש אויפן קרייץ.

— „פאָטער אין הימל, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן?” — האָט

אויסגעקרעכצט ישו. די ליפּן האָבן זיך אים פאַרקרימט. ער האָט אויסגעשריען — דער לעצטער געשריי — און איז אויסגעגאַנגען.

30. די פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום

נאָך ישום טויט איז דאָס קליינע הייפל פון עטלאַכע הונדערט קריסטן געווען שטאַרק צערודערט. דער גלויבן אין משיח איז ביי פיל אָפּגע־שוואַכט געוואָרן, אָבער ניט ביי אַלעמען. ס'איז שווער געווען צו באַ־נעמען דעם אומגליק. די גלויביקע זיינען אומגעגאַנגען ווי אין אַ נעבל. — „משיח דער באַפרייער האָט זיך אַליין ניט געקענט העלפן? ווי קען דאָס זיין?" פונדעסטוועגן האָבן די פרומע און גלויביקע געטרייסט זיך: „משיח איז נאָר לפנים (לעפאָנים) געשטאָרבן. ער איז אַוועק פון דער זינדיקער וועלט, אָבער אין הימל לעבט ער אייביק אַן אויסלייז פאַרן שלעכטס".

עס האָט זיך גיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קורץ נאָכדעם, ווי מען האָט אים געקרייציקט איז ישו צוריק לעבעדיק געוואָרן און האָט זיך גע־וויזן צו זיינע תלמידים, אַפילו געגעסן און געטרונקען מיט זיי.

די ערשטע האָבן אים געזען די פרויען, וואָס זיינען געגאַנגען מיט אים — מאַריע און מאַרטאַ. די אַנדערע גלויביקע האָבן אויך „געזען" ק ר י ס ט ו ס ן (אַזוי הייסט דאָס וואָרט משיח אין גריכיש) און ווייטער געשפּונען די וואונדערלאַכע מעשה, טייל ווייל זיי האָבן באמת געגלויבט, טייל ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט געשטעמפּלט ווערן אַלס ניט קיין צו־טרוילאַכע ק ר י ס ט ן.

דער כח פון אַ מעשה.

די מעשה פון ישו'ס ווידערגעבורט האָט פיל געהאָלפן צו דער־האַלטן די גלויביקע אין די טעג נאָכן אומגליק. יעזוס (ד. ה. ישו אין גריכיש) איז אַוועק פון דער וועלט, אָבער ער האָט געבעטן אַז די גלוי־ביקע זאָלן פאַרשפּרייטן זיין תורה צווישן די פעלקער, האָבן זיך די דער־שלאָגענע געטרייסט.

זיי האָבן געקראָגן אַן אויפטראַג אין לעבן, אַ צוועק וואָס באַרעכ־טיקט דאָס ליידן. און די ערשטע קריסטן האָבן באמת שטאַרק געליטן.

יאָרן זיינען אַוועק. דער גלויבן פון געקרייציקטן האָט זיך צעטראָגן אין דער ווייט און אין דער ברייט. צוערשט נאָר אין די שטעט ביים ברעג ים, שפּעטער אפילו קיין רוים.

די וועלט איז פול געווען מיט הונגער נאָך גערעכטיגקייט, שקלאַפן און ליידנדיקע האָבן געזוכט אַ טרייסט. דער נייער גלויבן האָט גע־טרייסט און וויייניק „מיצווע'ס" פאַרלאַנגט פון גלויביקן.

די ערשטע קריסטן אין רוים.

אין רוים האָט מען די ערשטע קריסטן גערודפט (געררוידעפט) און געפייניקט, געשיקט זיי אויף דער אַרענע ראַנגלען זיך מיט ווילדע חיות. די לייבן און טיגערן פלעגן צערייסן די קריסטן און אַ גרויסער עולם רוימער פלעגט צוקוקן און קוועלן.

די קריסטן פלעגן זיך אָפטמאָל מוזן אויסבאַהאַלטן אין די קאַטאַ־קאָמבן ד. ה. אין די קברים (קוואָרים) פון די רייכע רוימער, אין די היילן און אונטערערדישע טונעלן. די גלויביקע האָבן מורא געהאַט צו ווייזן זיך אויף דער ליכטיקער שיין.

די רוימער האָבן זיך אַפילו ניט צוריקגעהאַלטן פון אויסטראַכטן דעם בלבול (בילבול) פון עלילת־דם (אַלילאַס־דאַם), עס הייסט דעם בלבול, אַז די קריסטן כאַפּן כלומרשט (קלוימערשט) געצנדינערישע, רוימישע קינ־דער און טויטן זיי, ווייל . . . די קריסטן טרינקען דאָס בלוט פון די אומגליקלאַכע קינדער.

דאָס קריסטנטום די ערשטע הונדערט יאָר האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע מאַכט, וואָס האָט צוזאַמענגעהאַלטן די גלויביקע און דאָס איז געווען זייער קאָמוניסטישער שטייגער לעבן, וואָס עס האָבן אַמאָל געשאַפן צווישן זיך די א ס י י ם , אומצופרידענע אידישע פויערים און באַל־מעלאָכעס פון יהודה.

אויך די גלויביקע פון נייעם משיח זיינען פון אָנפאַנג אַלע געווען אידן. געפייערט אידישע ימים־טובים און אָפּגעהיט אידישע מנהגים. דער רים און די פיינטשאַפט פון די גלויביקע און די אידן איז אויפגעקומען פיל שפּעטער.

די אידן און די אידן־קריסטן.

דער אונטערשייד פון די אידן און די ערשטע קריסטן איז פון אָנפאַנג געווען זייער קליין. די קריסטן האָבן אָפּגעהיט שבת, פסח און די אי־בעריקע אידישע ימים־טובים.

דער איינציקער אונטערשייד צווישן די אידן און די קריסטן איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס די אידן האָבן געגלויבט, אַז משיח דאַרף נאָך קומען און די קריסטן האָבן געגלויבט אַז משיח איז שוין געקומען. ישו איז געווען דער משיח און ער האָט אויסגעלייזט די וועלט פון אירע זינד.

נאָך ישו׳ס טויט זיינען פאַרבליבן זייער ווייניק אָנהענגער. די מער־סטע האָבן אויפגעהערט אין אים צו גלויבן.

דער באַוועגונג האָט אָבער אַרויסגעהאָלפן זייער פיל דאָס, וואָס קריסטנטום איז די ערשטע צייט געווען ניט בלויז א רעליגיע, נאָר דער־עיקר (דעריקער) אַ ש ט י י ג ע ר ל ע ב ן.

די ערשטע קריסטן, אַקוראַט ווי די אסיים, האָבן געלעבט אין קאָ־מונעס, האָבן זיך געטיילט מיט זייער פאַרמעגן.

קריסטנטום אין ערשטן יאָר־הונדערט נאָך קריסטוסעס טויט האָט זייער פיל געהאָלפן די אַרימעלייט, צווישן זיי טאָקע פלעגן ווערבירט ווערן די אָנגעהעריקע. אויך רוים מיט אירע אומצייליקע שקלאַפן איז געוואָרן א נעסט פון קריסטנטום.

דער אַפּאָסטאָל פּאָול.

דער פּריידיקער פון קריסטנטום צווישן די ניט־אידן איז געוואָרן דער גריכישער איד פּאָול פון טאַרסים. ער האָט מער אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון נייעם גלויבן ווי דער „משיח" אַליין. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט, ער האָט באַנוצט אי ליגן, אי שווינדל, אבי נאָר ער האָט דערמיט געקענט באַפעסטיקן דעם גלויבן אין געקריי־ציקטן.

צוערשט איז גאָר פּאָול געווען אַ קעגנער פון די קריסטן, ער פלעגט זיי פאַרמסרן (פאַרמאַסערן) פאַר די רוימער און פיל זיינען פאַראומ־גליקלאַכט געוואָרן דורך זיין האַנט. שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן געביטן, געוואָרן פרום, גלויביק און דורך זיין אומדערמידלאַכער אַר־בעט — דער אמת׳ער באַגרינדער און בויער פון דער קירך.

די ערשטע קריסטן האָבן זיך ווייניק וואָס אונטערגעשיידט פון די אידן. די קריסטן האָבן געהאַלטן פון שבת, אָפּגעהיט די אידישע ימים־טובים (יאָנטייווים) און פיל אידישע מנהגים.

פּאָול האָט פאַרלייכטערט די אידישקייט, ער האָט פאַרוואָרפן די מיצוועס און האָט לייכטער געמאַכט די תורה... דורכדעם, וואָס ער האָט זי אינגאַנצן אָפּגעשאַפט. אַלצדינג צוגעפּאַסט צו די געצנדינער.

דורך פּאָולן איז דאָס קריסטנטום געוואָרן זייער צוגענגלאַך, אפילו פאַר די באַרבאַרן.

די מעשות פון ישו׳ס לעבן און פון זיין טויט האָבן זיך ווייניק אונ־טערגעשיידט פון פיל ענלאכע מעשהלאך, וואָס די געצנדינער פלעגן זיך

דערציילן וועגן ז י י ע ר ע געטער. אויך אין עגיפּטן, אַסיריע און בבל האָט מען זיך דערציילט מעשות פון געטלאַכע קינדער, וואָס זיי־נען געבאָרן געוואָרן אויף דער ערד, וועגן זייערעליידן און וועגן זייער טויט, און דער עיקר (איקער) וועגן זייער ו ו י ד ע ר ג ע ב ו ר ט.

קאָנסטאַנטין און די אידן.

נאָך אַ גרעסערע ענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון קריסטנטום האָט מיט יאָרן שפּעטער אַריינגעבראַכט דער רוימישער אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין, וואָס האָט געלעבט אין 4טן יאָרהונדערט נ. ק.

קאָנסטאַנטין האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז די קריסטן זיינען אַ גוואַל־דיקע מאַכט, וואָס ער קען אויסנוצן פאַר זיין הערשאַפט.

קאָנסטאַנטין איז געוואָרן אַ קריסט, ער האָט אויך זיינע אַרמייען באַצירט מיט צלמים (צלאָמים) און באַקערט צום קריסטנטום.

די קריסטן זיינען פון אַן אונטערדריקטער סעקטע געוואָרן הערשער און ביסלאַכוויז אליין אונטערדריקער און פיניקער.

קאָנסטאַנטין האָט נאָך מער פאַר פאָולן געטאָן אָפּצושיידן די קריסטן פון די אידן.

די אידן זיינען געווען אַן אונטערדריקט פאָלק און די קריסטלאַכע רוימער — די ה ע ר ש ע ר; ווי האָט זיי געקענט אָנשטיין צו היטן די זעלבע רו טעג באַגלייך מיט די אידן, אָדער פייערן פאַר איינס די אידישע ימים-טובים (יאָנטייוויים)?

קאָנסטאַנטין האָט דעריבער איינגעפירט זונטיק אָנשטאָט שבת און האָט אויך געענדערט די צייט פון די ימים-טובים (יאָנטייווים).

וואָס איז געוואָרן פון קריסטנטום.

מיט דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג האָט דאָס קריסטנטום פאַרלאָרן אַלץ מער זיין אַמאָליקן כאַראַקטער.

קריסטן האָבן אויפגעהערט האָבן געמיינזאַמע סעודות (סודעס), מאָל־צייטן. די קריסטן האָבן מער ניט געלעבט, ווי אין די ערשטע יאָרן אין קליינע געמיינדעס.

אַן אָרימאַן האָט אויך ניט געקענט מער אַריינקומען צו זיין רייכן ברודער און טיילן זיך מיט זיין האָב און גוטס. דער רייכער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט געגעבן נדבות (נעדאָוועס). דאָס געלט איז געגאַנגען צו העלפן די אָרימע.

מיט דער צייט האָבן אַפילו די רייכע נדבות אויפגעהערט צו דער־גרייכן די אָרימעלייט. די ערשטע צייט זיינען ניט געווען קיין ספּעציעלע פּריסטער, גלחים (גאַלאָכים). יעדער פרומער ערלאַכער קריסט האָט ביי די סעודות (סודעס) געקענט אויפשטיין און ריידן איבער דעם לעבן פון משיח. שפּעטער, ווען דאָס קריסטנטום איז אויסגעוואַקסן, האָט זיך בים־לאַכוויז גענומען אויסבילדן אַ קלאַס גלחים (גאַלאָכים) — גייסטלאַכע, וואָס פּריידיקן איז זייער באַרוף אין לעבן. זייער געצאָלט האָבן זיי גע־צויגן פון די נדבות (נעדאָווועס).

די ערשטע קריסטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען אויפ׳ן גרינעם גראָז, אונטער די פרייע הימלען, אָדער אין רוים, אין די יאָרן פון אונטערדריי־קונג, אין די פינסטערע היילן, — אין אַ פּאָר הונדערט יאָר אַרום זיינען שוין אָבער אויפגעקומען רייכע קירכן אויסגעבויט פון טייערן שטיין, מיט קאָסטבאַרע בילדער, און סטאַטועןן אויפגעשטעלט, פון קריסטוסן און דער הייליקער מוטער, געפּאַסט אין גאָלד און באַצירט מיט דימענטן.

די קירך האָט אויפגעגעסן דאָס קריסטנטום.

די אידן און די ערשטע קריסטן.

די קריסטן האָבן געגלויבט אַז משיח (מאָשיאַך) איז שוין געקומען.

די אידן האָבן געגלויבט אַז משיח . . . . . .

די קריסטן האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע באַגרעניצונגען.

די אידן האָבן געזוכט מאַכן . . . .

די קריסטן האָבן זיך געזוכט דערנענטערן צו די אָרומיקע פעלקער.

די אידן האָבן זיך געזוכט . . . . . . פון די אָרומיקע פעלקער.

פ ר אַ ג ן :

די אַנטשטייאונג פון קריסטנטום

1. ווער איז געווען יוחנן דער טויפער און וואָס פאַר אַ לערע האָט ער געפּריידיקט ?

2. וואָס איז געווען זיין סוף ?

3. וואָס זיינען די לעגענדן וועגן יעזוסן ?

4. וואָס האָט ער געפּריידיקט ?

5. מיט וואָס האָט יעזוס אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די אידן און וואָס האָט אים געמאַכט געפערלאַך אין די אויגן פון די רוימער ?

6. איז טאַקע אמת, אַז די אידן האָבן אים געקרייציקט ?

7. וואָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן די אידן און די ערשטע קריסטן ?

31. דער לעצטער שטרייט

אין יהודה איז אָנגעגאַנגען דער ביטערער שטרייט צווישן רוים און די אידן. נאָר אַ קורצע ווײַלע איז געווען שטיל. אגריפּאַ, אַן איינִיקל פון הורדוסן, אַ מענש, וואָס איז געווען באַגליבט ביי די רוימער און איז אויך באַליבט געווען ביי די אידן, האָט געהערשט אין לאַנד. אָבער נאָר פיר יאָר האָט אַגריפּאַ געהערשט. אינ׳ם יאָר 44 נ. ק. איז ער געשטאָרבן און פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן כסדרדיקע (קעסיי-דערדיקע) אומרוען אין לאַנד.

זיבן רוימישע פּראָקוראַטאָרן האָבן זיך געביטן און איינער איז געווען ערגער פונ׳ם אַנדערן.

דורך זייערע שווערע שטראָפן און באַליידיקונגען האָבן זיי געטריבן די אידן צו פאַרצווייפלונג און שפּעטער צום אויפשטאַנד.

הערשן איבער יהודה איז די רוימער אָנגעקומען שווערער ווי אי-בער אַלע אַנדערע לענדער. רוימער זיינען געווען געוואוינט צו באַפעלן אַלערליי מענשן, אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער וועלט, אָבער אידן זיינען געווען לגמרי (לעגאַמרע) אַנדערש. זיי זיינען געווען די איינ-ציקע אויף דער וועלט, וואָס וואָלטן בעסער געשטאָרבן איידער צו דער-נידעריקן זיך און ברענגען קרבנות (קאָרבאָנעס) צו דער געשטאַלט פון אַן אימפּעראַטאָר. פרומע אידן זיינען געווען גרייט אָפּצוגעבן אַלצדינג, זייער פאַרמעגן, זייערע היימען, זייערע לעבנס, אָבער זיי האָבן ניט גע-וואָלט אָפּזאָגן זיך פון זייער גלויבן, פון זייער פרייהייט.

אין די אויגן פון די רוימער האָבן אידן אויסגעקוקט ווי אַן איבער-געפירט, פאַרדאַרבן און משונהדיק (מעשונעדיק) פאָלק, און ווען די רוי-מער האָבן זיך איבערצייגט אַז די אידן זיינען איינגעשפּאַרט און מען וועט זיי ניט קענען געווינען מיט גוטן, האָט רוים געצויגן דעם שווערד.

טויזנטער אידן זיינען דערהרגעט, געקרייציקט אָדער פאַרברענט גע-וואָרן.

ענדלאַך אינ׳ם יאָר 66 האָבן די אידן מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָבן אָפן רעוואָלטירט.

רומישע ברעך־מאַשינען און שליידער־מאַשינען.









דער אָנהייב פון אויפשטאַנד.

אייניקע רוימישע לעגיאָנען פון סיריע זיינען געשיקט געוואָרן צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן.

די אידן האָבן געקעמפט ווי לייבן און האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן.

נירא דער רוימישער אימפּעראַטאָר, איינזעענדיק אַז דאָס איז ניט קיין געוויינלאַכער קליינער אויפשטאַנד, האָט געשיקט זיינע צוויי פּייאיק־סטע גענעראַלן וועספּאַסיאַן און טיטוס (אַ טאַטן מיט אַ זון) צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד.

אין גליל (גאָליל) איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס. די פאַרטיידיקונג איז געלעגן אין שלעכטע הענט. דער אַריסטאָקראַט יוסף בן מתתיהו (שפּעטער איז ער באַרימט געוואָרן אַלס יאָזעפוס פלאַוויאוס) איז געווען דער פירער. די אידן האָבן פאַרלאָרן. פונדעסטוועגן האָט גענומען אַ יאָר צייט ביז די אידן זיינען צעשלאָגן געוואָרן.

דאַן האָבן זיך די רוימער פאַרנומען צו מערב (מיירעוו), דאַן צו דרום (דאָרעם), ביז זיי זיינען צוגעקומען צו די ווענט פון ירושלים.

אין אַ באַלאַגערטער שטאָט.

די רוימער האָבן אַרומגערינגלט ירושלים.

די באַלאַגערטע שטאָט איז געווען אָנגעפילט מיט אַנטרונענע, וואָס זיינען אַנגעלאָפן פון אַלע עקן לאַנד.

צווישן די אידן איז קיין אייניגקייט ניט געווען... די אָרימע פויערים און באַלמעלאָכעס האָבן ניט געטרויט די רייכע לייט און די הענדלער, וועמען עס האָט זיך שטאַרק געגלוסט אַריבערצולויפן צו די רוימער...

צווישן דעם אָרימען פאָלק אַליין זיינען אויך ניט אַלע אייניק געווען, ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן די שטאָט. עס זיינען פאָרגעקומען געשלעגן און רייסערייען...

אין אַ קריג איבער דעם, ווער עס זאָל איבערנעמען און פאַרוואַלטן מיט די שייערן תבואה (טוואוע), זיינען אַ סך אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן און כמעט (קימאַט) די גאַנצע תבואה איז פאַרברענט געוואָרן.

אַ מיליאָן אידן זיינען געווען אויפגעקליבן אין דער אַלטער שטאָט. געמויערטע ווענט האָבן די אַנטרונענע באַשיצט, אָבער קיין עסנווארג איז אין שטאָט ניט געווען — און די רוימער זיינען געשטאַנען ביי די טויערן. און דאָך האָבן זיך די אידן ניט געוואָלט אונטערגעבן.

וועספּאַסיאַן, דער רוימישער קריגס־פירער, איז צוריקגערופן געוואָרן

קיין רוים געקרוינט צו ווערן אַלס קייסער, און ט י ט ו ס, זיין זון, האָט אָנגעפאנגען די באַלאַגערונג.

די רוימער האָבן צוגעפירט צו דער שטאָט די ש ל י י ד ע ר־מ אַ־ש י נ ע ן און גענומען וואַרפן גרויסע שטיקער האַלץ אין שטאָט אַריין.

ברעך־מאַשינען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף אָנגעשאָטענע בערג פון ערד, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן נאָענט פון די ווענט, כדי דורכצוברעכן אַן עפענונג. (די רוימער האָבן אויסגעהאַקט יעדן בוים, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט געפינען צען מייל אַרום ירושלים.) און דאַן האָבן טעג און נעכט די ברעך־מאַשינען און שליידער־מאַשינען גענומען דונערן.

פופצן טעג האָט דאָס אומאויפהערלאַכע דונערן אָנגעהאַלטן און צום סוף איז די רוימער געלונגען דורכצוברעכן אַן עפענונג אין דער דרויסנדיקער וואַנט.

ניין טעג זיינען אַריבער און אויך די צווייטע וואַנט איז געפאַלן. ענדלאַך זיינען די רוימער געוואָרן די באַלעבאַטים פון דער אונטערשטער שטאָט.

אָבער די אידן האָבן זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבן...

אין דער אויבערשטער שטאָט זיינען זיי געווען צונויפגעשטיקט הונגעריקע, שטאַרבנדיקע. הריגות (האַריגעס) און געשלעגן פלעגן פאָרקומען איבער אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ ביין.

ביינאַכט פלעגן זיך אידן אַרויס׳גנב׳ענען אויסער די מויערן צו זוכן אין די פעלדער קרייטאַכער אָדער גראָזן, אָבער די רוימער פלעגן זיי כאַפּן און קרייציקן, — פינף הונדערט אידן זיינען איינמאָל געקרייציקט געוואָרן אין איין טאָג...

און דאָך האָבן זיך די אידן ניט געוואָלט אונטערגעבן.

ניין! זיי זיינען געוואָרן נאָך מער פאַרביטערט און אַנטשידן צו פאַרטיידיקן די שטאָט.

די אידן האָבן אונטערגעגראָבן די היגלען, וואָס די רוימער האָבן אויסגעבויט אַרום דער שטאָט און די ברעך־מאַשינען זיינען איינגעפאַלן. ביינאַכט פלעגן זיך די אידן אַרויסכאַפּן פון שטאָט און פּלוצלונג באַפאַלן די רוימער, קעמפנדיק פאַרביטערט ווי הונגעריקע וועלף.

די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך געוואַקלט, פאַרלאָרן, טיטוס איז אָפּגעטראָטן. אָבער ניט אויף לאַנג, באַלד האָט ער זיך אומגעקערט צוריק.

נאָך גרעסערע גרוילן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר די באַלעגערטע. טיטוס האָט געלאָזט אויסבויען אַ הויכע וואַנט פון ערד, פינף מייל די לענג אַרום און אַרום דער גאַנצער שטאָט — די רוימער האָבן איצט געקענט וואַרטן.

די ליידן פון די אידן האָבן אויסגעקוקט ניט אריבערצוטראגן. אפילו טיטוס, דער פאַרהאַרטעוועטער רוימער, וואָס איז געוואוינט געווען צו מלחמות, האָט ניט געקענט צוזען די שרעקלאַכע מאַטערנישן.

ער האָט זיך געבעטן ביי די קנאים (קאַנאַאים), אַז זיי זאָלן זיך אונ־טערגעבן. אָבער ניין! זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט אונטערגעבן. קיינ־מאָל ניט!

אַ חודש (כוידעש) איז פאַרביי. צוויי. די רוימער האָבן זיך ווידער גענומען אַטאַקירן די שטאָט. איין וואַנט איז געפאַלן, אָבער די אידן איז פאַר דער צייט געלונגען אויפצושטעלן אַן אַנדער וואַנט.

די צווייטע וואַנט איז אויך געפאַלן! אָבער די אידישע העלדן האָבן זיך אַלץ ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן זיך געשלאָגן אויף די גאַסן, אויף די מויערן, טויטע האָבן זיך געוואַלגערט און געפוילט אונטער דער הייסער ברענענדיקער זון.

קיין עסנוואַרג איז אין שטאָט ניט געווען. מענטשן האָבן זיך גע־שפייזט מיט שטרוי, מיט שטיקער אַלטן לעדער, מיט אָפּפאַל.

אָבער אונטערגעגעבן זיך? ניין!

טיטוס האָט ווידער אַמאָל פאָרגעלייגט שלום (שאָלעם). די קנאים (קאַנאַאים) האָבן זיך אָפּגעזאָגט. זיי האָבן גוט געוואוסט, וואָס די רוי־מער ווילן... איבערגעבן די שטאָט? — דאָס האָבן זיי געשוואוירן קיינ־מאָל ניט צו טאָן! און אַזוי וואונדערלאַך איז געווען זייער גלויבן, אַז אַפילו רוימישע סאָלדאַטן האָבן דעזערטירט פון זייערע אייגענע לעגיאָנען און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די באַלאַגערטע, טיילן זייער גורל.

דערווייל זיינען די ווענט פון דער פעסטונג דורכגעבראָכן געוואָרן און די קנאים זיינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן צו די חדרים פון בית המקדש.

זעקס טעג האָבן די ברעך־מאַשינען ווילד געהאַמערט אין די ווענט און דער אומגליקלאַכער סוף פון די באַלאַגערטע האָט זיך דערנענטערט.

טיטוס האָט באַפוילן אַז דער בית המקדש זאָל געשוינט ווערן אָבער זיינע צעווילדעוועטע סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו הערן און א ברענ־

ענדיקער פאַקל איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן דורכן גאָלדענעם פענסטער אין היילקטום אַריין און די הילצערנע חדרים האָבן זיך אָנגעצונדן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אינווייניק אין בית המקדש און אויסגעהרג׳עט די אַנטרונענע, וואָס האָבן געזוכט אַ באַהעלטעניש אין היילקטום.

און פּלוצלונג איז שטיל געוואָרן, שטיל — אָבער נאָר אויף אַ ווייל, דער אויפשטאַנד איז באַלד צוריק באַנייט געוואָרן.

די קנאים זיינען אָפּגעטראָטן צו דער אויבערשטער שטאָט, צו דער לעצטער פעסטונג און האָבן נאָך אַמאָל ווידערשפּעניקט דעם פיינט.

באַלד אַ גאַנצן מאָנאַט האָבן זיי זיך געהאַלטן, מיט ציין און נעגל, ביז וואַנען זיי זיינען אויסגעהונגערט געוואָרן, אויסגעשעפּט געוואָרן...

די רוימער האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פאַרהונגערטע, פאַרפּייניקטע רעבעלן און האָבן מיט זייערע שווערדן געשאָכטן. יעדע גאַס, יעדער וועג איז געווען פול מיט טויטע און שטאַרבנדיקע.

דעמאָלט האָבן די רוימער אונטערגעצונדן די הייזער, די געביידעס, די ווענט און די זיגער האָבן זיך צוריקגעצויגן אָנקוקן די פלאַמען און דעם רויך, וואָס האָט זיך געטראָגן צום הימל.

די שטאָט ירושלים איז געלעגן חרוב (כאָרעוו), צעשטערט.

מער ווי אַ מיליאָן אידן זיינען געפאַלן אין דער באַלעגערונג. פון די לעבנגעבליבענע זיינען זיבן און ניינציק טויזנט פאַרקויפט געוואָרן פאַר שקלאַפן. זיי זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין עגיפּטן צו אַרבעטן אין די שאַכטן, אָדער זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין רוים ראַנגלען זיך אויף דער רוימישער אַרענע מיט ווילדע חיות.

טיטוס אַליין האָט גענומען די נאָבלסטע קנאים זיי זאָלן באַשיינען זיין טריאומפאַלן גאַנג דורך די ברייטע גאַסן פון רוים.

אַ גרויסער טויער איז אויפגעבויט געוואָרן צו פייערן און פאַראייביקן דעם שרעקלאַכן זיג — אַן אַרקע, וואָס איז באַפּוצט געוואָרן מיט בילדער פון די יונגע אידישע געפאַנגענע אויסגעהאַקט אין שטיין.

די רעשטן פון דעם שיינעם טויער שטייען נאָך ביז היינט אין אַלטן רוים, און די חורבות, די רואינען פון דער מיט בלוט באַפלעקטער וואַנט איז נאָך פאַרבליבן אינ׳ם אַלטן ירושלים.

צוויי שרעקלאַכע צייכנס! רעשטן פון אַ שרעקלאַכער צייט...

אַן אַנדער רעטונג — ניט דורכן שווערד

ירושלים איז געפאַלן, די רוימער האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין שטאָט, און הייפלאַך אידן, וועמען ס'איז נאָר געלונגען ארויסצורייסן זיך פון שונא'ס האַנט, האָבן געזוכט רו און זיכערקייט אין די שטעטלאַך אַרום, וואו דער צאָרן פון פיינט איז ניט געפאַלן אַזוי שווער.

אין יבנה (יאַווּנע), ביים ברעג ים, האָבן זיך אויפגעקליבן הייפלאַך אַנטרונענע פון ירושלים. צווישן זיי אַ סך פּרושים, וואָס האָבן זיך מיטן גאַנצן הארצן אין אויפשטאַנד קיינמאָל ניט באַטייליקט, אָדער, נאָך מער — אים אָפן געשטערט.

טייל אידן האָבן זיך ארויסגעריסן פון שטאָט, ווען די קנאים (קאַנויאים) האָבן נאָך מיט געווער אין האַנט אָפּגעשלאָגן דעם שונא (סוינע) און די רוימער האָבן געשטורמט די ווענט.

איינער פון די אַנטרונענע איז געווען דער אַלטער ר ב י י ו ח נ ן ב ן ז כ א י (יויכאָנאָן בען זאַקאַי). שוין ביים אָנהייב שטרייט האָט יוחנן ניט געגלויבט, אַז מיט געווער אין האַנט וועט מעגלאַך זיין צו האַטעווען דאָס פאָלק; ער האָט ניט געגלויבט אין אויפשטאַנד, — דערפאַר איז ער ניט געוואָרן פאַרצווייפלט ווען ירושלים איז געפאַלן, ווען דער קאַמף פאַר פרייהייט איז געבראָכן געוואָרן.

אידן קענען בלייבן אַ פאָלק, — האָט יוחנן געגלויבט, — אַפילו אָן פּאָליטישער פרייהייט, דאָס הייסט, אַפילו אָן אַן אייגענער מ ל ו כ ה; אידן דאַרפן נאָר אָפּהיטן זייער אייגנאַרטיק לעבן, זייער תורה (טוירע).

אין יבנה האָט יוחנן צונויפגענומען דעם רעשט פון די געלערנטע פּרושים, ווידער אויפגעריכט אַ סנהדרין (סאַנהעדרין), וואָס זאָל ארוםגעבן געזעצן, אָנפירן דאָס גייסטיקע לעבן פון די אידן איבער דער וועלט.

ד אָ ס ר ע כ ט א ו י ף ז ע ל ב ס ט פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג האָ ב ן ד י ר ו י מ ע ר ב י י ד י א י ד ן נ י ט אָ פּ ג ע נ ו מ ע ן; די רוימער האָבן געוואָלט, אַז אידן זאָלן זיין טריי רוים, זיי האָט אָבער ניט געאַרט, אַז אידן זאָלן אָפּהיטן זייער אַלטן שטייגער לעבן און זייערע אייגענע מנהגים.

יוחנן האָט זיך ארויסגע'גנב'עט פון ירושלים, ווען די שטאָט איז

נאָך געווען באַלאַגערט פון די רוימער און די קנאים (קאַנויאים) האָבן געהיט די טויערן און קיינעם ניט אריינגעלאָזט, קיינעם ניט ארויסגעלאָזט. יוחנן׳ס תלמידים (טאַלמידים) האָבן זייער אַלטן לערער אָנגעטאָן אין תכריכים (טאַכריכים), אין טויטן־קליידער, אריינגעלייגט אין אַן אָרון (אַ קאַסטן) און דעם „מת" (מעס) געפירט „באערדיקן" הינטערן שטאָט.

די קנאים־וועכטער האָבן צוערשט געוואָלט זיכער זיין, צי איז יוחנן (יויכאָנאָן) באמת טויט, זיי האָבן געוואָלט דורכשטעכן דעם מת (מעס), אָבער די תלמידים האָבן געמאַכט גוואַלטן, געשריען, אַז דאָס וואָלט געווען אַ גוואַלדיקע באַליידיקונג פאַרן כבוד (קאָוועד) פון גרויסן געלערנטן... די קנאים האָבן נאָכגעגעבן און יוחנן׳ען דורכגעלאָזט דורך די טויערן.

פאַר די רוימער האָט דער אַלטער געלערנטער דערקלערט, אַז ער איז ניט פון די רעבעלן, אַז ער איז פאַר דעם, אידן זאָלן שלום (שאָלעם) מאַכן מיט רוים. אים קימערט נאָר דאָס גייסטיקע לעבן פון פאָלק זאָל ניט אומקומען דורכן שטרייט.

טיטוס האָט דעם אַלטן יויכאָנאָן געגעבן די דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין יבנה (יאַוונע), אַ שטעטל ביים ברעג ים.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און די שטאָט ירושלים איז געפאַלן. אָן אַ שיר אַנטרונענע זיינען אָנגעקומען קיין יבנה. יוחנן האָט זיי געטרייסט, געמונטערט.

נאָכן חורבן איז יבנה געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פון די צעשפּרייטע אידן. יבנה איז געוואָרן דער צענטער אָנשטאָט ירושלים.

יבנה איז געוואָרן די היים פון די וואָס האָבן שלום געמאַכט מיט רוים און געזוכט אַ רעטונג פאַרן אידישן פאָלק אין אויפהיטן די תורה.

די שטעט און דערפער אין יהודה זיינען נאָך אָבער אַלץ געווען פול מיט צאָרן קעגן רוים און פאַרביטערונג קעגן איר הערשאַפט, — מיט מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אַ ר ע ט ו נ ג ד ו ר כ ן ש ו ו ע ר ד.

א) די קנאים און דער אָנהויב פון אויפשטאַנד קעגן רוים.

1. ווי אַזוי איז פּאַלעסטינע געשטעלט געוואָרן אונטער דער פירונג פון די פּראָקוראַטאָרן ?

2. ווער זיינען געווען די קנאים ? מיט וואָס זיינען זיי געווען ענלאַך און מיט וואָס האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט פון די פּרושים ?

3. ווער זיינען געווען די סיקאַריער ?

4. וואָס איז געווען די דירעקטע אורזאַך צום אויפשטאַנד קעגן רוים ?

ב) די מלחמה אין גליל און יוסף פלאַוויאוס.

1. וואָס פאַר אַ קאַמפּן זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד צווישן די אידן אַליין ?

2. ווער איז געווען יוסף פלאַוויאוס ?

3. ווי איז יוסף פלאַוויאוס געוואָרן דער קאָמאַנדיר פון דער אידישער אַרמיי אין גליל ?

4. פאַרוואָס האָט ער פאַרראַטן זיין לאַנד ?

ג. די באַלאַגערונג פון ירושלים. — די פאַרטיידיקונג און דער חורבן.

1. וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַלאַגערטער שטאָט ?

2. ווער איז געווען יוחנן גוש חלב ?

3. ווי האָבן די רוימער נקמה גענומען פון די אידן ?

33. נאָך אַלעמען

אַפילו נאָכן חורבן פון ירושלים האָט זיך די מלחמה ניט פאַרענדיקט. קליינע הייפעלאַך רעבעלן האָבן זיך באַהאַלטן אין אָפּגעלעגענע פעסטונגען און אָפּגעשלאָגן די רוימער. ווען די שונאים (סאָנים) פלעגן זיי אַרומרינגלען און זיי האָבן מער ניט געקענט פאַרטיידיקן זיך פלעגן זיי זיך גיכער אוים׳הרג׳ענען איינע די אַנדערע איידער איבערצוגעבן זיך אין די הענט פון פיינט.

אָבער אַפילו נאָכדעם ווי די פעסטונגען זיינען שוין געווען צעשטערט איז דאָס לאַנד נאָך אַלץ ניט געווען באַרואיקט. די רוימער האָבן אַרויפגעלייגט אויף די אידן פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע אַ נייעם שטייער צו שטיצן דעם טעמפּל פונ׳ם גאָט יופּיטער אין רוים. (אַמאָל איז דאָס געווען דער שטייער פון אַ האַלבן שקל (שעקעל) וואָס אידן פלעגן צאָלן אויסצוהאַלטן דעם בית-המקדש אין ירושלים). דער פּרואוו צוזאַמענצוקלייבן דעם נייעם שטייער האָט ווידער פאַרביטערט דאָס פאָלק.

יאָר נאָך יאָר איז די פאַרביטערטקייט געוואַקסן. ענדלאַך איז די שריפה (סרייפע) אויסגעבראָכן. דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיט פייער און בלוט.

די באַלדיקע אורזאַך פונ׳ם נייעם אויפשטאַנד איז געווען די נאַרישקייט פונ׳ם רוימישן אימפּעראַטאָר האדריאן, — אים האָט זיך פאַרגלוסט צו געווינען די פריינטשאַפט פון די אידן דורך בויען אַ נייעם טעמפּל אין ירושלים. דאָס האָט אָבער ניט געדאַרפט זיין קיין טעמפּל פאַר יהוה׳ן, דעם גאָט וואָס די פרומע אידן האָבן אין אים געגלויבט, נאָר פאַר יופּיטערן. האַדריאַן האָט געמיינט, אַז אידן וועלן זיך שטאַרק דערפרייען מיט אַ נייעם טעמפּל אַבי נאָר ער וועט זיין אויפגעבויט אויפן באַרג מוריה (מוריאָ) אין ירושלים. ער איז דעריבער געוואָרן שטאַרק פאַרוואונדערט און נאָך מער צערייצט ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז די אידן זיינען גאָר שטאַרק אומצופרידן מיט אַ טעמפּל פאַר יופּיטערן.

האַדריאַן האָט דעמאָלט אויף אַלעמאָל אויפגעגעבן די האָפנונג אַריבערצוגעווינען ווען עס איז די אידן מיט גוטן, ער האָט באַשטימט דורכצופירן וואָס ער וויל מיט צוואַנג. ער האָט אָפּגעמאַכט אויסצוראָטן דעם פאַנאַטישן גלויבן פון די אידן ווי טייער דאָס זאָל אים ניט קאָסטן. ער האָט פאַרבאָטן אָפּהיטן שבת און אַנדערע אידישע ימים-טובים; פאַר לערנען תורה האָט געקומט טויט-שטראָף.

ס'איז אָבער אַלץ געווען אומזיסט. אַלץ וואָס האַדריאַן האָט אויסגע־פירט איז נאָר געווען אַן איבער'חזר'ונג דערפון וואָס סאיז געשען מיט דריי הונדערט יאָר פריער, ווען אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט פּרו־בירט אויפ'ן זעלבן אופן צו אונטערדריקן די אידן — דאָס פאָלק האָט רע־וואָלטירט.

בר כוכבא

זייער פירער איז געווען דער העלדישער בר כוכבא (באַר קויכוואָ) — דער זון פון די שטערן. דאָס פאָלק האָט אים געהאַלטן פאַר אַ משיח (מאָשיאַך) וואָס דאַרף באַפרייען די אידן פון שווערן יאָך.

טויזנטער זיינען אים נאָכגעגאַנגען. אַפילו רבי עקיבאָ וואָס איז גע־ווען דער גרעסטער געלערנטער פון זיין צייט האָט אים געשטיצט. מטבעות (מאַטבייעס) זיינען געגאָסן געוואָרן אין זיין נאָמען און דאָס פאָלק האָט בר כוכבא'ן אָנגערופן דער נשיא (נאָסי) פון ישראל.

אַ האָפענונג האָט אַלעמען צוגעגעבן מוט, — יהודה וועט ניט בלייבן אַליין, די פעלקער פון מזרח (מיזראַך) וועלן צושטיין צום אויפשטאַנד.

דריי יאָר האָט דער אויפשטאַנד געדויערט איידער רוימס גרעסטער גענעראַל סעווערוס האָט אים אונטערדריקט... און דאַן זיינען פאָר־געקומען נאָך שוידערלאַכערע שחיטות (שכיטעס) ווי אין טיטוסעס צייטן. (די פעלקער פון מזרח (מיזראַך) זיינען צום אויפשטאַנד ניט צוגעשטאַנען...)

עקיבאָ און אַ סך אַנדערע פירער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, טויזנ־טער פון די רעבעלן האָט מען פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. גרויסע שטי־קער אידיש לאַנד זיינען פאַרטיילט געוואָרן צו רוימישע סאָלדאַטן און דאָס איבעריקע לאַנד איז פאַרקויפט געוואָרן.

דער נאָמען ירושלים איז פאַרביטן געוואָרן אויף עליא קאַפּיטאָליאַ און איבערן טויער איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ סטאַטוע פון אַ חזיר (כאַזער) קאָפּ. אידן איז פאַרבאָטן געוואָרן אַריינצוקומען אין שטאָט „פאַר אַלע צייטן וואָס וועלן קומען".

נאָר אין דעם ניינטן טאָג פון מאָנאַט אָב, דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, איז די אידן דערלויבט געוואָרן אריינ־צוקומען אין ירושלים. אין יענעם טאָג פון יאָר האָבן אידן געמעגט קומען צו דער וואַנט — די לעצטע וואַנט — און וויינען און טרויערן אויפן חורבן. אָבער אַפילו אין יענעם טאָג האָבן אידן געדאַרפט אונ־טערקויפן די רוימישע וועכטער אַז זיי זאָלן ניט חוזקן און ניט שטערן.

34. די גרויסע צעשפּרייטונג

טרויעריק אָבער העלדיש האָט זיך אינם יאָר 135 פאַרענדיקט דער שטרייט צווישן דער קליינער, אָרימער יהודה און דער מעכטיקער רוים. דער גלות, די גרויסע צעשפּרייטונג פון די אידן איבער דער וועלט האָט זיך ענדגילטיק אָנגעהויבן.

מער האָבן זיך שוין די אידן, ווי אַ פאָלק, קיינמאָל ניט גענומען צום געווער אָפּצושלאָגן זייערע שונאים. קיינמאָל ניט אין לויף פון 18 הונדערט יאָר. אידן האָבן מער ניט געוואַגט רעבעלירן קעגן זייערע שונאים. זיי זיינען געווען צו ווייניק אין צאָל און צו ווייט צעשפּרייט.

די צעשפּרייטונג פון די אידן אין פרעמדע לענדער האָט זיך שוין אין דער אמתן אָנגעהויבן מיט הונדערטער יאָרן פריער איידער ירושלים איז נאָך געפאַלן.

מעגלאך שוין אין די צייטן פון שלמה'ן האָבן קליינע הייפלאך פון אידישע הענדלער געלעבט אין פרעמדע לענדער. זיכער האָבן אַ סך אידן געלעבט אין דער פרעמד נאָכדעם ווי מלכות ישראל איז צעשטערט געוואָרן און די אשורים האָבן פאַרטריבן טויזנטער אידן פון לאַנד (722 פ. ק.). נאָך מער אידן זיינען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן ווייט אַוועק, ווען די בבלים האָבן חרוב געמאַכט ירושלים (586 פ. ק.). עס איז גאַנץ מעגלאך אַז פון דעמאָלט אָן האָבן אַלעמאָל מער אידן געלעבט אויסער די גרעניצן פון לאַנד ווי אין פאַלעסטינע גופא.

אין אַלעקסאַנדריע, די וואונדערלאכע שטאָט וואָס אַלעקסאַנדער דער גרויסער האָט געגרינדעט אין עגיפּטן, איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע און אַ מעכטיקע אידישע געמיינדע, וואָס האָט פאַרמאָגט זעלבסט-פאַרוואַלטונג.

אידן האָבן פאַרמאָגט אַ באַזונדער געגנט פון שטאָט, געהאַט אייגענע געזעצן, אייגענע באַאַמטע און האָבן געשאַפן אַ רייכע אייגנאַרטיקע קולטור.

איינער פון די גרעסטע פירער פון דער העלעניסטישער וועלט איז געווען דער אַלעקסאַנדרער איד פילאָ און זיינע ווערק האָבן שפּעטער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די ערשטע קריסטלאכע געלערנטע.

ענלאכע אידישע קאָלאָניעס האָבן זיך געפונען אין רוים, אַנטיאָכיע, אַטען, בבל — איבער דער גאַנצער וועלט.

אָבער ביזן אומגליקלאכן יאָר 70 איז ירושלים אַלץ באַטראַכט גע-

וואָרן ווי דער צענטער פון די אַלע ישובים. ס'איז געווען די ג י י ס־ט י ק ע היים פון אידישן פאָלק. קיין ירושלים פלעגן אידן עולה רגל (אוילע רעגל) זיין פון דער גאַנצער וועלט. אידן האָבן געצאָלט אַ האַלבן שקל פאַרן בית־המקדש פון ירושלים. דער סנהדרין האָט אַרוים־געגעבן געזעצן און די געלערנטע האָבן געפורמט דאָס גייסטיקע אידישע לעבן. ס'איז געווען אַן אַנקער פון די אידן אין דער גאַנצער וועלט. אָבער מיטן אונטערגאַנג פון ירושלים האָט זיך דער אַנקער אָפּגעריסן. די צעזייטע ישובים האָבן פאַרלאָרן דעם צונויפבונד. אויף אַ רגע האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַלץ איז פאַרלאָרן, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען, אַז דאָס איז שוין דער סוף. אָבער ניין, ס'איז געווען ניט דער סוף נאָר אַן אָ נ ה י י ב פון אַ ניי לעבן, דאָס לעבן פון אַ פ אָ ל ק צ ע ז י י ט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

וואָס דאָס פאָלק האָט דערציילט וועגן זיינע העלדן

אַ מעשה מיט אַן אָרימען פאַסטוך

אַמאָל איז געווען אין ירושלים אַ רייכער איד, האָט ער געהייסן כלבא שבוע (קאַלבאַ שאָוואוּאַ). זיין עשירות (אַשירעס) איז באַשטאַנען פון אַ סך גיטער, וואַלד און פעלד, שאָף און רינדער.

און געווען איז ביי כלבא שבוע אַ פאַסטוך, וואָס האָט געהייסן עקיבא (אַקיווע). דער דאָזיקער פאַסטוך איז געווען, ווי אַלע פאַסטוכער, אַ גרויסער עם-הארץ (אַם-האָרעץ) און האָט אַפילו קיין אלף-בית (אַלעף-ביים) נישט געקענט. ער האָט אויך נישט געוואָלט לערנען און גע-לערנטע מענטשן האָט ער פיינט געהאַט. פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ טרייער דינער און אַן ערלאכער מענטש, און פאַר די דאָזיקע מעלות (מיילעס) האָט אים כלבא שבוע (קאַלבאַ שאָוואוּאַ) געשעצט.

עקיבא (אַקיווע) פלעגט רואיק פיטערן זיינע שאָף און רינדער, אָבער אין די שטילע שעה'ן פלעגט ער קוקן אויף דער שלאַנקער רחל'ען, כלבא שבוע'ס איינציקע טאָכטער. דאָס איז געווען זייער אַ שיין גאָטס-פאַרכטיק מיידל, וואָס האָט געהאַט זייער אַ גוט הארץ.

רחל פלעגט אויך אַמאָל קוקן אויף עקיבא'ן, אָבער עס פלעגט איר שטענדיק שטאַרק פאַרדריסן, וואָס ער איז אַ גרויסער עם-האָרץ (אַם-האָרעץ).

און איינמאָל, אין אַ שיינעם וואַרימען פרילינגס-טאָג האָט עקיבא פון דערווייטן דערזען, ווי רחל גייט. עקיבא האָט בעת-מעשה (בעאיים מאַסע) געפיטערט זיינע שאָף און האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט דער זון, מיטן גאָלדענעם טאָג, מיט די גרינע מחיה'דיקע גראָזן און מיט די פריילאכע שאָף, וואָס האָבן אויך געשפירט דעם תענוג פון פרילינג. אָבער עקיבא האָט באַלד אַראָפּגענומען זיינע אויגן פון די פעלדער און האָט געקוקט אויף דער שיינער רחל'ען, וואָס האָט זיך שלאַנק און לייכט באַוועגט צו אים.

אַז זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו עקיבא'ן, האָט זי אים טיף אָנגע-קוקט און געזאָגט:

— עקיבא, דו געפעלסט מיר, אָבער דו קאָנסט נישט לערנען... דו

ביזט אַן עם-האָרץ, עקיבא... ווען דו וואָלסט זיך גענומען צום לערנען, וואָלט איך געוואָרן דיין ווייב.

איז עקיבא רויט געוואָרן, אָבער ער האָט רואיק געענטפערט:

— אויב דיר איז די תורה אַזוי געפעלן, בין איך גרייט טאָג און נאַכט תורה צו לערנען.

— עקיבא, איך וועל דיין ווייב, — האָט אים רחל אָנגענומען ביי דער האַנט, — אָבער היט דיין וואָרט.

און עקיבא האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאָגט קורץ און מיט האַרץ:

— מיין וואָרט איז הייליק...

אינגיכן האָט דער אָרימער פּאַסטוך חתונה געהאַט מיט כלבא שבוע׳ס בת-יחידה (באַס-יעכידע).

אָבער אַז איר טאַטע האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ערביידן פאַרטריבן פון זיין שטוב.

האָבן זיי געדונגען אַ קליין שטיבעלע הינטערן שטאָט און געלעבט דאָרט אין אָרימקייט און דחקות (דאַכקעס).

עקיבא האָט איצט אַ סך געלערנט. געלעבט האָט ער פונם האָלץ, וואָס ער פלעגט פאַרקויפן אין מאַרק. אָבער מאַן און ווייב האָבן נישט געזאָרגט.

איינמאָל האָט זיי עמיץ אָנגעקלאַפּט אין טיר. האָט רחל געעפנט די טיר, איז געשטאַנען אַ פרעמדער איד, וואָס האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— גוטע מענטשן, גיט מיר אַביסל שטרוי, מיין ווייב איז קראַנק, און זי האָט נישט אויף וואָס צו ליגן.

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט עקיבא זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגעבן די שטרוי פון זיין געלעגער, און געזאָגט צו זיין ווייב:

— זעסטו, פאַראַן נאָך אָרימערע מענטשן פון אונז, וואָס האָבן אַפילו קיין שטרוי אויך נישט.

דער פרעמדער איד האָט געשוויגן. ער האָט בלויז געקוקט אויף עקיבא׳ן און געשוויגן. נאָכדעם איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן מיטן שטרוי.

עקיבא אין דער פרעמד

די יאָרן זיינען געגאַנגען. רחל האָט שוין געהאַט אַ זון, אָבער די אָרימקייט איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן. עקיבא האָט געמוזט לער־נען מער, ווי אַרבעטן. ער האָט געמוזט היטן זיין וואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן רחל׳ן. אַז די נויט איז שוין געווען ניט אַריבערצוטראָגן, האָט רחל אָפּגעשניטן אירע שיינע האָר און זיי פאַרקויפט און פאַר דעם געלט האָט זי געקויפט ברויט אין שטוב אַריין.

עקיבא׳ס אינגל, וואָס איז שוין אונטערגעוואַקסן, האָט געלערנט צוזאַמען מיט׳ן פאָטער און עקיבא האָט זיך גאָרנישט געשעמט און אָפט פלעגט ער זאָגן:

— אַ שעמעוודיקער קאָן זיך קיינמאָל נישט לערנען און בלייבט אַלעמאָל אַן עם־הארץ.

און עקיבא האָט געלערנט, טאָג און נאַכט איז ער געזעסן און געלערנט. ער האָט געלערנט פאַר דער זון, פאַר דער לבנה און האָט געלערנט פאַר די שטערן. און בשעת (בעשאַס) ער פלעגט זיך לייגן אין בעט אַ מידער און צומאַכן די אויגן, פלעגט ער אויסוויינִיק איבער׳־חזר׳ן (איבערכאַזערן) דאָס געלערנטע, ביז ער פלעגט איינשלאָפן.

פון דעם יונגן פאַסטוך, וואָס האָט געפיטערט שאָף אויף די פעטע זוניקע פעלדער פון כלבא שבוע׳ס גיטער, האָט זיך ביסלאַכווייז אויס־געאַרבעט אַ מענטש מיט אַ שאַרפן מוח (מויאַך) און אַ טיפן בליק, און באַקאַנטע האָבן שוין נישט דערקאָנט דעם פריערדיקן פאַסטוך.

און עס איז געקומען אַ צייט, ווען עקיבא האָט געמוזט פאַרלאָזן ווייב און קינד און אַוועקפאָרן אין די גרויסע ישיבות פון ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע און אויך ביים גרויסן חכם און געלערנטן ר׳ נחום פון דער שטאָט גמזו.

צוועלף לאַנגע יאָר האָט ער כמעט (קימאַט) נישט געגעסן צו דער זאַט, דעם דורשט נישט געשטילט און צוועלף יאָר האָט ער נישט געזען זיין ווייב און קינד. איצט איז שוין עקיבא אַליין געווען אַ גרויסער למדן (לאַמדן) און אַלע חכמות (כאָכמעס) זיינען געווען קלאָר און אָפן פאַר אים, ווי דער הימל, ווי די וועלט פאַר אַ זעענדיקן. איצט איז שוין עקיבא ניט געווען קיין תלמיד, נאָר אַליין אַ רבי, וואָס האָט געהאַט צוועלף טויזנט תלמידים.

און אַט האָט עקיבא איינמאָל באַשלאָסן אַראָפּצופאָרן צו זיין ווייב, וואָס האָט נאָך אַלץ געלעבט אין גרויס דחקות (דאַכקעס) און נויט און

מיטנעמען מיט זיך זיינע אַלע צוועלף טויזנט תלמידים. זאָל זי זען, ווי זיין וואָרט איז מקוים געוואָרן.

דרויסן איז געשטאַנען זייער אַ שיינער טאָג.

עקיבא איז געגאַנגען זיין וועג מיט פעסטע טריט. הונגעריק און דורשטיק איז ער געווען, אָבער עס האָט אים געטרייסט דער געדאַנק, אַז ער גייט צו זיין ווייב און קינד, וועלכע ער האָט שוין נישט געזען גאַנצע צוועלף יאָר צייט.

הינטער אים האָט זיך שטאָלץ און רואיק געצויגן אַ מחנה (מאַכנע) יונגעלייט. דאָס זיינען געווען זיינע צוועלף טויזנט תלמידים, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט זייער געליבטן און טייערן רבי'ן.

דער וועג האָט זיך פאַרקירעוועט הינטער אַ באַרג, און עקיבא האָט געוואוסט, אַז באַלד וועט ער דערזען אַ צעדער־וועלדל און נאָכדעם אַ גרין פעלד און נאָכדעם, לינקס, ר׳ מאיר׳ס הויז מיט׳ן רויטן קוימען און נאָכדעם אַ קליין טייכל און נאָכ׳ן טייכל — זיין אייגן הייזל מיטן קרומען דאַך, וואָס האָט זיך אויסגעבויגן פון אַ שטאַרקן ווינט. דאָ, נעבן הייזל, זעט זיך גאַנץ ירושלים, פונקט ווי אויפן דאַלאָניע.

עקיבא האָט געמאַכט שנעלערע טריט. דער אַמאָליקער פּאַסטוך און דער איצטיקער גרויסער למדן (לאַמדן) און רבי האָט אַ ציטער געטאָן און איז בלאַס געוואָרן: ער האָט דערזען זיין הייזל און נעבן הייזל זיין ווייב, וואָס איז געשטאַנען און געשמועסט מיט איר שכנ׳טע (שאָכנטע).

עקיבא האָט זיך אָפּגעקערט צו זיינע תלמידים:

— שטייט דאָ, — האָט ער געזאָגט אַ בלאַסער, אָבער זייער אַ צופרידענער, — איך וועל פריער אַליין צוגיין, וואָרים מיין ווייב קאָן זיך, חלילה (כאַלילע), דערשרעקן.

און עקיבא האָט זיך אַליין דערנענטערט צו דער ווייב. ער איז געגאַנגען מיט יענע שטילע געצוואונגענע טריט פון אַ מענטשן, וואָס די פרייד שטערט אים אין גיין.

און אָט, אַז ער איז שוין איבערגעגאַנגען דאָס טייכל, און איז שוין אריין אינם הויכן ברעג־גראָז, האָט ער ביי אַ צוואַנציק טריט פון זיין הייזל דערהערט, ווי די שכנ׳טע האָט זיך אָנגערופן צו זיין ווייב:

— זע־נאַר, דיין מאַן האָט דיך פאַרלאָזן און דו ביזט די גאַנצע יאָרן אַ לעבעדיקע אַלמנה (אַלמאָנע)...

אָבער רחל האָט איר רואיק געענטפערט דארויף:

— ווען מיין מאַן וואָלט מיר געפאָלגט, וואָלט ער דאָרט געזעסן נאָך צוועלף יאָר און תורה געלערנט.

עקיבא האָט איבערגעווישט דעם שטערן, זיך אויסגעגלייכט, אויפ־געהויבן די אויגן צום הימל, געשטאַנען אַ ווײַלע אינם הויכן גראָז, גע־קוקט אויף זיין רחל׳ן און אויף זיין הייזל מיטן קרומען דאך און נאָכדעם אַ זאָג געטאָן צו זיך:

— אַז מיין ווייב פאַרלאַנגט עס, גיי איך צוריק תורה לערנען.

און ער האָט זיך געלאָזט צוריק אין וועג אַריין...

עקיבא קומט אַהיים

עקיבא האָט זיך צוריקגעקערט אין דער ישיבה און געלערנט דאָרט נאָך צוועלף יאָר. איצט האָט ער שוין געהאַט פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים. מען האָט אים שוין נישט גערופן עקיבא, נאָר רבי עקיבא.

געענדיקט די צוועלף יאָר, האָט זיך עקיבא ווידער געלאָזט אין וועג אריין צוזאַמען מיט זיינע תלמידים.

אָבער דאַסמאָל האָט זיין ווייב באַצייטנס דערהערט, אַז עקיבא מיט פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים גייט אַהיים, איז זי אים אַרויס אַנט־קעגן, און אַז זי האָט אים דערזען, איז זי אים געפאַלן אויפן האַלז.

שטייען די תלמידים און גאַפן: אַן אָרימע פרוי האַלזט זייער גרויסן רבי׳ן. ווילן זיי זי אָפּשטויסן, אָבער רבי עקיבא הויבט אויף אַ פּאָר שטראַלנדיקע אויגן צו די תלמידים און זאָגט:

— שטייט, קינדער! איר זאָלט ווייסן, אַז פאַר אַלץ, וואָס איך מיט אייך האָבן געלערנט, דאַרפן מיר א י ר דאַנקען.

דעמאָלט האָבן די תלמידים גענומען זינגען אונטערן פרייען הימל און רבי עקיבא האָט שטיל געשעפּטשעט צו זיין רחל׳ען:

— איצט וועט דיר פאַר אַלץ באַצאָלט ווערן... מיין טייערע רחל... מיין טייערע רחל...

און רחל איז געוועזן די גליקלאכסטע פרוי אין גאַנץ ארץ ישראל.